STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00844

FUN NYU-YORK BIZ REHOVOT UN TSURIK

Yehoash

Permanent preservation of this book was made possible by
The Samuel J. Baskin Charitable Trust

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון ניו-יארק ביז רחובות און צוריק

פון יהואש

אַרויסגעגעבען פון
היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני
1917

Copyright 1917 by S. Bloomgarden.
(All rights reserved)

אינהאַלט

I	די אויסלייזונג	5
II	אויפ׳ן שוועל	13
III	אויפ׳ן שיף	24
IV	אין מיט׳ן ים	33
V	דער וואַלד-אינזעל	45
VI	ווילדע בלומען	54
VII	די זיילען פון הערקולעס	63
VIII	סאנטשא פאַנסאַס מדינה	73
IX	בערבערן-לאַנד	81
X	דאס רעדעל	92
XI	נאַפּאָלי	103
XII	מאַנטשיאַ	110
XIII	סצילאַ און כאַריבדיס	119
XIV	צווישען פריינד	124
XV	דער לעצטער שפּאַן	130
XVI	תל אביב	141
XVII	הרצליה	151
XVIII	האריגטע און שפּחה	158
XIX	זוניגקייט	168
XX	ארום טיש	180
XXI	אין בויען	188
XXII	פאַרשוינען	195
XXIII	ווינד-מיהלען	201
XXIV	א בריעף	210

מיין פריינד און חבר
מיין ווייב — פלארא׳ן.

בשעת מיר וועלען פאָהרען קיין ארץ ישראל
וועט זיין אַ גרויסע שמחה.

(פאלק-ליעד)

I.

די אויסלייזונג

יאהרען נאכאנאנד האט זיך אין מיר געשפונען א שעהנער ליעבער חלום. ערגעץ אין א ווינקעל פון דער נשמה האט א פלאנצונג געשפראצט און איז שטילערהייד און צנוע'דיג געוואכסען... אין דעם טומעל און דער שרייאיגקייט פון הונדערט אינטערעסען, פון ארבייטען און פון שטרעבונגען, איז די דאזיגע פלאנצונג געבליבען ניט בעמערקט... נאר אפט, אין שטילערע, רוהיגערע מינוטען פלעגט א ווינדטעל א בלאז געבען, און א זיסע דופטיגקייט פלעגט א וועה טהאן אין געזיכט און פערשכור'ן, און אנפילען דאס געמיטה מיט א וועהטאג און א בענקענים אהן שיעור.

און עס איז געקומען דער טאג ווען די דאזיגע פלאנצונג האט פאנאנדערגעפלאצט אלע איהרע קנאספען און האט זיך צובליהט און צושפרייט און האט ארייגעפלאכטען אין זיך אלע מיינע מחשבות און אלע מיינע פערבארגענסטע פערלאנגען... און פון דעם טאג אן איז ביי מיר געווארען ארץ ישראל א ליכטיגער אינזעל וואס געפינט זיך אין עק פון א לאנגען פינסטערען וועג... אלץ וואס איז גוט און ליכטיג און שעהן איז דארטען — אויף יענעם אינ־

זעל, און דעם וועג דארף מען דורכמאכען וואס שנעלער...

וועל איך נאר אהין דערגרייכען, וועלען אלע צוויפעלען זיין געלייזט, אלע פראגעס פערענטפערט, אלע דונקעלהייטען — העל, און עס וועט זיך אנהויבען א ניי לעבען... א נייער פריהלינג, א נייע יוגענד מיט נייע פעסטע גלויבענס...

אזוי שנעל ווי איך האב בעשלאסען דעם חלום פון יאהרען צו פערווירקליכען, האב איך דערשפירט א יום־טוב'דיגקייט וואס איך האב שוין לאנג לאנג ניט געפיהלט — עהנליך צו יענער יום־טוב'דיגקייט וואס איך האב איינגעל־וויין געפיהלט, ערב פסח פאר נאכט ווען איך בין מיט'ן טאטען געגאנגען אין שוהל, און אין שוהל זיינען געווען אלע לאמפען אנגעצונדען און איטליכער ווינקעלע איז געווען אויפגערא‏מט און ליכטיג, און פאר מיין קינדערשען געדאנקען האט געשוועבט די אויסזיכט פון צוויי סדרים און פון א לאנגען, לאנגען פסח...

איך בין געווען אונגעדולדיג, און האב פון מיין אונגעדולד שטארק געליטען. איך האב געוואלט אז עפעס על־פי־נס זאל איך זיך איין פריהמארגען אויפכאפען און געפינען אז איך בין אין ארץ ישראל, אין דעם לאנד פון זונענשיין, אזוי ווי איך האב עס שוין אנגעהויבען רופען בעצייטענס, איידער איך האב עס נאך געזעהן.

דער ליכטיגער אינזעל האט געשטראהלט און געררפען פון דער ווייטען... און איך האב גענומען צעהלען די וואכען, די טעג און די שטונדען.

האָב איך אנגעהויבען מאַכען הכנות צו דער רייזע, און ניט קוקענדיג דערויף וואָס ביז מיין אָפּפאָהר זיינען נאָך געבליבען אייניגע מאָנאַטען, האָב איך די דאָזיגע הכנות געמאַכט מיט אַזאַ פערהאָוועטקייט און אימפּעט. אַזוי ווי אַם שוין מאָרגען רייז איך אָפּ.

איין טאָג האָט דער שטן אנגעהויבען זיין שפּיעל:
— און ווי וועט זיין אַז דו וועסט דאָרט ניט געפינען וואָס דו זוכסט און ערוואַרטעסט?...
פלעג איך דעם שטן פערשטאָפּען דעם מויל מיט ביי־דע פויסטען און זאָגען:
— איך זוך און ערוואַרט קיין זאַך ניט... איך וויל נאָר ארץ ישראל. איך וויל דעם הימעל און די ערד פון ארץ ישראל. זיי וועל איך דאָך געפינען אויפ'ן אָרט... דעם רעשט וועל איך מיט זיך ברענגען.
אָבער דער שטן האָט זיין פּראָפּאַגאַנדע ניט אויפגע־הערט, און תמיד אין אַ נייער געשטאַלט.
קומט ער צו מיר אין דעם גלגול פון מיינעם אַן אינ־טימען פריינד וואָס איז נאָר וואָס געקומען צוריק פון אַ בעזוך אין זיין קאַליפאָרניען און ער זאָגט אַזוי: —
— אויב דו ווילסט אַ לאַנד פון זונענשיין, טאָ צו וואָס זיך שלעפּען עק וועלט און זיך פערזויקען אין אַ האַל־בען מדבר?... סאַקראַמענטאָ און פּאַסאַדענאַ זיינען דאָך דער אמת'ער גן־עדן התחתון. ברודער, דו האָסט נאָך אַזעל־כע גרויסע און אַזוי פיעל רייזען ניט געזעהן אין דיין לע־בענס טאָג... אַרום חנוכה צייט בליהען זיי זיך ערשט

פאנאנדער, און וואלגערען זיך ממש אונטער די פיס. היינט אראנזשען און בלאע הימלען און הויכע בוימער און ים — פיעל דיין הארץ געלוסט... און א בריעף ביז ניו יארק נעהמט סך הכל פיער טעג און א טעלעגראם א פאאר מי־נוטען. און צייטונגען און זשורנאלען, און טהעאטערען...

הער איך איהם אויס און ענטפער:

— אבער איך וויל פאהרען אין ארץ ישראל...

האט זיך דער שטן פער'גנב'עט ערגעץ אין א בוידים־ווינקעל פון מח און האט פון דארטען גענומען ווארפען אלערליי שטיינער און שווער מאכען דאס הארץ...

— אפשר, אפשר איז ער טאקי גערעכט?...

אבער דער גאט פון ציון און ירושלים האט מיר גע־האלפען און די אויסלייזונג איז געקומען. עס האט פא־סירט גאנץ אומגעריכט און האט איין מאל פאר אלע מאל געמאכט א סוף צו אלע ספקות און קוויינקלען זיך...

איך זיץ אזוי איינמאל פערטראכט ביים פענסטער, מיט אמאל זעה איך, ווי א גרויסער צוגעמאכטער אויטא־מאביל, א נייער און א גלאנציגער, אזוי ווי אט נאר וואס פון דער פאבריק ארויס, האט זיך אפגעשטעלט נעבען אונזער הויז. די טהירעל טהוט זיך אן עפען און איך דער־קען דעם בעקאנטען משכיל און כלל־טהוער מר... ער לאזט זיך גלייך צו מיר.

— א גאסט כ׳לעבען...

ער דערלאנגט מיר די האנד און איך זעה אז זיינע אויגען געוועהנליך מילד און פריינדליך, זיינען שרעקליך

רוגזה'דיג. איך פועל קוים מיט צרות ער זאל זיך זעצען, און זעה אז ער האלט מיט געוואלט איין זיין אויפרעגונג.

ענדליך ברעכט ער אויס:

— הייסט עס, אז איהר פאהרט טאקי קיין ארץ ישראל?...

— הפנים אזוי...

— פעסט בעשטימט?...

— פעסט בעשטימט.

— בין איך אייך געקומען בעטען, ווי גאט איז אייך ליעב, האט רחמנות אויף זיך און אויף אייער ווייב און אויף אייער קינד, און אויף אייערע פריינד און שכנים, און פאקט צוריק אויס אייערע חפצים און בלייבט זיצען אויף אן ארט. איהר וועט דארט לענגער ניט זיין ווי איך, און איך בין קוים מיט'ן לעבען אנטלאפען...

איך ווייס אז ער איז א קלוגער איד און דערצו א גרויסער ליעבהאבער פון דער העברעאישער שפראך. א סברה אז ער פלעגט נאך אפילו אויף די עלטערע יאהרען שרייבען בשתיקה העברעאישע שירים. הויב איך אן מיט דער שטארקער טענה:

— איך האב א קליין טעכטערל, וועט זי זיך דארטען אויסלערנען העברעאיש...

— העברעאיש — לאכט ער איראניש — אויב איהר ווילט זי זאל פערגעסען די פאאר ווערטער וואס זי קען, טא בעזעצט זיך אין ארץ ישראל. מען קען דארטען גאר קיין העברעאיש ניט. ענטוועדער א מין „מגלה טמירין" לשון אדער רוסיש. מעהר פון אלצדינג רוסיש. ווארום אין עצם גענומען זיינען אלע איינוואוינער פון תל־אביב

— און איהר וועט דאך מסתמא וואוינען אין תל־אביב — אסימילאטארען און אנטיסעמיטען...

פרוביר איך א סוחר'ישען ארגומענט:

— דאס לעבען איז דארט ב'ליג... שפייזען און אלע לעבענס־בעדירפעניסען זיינען בחצי חנם.

שיסט ער אוים מיט א געלעכטער: —

— איהר האט נאך אזא יקרות'דיג לאנד ניט געזעהן. בראנד טהייער צו וואס איהר ריהרט זיך צו. א פונט פור־טער קאסט אזוי פיעל וויפיעל ביי אונז אן אינגערסאל־זייגער.

— זיינען אבער די עסענס פריש און בע'טעמ'ט — כאפ איך זיך אן א שטרוי.

— וואס מיר פריש און בע'טעמ'ט? מע קען דאך קיין זאך אין מויל ניט נעהמען. אט נעהמט זייער פלייש, למשל, איז דאס אמת'ע פאדלע.

— דערפאר — לאז איך ניט אפ — איז דער קלי־מאט א געזונדער...

— עס הויבט זיך גאר ניט אן — שרייט ער מיר אריין אין געזיכט — אלע חלאת'ן פון דער תוכחה וועט איהר דארט געפינען. ראשית וועט איהר קראנק ווערען אויף טראכאמא און וועט בלינד ווערען... דערנאך וועט איהר צופארעט ווערען פון היץ און קריגען אן אויסשלאג אויפ'ן לייב און...

איך לאז איהם ניט ענדיגען: —

— הייסט עס, אז לויט אייער מיינונג איז דאס א שלעכט לאנד.

— שלעכט — קלאפט ער אין טיש — איז קיין

ווארט ניט. עס איז אַן אומגליק פאַר די וואָס וואוינען דאָרטען. עס איז אַ לאַנד פון אַנטיסעמיטען, עם־הארצים, שאַרלאַטאַנעס, פיבערס, אויסשלאַג, שלעכטע פלייש און... נאָר וואָס זאָל איך ווייטער רעכענען. איך בעשווער אייך, געהט ניט אַהין. אַ מעהר לעזט בעסער איבער די בראָ־שור וואָס איך האָב געלאָזט דרוקען אויף מיינע הוצאות ווען איך בין צוריקגעקומען פון פּאַלעסטינא. דאָרט איז בעוויזען שוואַרץ אויף ווייס אַז דער גאַנצער ישוב איז ניט ווערטה אַן אויסגעבלאָזענע איי און אַז ארץ ישראל בכלל איז אַן אָנשיקעניש אויפ׳ן כלל ישראל...

איך האָב מיט אַמאָל דערפיהלט אַ מאָדנע לייכטקייט אויפ׳ן האַרצען. עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט נאָר וואָס פּטור געוואָרען פון אַ שלעכטען צאָהן וואָס האָט מיך ניט אויפ־געהערט צו מאַטערען וואָכען נאָכאַנאַנד.

איצט האָב איך געוואוסט אויף זיכער אַז איך וועל געהן קיין ארץ ישראל.

געענטפערט האָב איך אַט־וואָס:

— מיין ליעבער מר..... איך ווייס אַז איהר האָט אַ סך גמרא אין אייער יוגענד געלערענט און האָט ליעב נאָך איצט אויך אַ תלמודיש ווערטעל. די גמרא זאָגט אַז „אוירא דארץ ישראל מחכים". די לופט פון ארץ ישראל מאַכט איינעם קלוג... וויל איך אַהינצו געהן קלוג ווערען...

ער האָט זיך מיט מיר געזעגענט מיט אַ שווערען האַרצען. ער איז מיר געווען אַן אמת גוטער פריינד און האָט ניט געקענט צוזעהן גלייכגילטיג ווי איך פיהר מיין קינד צום שמד און וויל ניט אַנדערש ווערען בלינד און בלינדערהייד עסען שלעכטע פלייש.

ער איז אַרויס, האָט זיך אַריינגעזעצט אין זיין גרויסען גלאַנציגען אויטאָמאָביל און איז אַפּגעפאָהרען.

איך האָב געהערט דעם טאַק־טאַק פון דער מאַשין ווערענדיג שוואַכער און שוואַכער ביז ער איז אינגאַנצען פערשוואונדען, און מיט איהם איז פערשוואונדען דער לעצטער צויט פון אונגעוויסהייט וואָס איז נאָך געהאַנגען אין געדאַנקען.

הייסט עס, אָ פּ נ אַ ר ע ן וועט מיך שוין ארץ ישראל נ י ט . . . איך האָב זיך געשראָקען, איז געקומען די גוטע כונה פון אַ פריינד און האָט מיך געהיילט פון מיין שרעק.

אַ דאַנק די מרגלים...

קלוג צו ווערען ?... אפשר אויך פון אַ סך קלוגשאַפט לויז צו ווערען...

איך האָב אין יענער צייט געשריבען די פאָלגענדע שורות :

איך האָב געוואָלט פאַנאַנדערשפּינען
די דונקעלע פערלאַנגען,
איך האָב געוואָלט מיין זעעל געפינען
און בין צום ליכט געגאַנגען...
די שטראַהלען האָבען מיך געשטאָכען,
דער שומער האָט מיין קראַפט געבראָכען,
האָב איך די טיהרען צוגעריגעלט,
האָב איך די אויגען פעסט פערזיגעלט,
און פון דער פינסטערנים האָט העל
אַרויסגעבליצט אַ שטערען —
איז ד אָ ס געווען דער קערן,
דער קערן פון מיין זעעל...

ח.

אויפ'ן שוועל

די אונבעשלאָסענקייט איז אריבער, און די נשמה האָט ניט געמאַכט קיין שהיות און זיך גלייך אריבערגע־טראָגען אין דעם לאַנד פון רוה און ליכט. שפּעטער האָט געזאָלט נ א כ ק ו מ ע ן דער גוף, אין בעגלייטונג פון מיין קליינער פאַמיליע און צוזאַמען מיט אונזער באַגאַזש. אין געדאַנקען האָב איך שוין געזעהן דאָס קליינע ווייסע הויז הינטער'ן שטעדטל, אין וועלכען מיר וועלען וואוינען, מיט בוימער אַרום, און מיט אַ גערטעל בלומען. ווען איך האָב צוגעמאַכט די אויגען, האָב איך געקענט הערען די זשומעריי פון די ביענען אַרום די רויטע און געלע בעכער־לעך... ערגעץ אין דער שכונה האָט געבלענדט די אויגען אַ גאָלדענער זאַמד, און הינטער'ן זאַמד אַ בלאָער, זעהר בלאָער וואַסער... דער זאַמד און דער וואַסער זיינען ניט תמיד געווען אויף דעם זעלבינען אָרט אין דער לאַנדשאַפט. אַמאָל זיינען זיי געווען פון ד ע ר זייט הויז און אַמאָל פון דער א נ ד ע ר זייט, אַבער ערגעץ־וואו האָ־בען זיי זיך געמוזט אין דעם בילד געפינען...

די שווערינקייטען פון דער נסיעה אָדער, גענויער

געפּרעדט, פון דער הקדמה צו אונזער נסיעה, האָבען זיך ערשט אָנגעהויבען. קודם כל האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ סדרה בריעף. אַזוי שנעל ווי עס איז בעקאַנט געוואָרען אַז איך פאָהר קיין פּאַלעסטינא, האָב איך גענומען קריגען בריעף פון ווילד־פרעמדע מענשען, וואָס זיינען זיך מישב מיט מיר, צי זיי זאָלען פאָהרען קיין ארץ ישראל אָדער ניט. און אויב איך עצה אַז זיי זאָלען יאָ פאָהרען, זאָל איך שוין פאַר איין גאַנג ניט פערגעסען צו שרייבען, אויף וועלכער שיף־ליניע עס איז בעסער צו פאָהרען, און ווי לאַנג די נסיעה דויערט א. א. וו.

ניט ווילענדיג און ניט וויסענדיג, בין איך געוואָרען אַ מין אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָ פאַר אַלע זאַכען וואָס האָבען צו טהאָן מיט פאָהרען קיין ארץ ישראל, און ממילא, אַ מחויב צו ווערען דער וועגווייזער און ראַטהגעבער פון אַלע וואָס האָבען בדעה, ווי איך, זיך דאָרטען צו בעזעצען. איטליכער וואָס האָט געפּלאַנט אָדער געהאָפט צו געהן קיין פּאַלעסטינא, האָט מיך בעטראַכט פאַר אַ נאָהנטען מקורב.

געוועזן אַ פאַל וואו דער שרייבער האָט פערלאַנגט מעהר ווי אַ ראַטה.

אַ יונגערמאַן פון ערגעץ אַ שטעדטעל אין ניו דזשערזי — איך געדענק ניט מעהר דעם נאָמען — איז מיר מודיע אין אַ בריעף, אַז ער האָט שטענדיג געהאַט חשק צו געהן קיין ארץ ישראל, און אַז עס איז ביי איהם געבליבען דעמ־דאָזיגען חשק זיינעם צו ברענגען מן הכח אל הפועל. איז בכן, וויל ער זיך בענוצען מיט דער איצטיגער געלעגענהייט

און פאהרען מיט מיר צוזאמען, וועט אי איהם אי מיר זיין היימליכער. ער האט פאר דעם צוועק אנגענרייט זעכצעהן דאלאר. נאר אזוי ווי די הוצאות הדרך בעטרע־פען פיעל מעהר, זאל איך אזוי גוט זיין און איהם צושיקען דעם רעשט, און באם לאו, סטראשעט ער, אז ער וועט זיך דאס לעבען נעהמען.

צו דערזעלבינער צייט, האב איך אליין שיער ניט פערמוטשעט צום טויט פיער שיף־געזעלשאפטען און א צוויי־דריי דוצען גלאט אזוי אונשולדיגע מענשען, מיט מיינע אייגענע נאכפראגעס.

איך האב אנגעהויבען קריגען צוגעשיקט אלע טאג פון די שיף־געזעלשאפטען בריעף, בראשורען, מאפען, ביל־דער, א. א. וו. און דער תמצית פון זיי אלע איז געווען, אז פאהרען אויפ׳ן ים, און בעזונדערס אין ווינטער, איז דער גרעסטער תענוג וואס א ילוד אשה קען זיך פערגינען אויף דער וועלט...

אויף מיין טיש זיינען געלעגען אנגעווארפען גאנצע בערג פון דערדאזיגער ליטעראטור. און גאנצענע טעג פלעג איך זיצען שטודירען און פערגלייכען איין ליניע מיט דער צווייטער, איבערלייענען די זיסע הבטחות וואס יעדע קאמפאני מאכט, און איבערקוקען די בילדער פון די לענ־דער וואו די פערשיעדענע שיפען ווע לען זיך אבשטעלען. דער טאג האט קוים געסטאיעט דורכצוקוקען די פעק וואס איך פלעג בעקומען מיט יעדער פאסט, און איך האב בע־שלאסען צו מאכען אן ענד צו דער קלייבענים און זוכע־נים, איידער איך וועל זיך ארויסארבייטען פון די כחות.

איז געבליבען, די ענגלישע שיף „לאקאניא", וואס האט געזאלט אפפאהרען דעם 21טען יאנואר, אין דעם יאהר 1914, פון ניו יארק קיין אלעקסאנדריען, און זיך אפשטעלען אויפ'ן וועג אין מאדערא, גיבראלטאר, אלזשיר, מאנאקא און נעאפעל.

אויף דער טאגעס־ארדנונג איז געוועזן : זעע־קראנקהייט.

מעהר ווי איך אליין האבען זיך מיינע גוטע פריינד, פון מיינעטוועגען, געשראקען פאר דערדאזיגער קראנק־הייט. און דער פועל יוצא איז געוועזן, אז מע האט פון אלע זייטען גענומען מיך פערזארגען מיט עצות און מיט־לען וואס זיינען בדוק ומנוסה פון איהר צו פערהיטען.

מיין שוועסטערקינד זאגט מיר אז, ווי גאט איז מיר ליעב, אז איך זאל זיך ניט דערוועגען ארויפגעהן אויפ'ן שיף מיט א פולען מאגען. מעהר ווי א גלאז הייסע וואַ־סער זאל איך דעם טאג אין מויל ניט נעהמען. ווען ניט, בין איך פערביי.

להיפך, אונזער שכן זאגט, אז דער בעסטער און איינ־ציגער מיטעל, איז נאר צו שטאפען אין זיך פיעל מען קען, צי מען האט אפעטיט צי ניט.

מיינער א בעקאנטער וואס איז דוקא א מומחה אין די זאכען — ער אליין איז שוין מעהרערע מאל אריבערגע־פאהרען דעם אוקינוס — ערקלערט קאטעגאריש, אז קעגען ים־קראנקהייט איז דא נאר איין הילף — ליעגען אויפ'ן רוקען און ניט ריהרען מיט קיין אבר. ער אליין טהוט

תמיד אזוי און פיהלט זיך אויפ'ן שיף — הלואי אויף מיר געזאגט געווארען.

געפינט זיך אז אנדערער וואס זאגט, אז אויב איך וויל ניט שטעלען מיין לעבען אין סכנה, זאל איך זיך האל־טען אין איין בעווענען אויפ'ן דעק פון שיף. מיין רייכער קרוב רעקאמענדירט טרינקען אזוי פיעל שאמפאניער ווי־פיעל איך קען נאר. און מיין בעקאנטער פון ברוקלין, וואס האט אמאל געהאלטען א קענדי־סטאר, זאגט אז איך זאל האלטען אין איין קייען לעמאן־צוקערקעס.

דער הויפט־געשפרעך אין הויז איז געווארען זעע־קראנקהייט. מע האט פון קיין אנדער זאך ניט גערעדט, און איך האב געפיהלט צייטענווייז אזוי ווי די דילען הויבען זיך אן וואקלען, און עס האט שוין אנגעהויבען מיט אן אמת...

דער אלטער פעדלער מיט דער רויטער בארד, וואס איז אן אפטער איינגעהער ביי אונז אין הויז און רופט מיך „ר ב יהואש", האט מיר געגעבען א זילבערנעם צעהן־סענט שטיק איך זאל עס אפגעבען דעם ערשטען ארעמאן וואס איך וועל אנטרעפען אין ירושלים... דאס — זאגט ער — מאכט מיך פאר א שליח מצוה, און א שליח מצוה — זאגען אונזערע חכמים — איז בעשיצט פון אל־דאס־בייז. איך האב דעם צעהן־סענטיגען גוט איינגעוויקעלט אין פאפיער און איהם בעהאלטען אין מיין טייסטער.

ווי עס האט זיך אבער שפעטער ארויסגעוויזען, איז

מיר נים בעשערט געווען אויסצופיהרען די שליחות פון דעם גוטען אלטען פעדלער. אויפ׳ן דריטען טאג נאך מיין אנקומען קיין יפו האב איך זיך געכאפט אז מיין טייסטער איז נעלם געווארען צוזאמען מיט דעם מזל׳דיגען „דאים" וואס האט מיך בשלום אריבערגעבראכט איבער צוויי ימים, און צוזאמען מיט נאך אנדערע ווערטהפולע זאכען.

אזא מזל האבען שוין קמיעות, אז זיך אליין קענען זיי נים בעשיצען...

האט אנגעהויבען געהן א סדרה געזעגענען זיך.

וואויל און גוט איז געווען אונזערע עלטערען אין מצרים וואס האבען זיך מיט קיינעם נים בעדארפט און נים געוואלט געזעגענען, פאר׳ן אוועקגעהן קיין ארץ ישראל. אין מיטען דער נאכט, נאך מיט ברעקלעך קרבן־פסח צווי־שען די צייהנער, גענומען דעם שטעקען אין דער האנד, געטהאן א קלאפ מיט דער טהיר, און אהן א שום זיי־געזונד אוועקגעשפרייזט און פארטיג... וואלטען זיי גע־דארפט זיך ערשט צעזעגענען מיט פריינד און בעקאנטע, בין איך שטארק מסופק אויב זיי וואלטען ווען עס איז די רייזע אונטערנומען, סיידען זיי וואלטען ווי איך געפאהרען מיט דער „לאקאניא", אויף וועלכער די שיף־געזעלשאפט האט אונז צוגעזאגט אלערליי תענוגים.

דאס געזעגענען זיך האט זיך אייגענטליך אנגעהויבען מיט א חדשים דריי פאר מיין אפפאהר, און האט אנגע־האלטען אהן הפסקות ביז די שיף האט פערלאזען ניו יארק.

אין אנהויב איז עס געווען א פערגעניגען.

שפעטער איז עס געווארען אן אנגענעהמער חוב, נאך שפעטער א חוב אהן א שום אנגענעהמקייט, און גאר צום סוף איז עס געווארען א געפאהר פאר דער געזונד־הייט. אז איך פלעג דערזעהן עמיצען וואס קומט זיך מיט מיר געזעגענען, פלעגט מיך בענעהמען א שלאפקייט ארום הארצען... דערביי פלעג איך מיט א שמייכעל דריקען די האנד פון דעם געזעגענער, ווענענס כונה איז דאך נאך אלעמען געוועזן א גוטע, פלעג איהם ווינשען אל־דאס־גוטס און בעטען ער זאל למען השם מיר שרייבען אזוי אפט ווי די כחות וועלען איהם טראגען...

נאך דעם ווי איך האב גענומען אפשייד פון פריינד און קרובים און אזוי בעקאנטע און זיך צעזעגענט מיט זיי אויפ׳ן פיינסטען אופן, איז נאך געבליבען זיך צו געזעגענען זיך מיט׳ן „פאלק״. דער פלאץ וואו איך האב זיך געזאלט טרעפען מיט׳ן „פאלק״ פאר דערמאזינגען וויכ־טיגען ענין איז געווען „קארנעגי האל״, און דער טאג, דעצעמבער 20טער.

דאס „פאלק״ האט שטארק הנאה געהאט, אויב מע האט געזאלט אורטיילען לויט דער פאטשעריי וואס האט בעלוינט יעדען נומער. מעהר פון אלץ האבען זיי, ווי מיר דאכט, געקליבען נחת פון די רעדנער פון וועלכע איי־נער האט פערזיכערט דעם עולם אז איך וועל פערבלייבען אין ארץ ישראל ביז דעם לעצטען אטהעמצוג פון מיין לעבען און א צווייטער האט געגעבען זיין הבטחה אז איך וועל איבער־א־יאהר אדער צוויי, אם ירצה השם, קומען צו

ריק אין ניו יארק. מיר אליין, הגם איך בין דאך געווען א נוגע בדבר און בין סך הכל געזעסען א צוויי־דריי טריט פון די רעדנער — האט מען אפילו ניט געהאלטען פאר נויטיג א פרעג צו געבען...

די פראגראם איז געווען א לאנגע. אחוץ רעדנער זיינען געווען זינגער און שפיעלער מכל המינים. צום סאמע ענד האט מען מיר אויך ערלויבט צו זאגען א פאאר ווערטער.

די „לאקאניא" האט ערשט געזאלט אפפאהרען אין א מאנאט ארום און איך האב מיט אמאל דערפיהלט אז אין ניו יארק איז מעהר פאר מיר קיין פלאץ ניטא. אלס אז „אפגעזעגענטער", שוין לכל הדעות, אי ביחידות, אי מיט'ן „פאלק" — האב איך לויט אלע געזעצען פון דרך ארץ און יושר געדארפט תיכף אפפאהרען. איך בין געווען אין דער אבנארמאלער לאגע פון איינעם וואס האט אפגעזאגט וידוי און וויל בשום אופן ניט שטארבען.

איך אליין וואלט שוין ווי עס איז מיט מיין געוויסען דורכגעקומען. דער געוויסען איז נאך אלעמען קיין גזלן ניט און אויג אויף אויג קען מען שוין מיט איהם מושוה ווערען. פלעג איך זיך אבער בעגעגענען אלע ווילע מיט מענשען וואס איך האב זיך מיט זיי געזעגענט און איך פלעג פיהלען אז איך דארף זיך פאר איטליכען פון זיי ענטשולדיגען און ערקלערען אז עס איז ניט חלילה מיין שולד נאר די שולד פון דער „קונארד־ליניע" וואס לאזט

די „לאקאניא" ניט אפפאהרען פריהער פון דעם 21טען יאנואר.

איך האב אנגעהויבען אויסמיידען מענשען, און ביי טאג פלעג איך כמעט פון הויז ניט ארויסגעהן.

האבען געוויסע מענשען בעשלאסען מיך מכבד צו זיין בפני כל עם ועדה, און האבען מיר געגעבען א באנקעט.

געזאגט האט מען כלומר'שט מע וויל מיר אפגעבען כבוד, אבער די כונה איז געווען קלאר ווי דער טאג:

זאלען — הייסט עס — אלע זעהן דעם מאן וואס האט זיך אפגעזעגענט און וויל בשום אופן ניט אפפאהרען.

אויפ'ן באנקעט זיינען געווען א סך רעדעס, בעזונ־דערס געדענק איך איינע, געהאלטען אין ענגליש פון א העברעאישען משכיל, וואס האט זיך בענוצט מיט דער גע־לעגענהייט צו מאכען אש פון אידיש און דער אידישער ליטעראטור.

דערפאר האב איך געהאט הנאה פון דער רעדע וואס דער געוועזענער גאווערנאר זולצער האט געהאלטען.

ווי אזוי ער איז געקומען אויפ'ן באנקעט, ווייס איך עד היום ניט. אפשר האט ער אונטערגעקויפט א קעלנער. מאלע וואס א „פאטריאט" קען טהאן.

ווי די זאך זאל ניט זיין, ער האט דערצעהלט דעם עולם אז איך בין א גרויסער דיכטער און האט מיינע ליעדער געלויבט אין הימעל אריין. ער האט גערעדט מיט אזא ווארעמקייט, אז מע האט געזעהן בחוש, אז ער קען אלץ וואס איך האב געשריבען אויף אויסווענינג.

פיעל פון די געסט וואָס האָבען קיינמאָל פון מיר אַ שורה ניט געלייענט, האָבען בעשלאָסען מיך צו נעהמען לייענען אויף דעם עקס־גאָווערנאָר׳ס מבינות.

מיינע פעדער־חברים האָט דאָס חאַרץ ניט געשטילט. איז צו מיר געקומען אַ דעלעגאַציע מיך איינלאָדען אויף אַ צווייטען אַבשייד־באַנקעט. איך האָב זיך געפּרובט אָפּ־בעטען, אָבער אין זייערע אויגען איז געווען די לוסט פון נקמה... האָב איך זיך אונטערגעגעבען בתנאי מע זאָל מיך ניט צופיעל דערמאָנען אַז מיין פערברעך און זיך „גע־זעגענען״, מיט רחמנות...

זיי האָבען געהאַלטען וואָרט. מע האָט געגעסען און געטרונקען און זיך משמח געווען, און „געזעגענט״ זיך כמעט ווי גאָרניט. איך האָב בעוואונדערט זייער פיינעם טאַקט און האָב אויפ׳ן דעק פון מיין הארצען געשפּירט אַז אַ „געזעגענטער״ ווי איך האָב ניט קיין רעכט אזעלכע געהויבענע מענשען צו קוקען גלייך אין די אויגען. אָפּי־ציעל בין איך שוין אייגענטליך געווען ווייט פון ניו יאָרק.

פאַר׳ן אוועקגעהן אָבער האָבען זיי ארויסגעוויזען זיי־ער אירענישע אַבזיכט, און האָבען מיר דערלאַנגט אַ שעהנעם אַלבום מיט איינשריפטען פון אַלע אידישע לי־טעראַטען, אַלס אַ געזעגען־געשאַנק...

אין דעם אַלבום האָבען זיי זיך געזעגענט מיט מיר אויף אַלערליי נוסחות און אין אַלערליי שפּראַכען. מען האָט גענומען אַבשייד פון מיר אויף העברעאיש, רו־סיש, פּויליש, פראַנצויזיש, ענגליש. פּח יוצא ווענגען, איז

געווען אידיש אויך. פראפעסאר זעליקאוויץ האט זיך גע־זעגענט אויף אראביש, וואס איך האב ערשט אויסגעפונען דעם בעדייט דערפון, נאך דעם ווי איך האב א רונדען יאהר זיך געמאטערט אויף דעם דאזיגען שווערען לשון. אנדערע האבען זיך געזעגענט אין ליעדער, וואס איך האב נאר האלב פערשטאנען, און א אידישער קאמפאזיטאר האט זיך גע־זעגענט אין נאטען, וואס איך הויב עד היום נים אן צו פערשטעהן.

קומענדיג אהיים — עס איז שוין געווען לאנג נאך האלבע נאכט — האב איך אויף זיך גענומען א נדר צו שרייבען צו דער קאמפאני, און זיי בעטען תחנונים אפשר איז מעגליך מיך אבשיקען פריהער. כאטש מיט א קויה־לענשיף, אבי אבפאהרען...

אויף מארגען מיט דער ערשטער פאסט, קומט מיר אן א בריעף פון שיקאגא, וואו מע בעט מיך איך זאל זיך קומען אהין געזעגענען...

האב איך אנגעזאגט אין הויז מע זאל מעהר קיין בריעף נים צונעהמען, קיין טעלעפאן נים ענטפערען און קיין מוטער־מענשען אין שטוב נים אריינלאזען...

אוועקגעפאהרען און פארטיג...

III.

אויפ׳ן שיף

כ׳האָב פערגעסען אַלע ליעבסטע,
כ׳האָב פערלאָזט מיין אייגען הויז;
כ׳האָב דעם ים זיך אָפּגעגעבען:
טראָג מיך, ים, צום מוטער׳ס שויס...
(ביאליק פון יהודה הלוי).

די קלאָדקע איז אַרויפגעצויגען געוואָרען אויפ׳ן פערדעק און צווישען דעם גרויסען אייזערנעם לויתן און די דיקע באַלקענס פון דעם פיער, האָט דאָס וואַסער אָנגעהויבען קאָכען און שוימלען. די שיף האָט אַרויסגעלאָזען אַ לאַנגען מורא׳דיגען ברום, פון וועלכען די פּאַרענטשעס האָבען אַזש געציטערט. און מיט אַמאָל — אַ רוק... און דער דאַק, מיט די הונדערטער מענשען, וויגענדיג זייערע היט און זייערע טאַשענטיכער, האָט גענומען אָפּטרעטען הינטערוויילעכטס...

אין אַ ווינקעל זיינען געשטאַנען אין איין גרופּע מיינע פריינד, און ווען די שיף האָט זיך אויסגעדרעהט און זיי האָבען מיך מעהר פון דאָרט ניט געקענט זעהן, האָבען זיי זיך האַסטיג אַ לאָז געטהאָן צו דעם פּאָדערשטען ברעג, כדי צו קענען כאַפּען נאָך אַ קוק. איך האָב זיי געזעהן לויפענדיג און האָב געהאַט דאָס געפיהל אַזוי ווי זיי לויי-

פען עס מיך מיט געוואַלט אַרונטערצורייסען פון דער שיף, און זיי כאַפּען זיך אַז עס איז צו שפּעט...

— קיין מאָל אין לעבען וועל איך מעהר דידאָזיגע מענשען און דעמדאָזיגען דאָק ניט זעהן... קיינמאָל...

דאָס האַרץ האָט גענומען זינקען, זינקען אַזוי ווי אין אַ קאַשמאַר, און די אויגען זיינען געוואָרען פערנעבעלט...

ערגעץ אין דער שטאָדט סעראַיעוואָ, אין דעם לאַנד באָסניען, האָט אַ יונגער הייס־בלוטיגער פּאַטריאָט גע־פּלאַנט מיין צוריקקעהר — פּלאַנענדיג דעם טויט פון דעם עסטרייכישען קרוינפּרינץ, וואָס האָט געזאָלט ברענגען די גרויסע וועלט־מלחמה, און שפּעטער — ברענגען מ י ך אויף דער אַמעריקאַנישער קריעג־שיף „טענעסי", פון יפו קיין אַלעקסאַנדריאַ.

אָבער אין דער פינסטער אַרבייט די האַנד וואָס ציהט די שטריק פון לעבען, און ד ע ר ו ו י י ל האָב איך געזעהן ווי מיין היים פאַר די לעצטע דריי־און־צוואַנציג יאָהר פערשווינדט ביסלעכווייז הינטער מיר, און פער־שווינדט אויף אייביג...

קיין שפּור פון קיין דאָק איז מעהר ניט געווען... איך האָב געוואָלט זיין אַליין און בין אַריין אין מיין קאַיוטע...

איך האָב מיט אַמאָל דערפיהלט ווי שטאַרק די פּע־דים זיינען מיט וועלכע מיין נייע היים האָט מיך צו זיך געקניפּט...

איך האָב ליעב געקריגען איהרע פּרעירים און איהרע בערג, איהרע טייכען און איהרע גרויסע רוימען, איהר

ריעזיגען פיאנער־גייסט, איהר ברייטקייט און איהר פריי־הייט... איך האב זיך געגרויסט מיט דעם וואס איך בין איינער פון איהרע בירגער, שטאלצע פרייע בירגער — איטליכער פון זיי א קעניג דורך דער גנאד פון אייגענער קראפט און אייגענעם ווילען...

ליעבע טייער־געווארענע היים! איך וועל טראכטען פון דיר און איך וועל שטאלץ זיין אויף די דריי־און־צוואנ־ציג יאהר וואס איך האב דיין פרייע ערד געטרעטען, דיינע פרייע לופטען געאטהעמט... מיט ליעבע וועל איך דיך דערמאנען, און בענשען וועל איך דיך און בענקען וועל איך נאך דיר, אבער זעהן וועלען דיך מעהר ניט מיינע אויגען...

דורך הונדערט דורות פלעכט זיך א קייט און ציהט מיך צו א ווייטען קליינעם לאנד... הונדערט דורות רופען דורך מיינע בלוטען און איך מוז געהארכען — אבער קיינמאל וועל איך דיך ניט פערגעסען...

און אפשר זיינען עס די פרישע ווינטען פון דיינע פרעירים געווען, די וואס האבען די טויטע הונדערט דורות אין מיין בלוט געוועקט?...

אפשר זיינען עס די שטאלצע שפיצען פון דיינע שנעע־בערג געווען, די וואס האבען מיך געמוטהיגט דעם רוף צו געהארכען?

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

ווען איך בין ארויס צוריק אויפ'ן פערדעק, איז ביים האריזאנט בלויז געווען א גראהליכער פאס, דער לעצטער זכר פון דער יבשה, וואס האט שנעל געזאלט פערשוואונ־דען ווערען.

דער דעק איז געווען פול מיט פּאַרלעך און איינציגע וואָס האָבן געשפּאַצירט הין און הער און געלאַכט און געפּלוידערט.

קאַלטע זילבער־פונקען האָבן צוריקגעבליצט פון די זון־בעשפּריצטע וועלען און די שיף האָט זיך געטראָגן ווי א גרויסער שווימענדער פויגעל צו די לענדער פון זונען־שיין... — — — — — — — — — — — — — — —

א בעדיענטער אין אוניפאָרם האָט זיך אוועקגע־שטעלט ביי איינער פון די טהירען און האָט אויסגע־שפּיעלט אויף א טרומייטער א מין מיליטערישען און צו דערזעלביגער צייט זעהר מרה־שחורה'דיגען אויפרוף — צו געהן עסען.

מיר זיינען אריין אין עס־סאַלאָן. דער קעלנער האָט אויף אונזער טיש אוועקגעשטעלט די בלומען וואָס פריינד האָבן געבראַכט אדער צוגעשיקט אין אונזער קאַיוטע. אויף אלע טישען שטעהען עהנליכע בוקעטען. און יעדער בוקעט רעדט פון א טרייען פריינד, פון א מאַמען, א שוועס־טער אדער א געליעבטער... בלומען זיינען ניט מאריך ימים און אימליכער כאַפּט אריין זיך מיט זייער ריח אנ־צושמעקען אזוי לאַנג ווי ער דויערט.

שוין צוויי טעג ווי מיר זיינען אויפ'ן ים. די בוקעטען פערשווינדען איינציגווייז פון די טישען. אסך טישען זיינען נאָר האַלב־בעזעצט. די מרה־שחורה פון דעם טרו־מייטער וואָס רופט צום עסען ווערט אומעטיגער וואָס אמאָל. מיר לעבען איצט אויף דעם חסד פון ים.

דער סטיוארד האָט מיר געבראַכט אַ אַנגענעהמען סורפּריז — אַ מאַרקאָניגראַם פון ניו יאָרק, און שפּעטער, נאָך איינע פון קאַנאַדאַ. בלויז אַ פּאָאַר ווערטער, אָבער איצט אין מיטען ים, זיינען זיי געווען ווי אַ גרוס פון יענער וועלט...

איך האָב געדאַנקט דידאָזיגע האַנד, און האָב ניט פערגעסען אויך מאַרקאָני'ן זיין חלק דאַנק אָפּצוגעבען...

ווי שעהנער און ווי רייכער דאָס לעבען ווערט פון טאָג צו טאָג!

קומען ווידער אויף די ליפּען די ווערטער וואָס איך האַלט איצט אין איין ווידערהאָלען: —

אַ ליעבע האַנד האָט זיך אויסגעשטרעקט פון פּאָר טויזענדער מיילען ווייט, און האָט מיינע געדריקט.

מיר פאָהרען אין לאַנד פון זונענשיין...

היינט איז דאָס וועטער אונרוהיג און אַ טאָג פּאָר מרה־שחורה.

איך קוק ווייט ווייט אַוועק און זעה ווי די וועלען הויבען און ציהען זיך און אַלערליי זאַכען דאַכטען זיך מיר אויס.

אָט זעה איך די חורבות פון אַ גרויסער — גרויסער שטאָדט וואָס איז פערטראָגען געוואָרען פון אַ פערפלייצונג. איך זעה די צובראָכענע הייזער, דעכער און האַלבע ווענד, ווי זיי טראָגען זיך און טראָגען זיך אָהן אויפהער... אָט געהט אַ גאַנצע איינגעפאַלענע גאַס און הינטער איהר נאָך איינע און נאָך איינע...

א ווייסער פלעק... ווערט דערפון א לאקאמאטיוו און דער רויך קרייזעלט זיך הינטער די וואגאנעס...

א הויכע וועל: איז דאס ניט דער „וואלווארטה" טהורעם פון ניו יארק?...

און כהרף עין אלצדינג ווידער פערשוואונדען.

דער ים, דאס איז דער „עלמא דקשוט" — די אמת'ע וועלט. די יבשה איז אן אפנארעריי. אלצדינג וואס איז פעסט און שטעהט אויפ'ן ארט און האט א בעשטימטע געשטאלט איז אן אפנארעריי. די וועלט און דאס לעבען איז א פליסונג און אן ענדערונג נאכאנאנד. און דער ים איז דער סימבאל פון דערדאזיגער פליסונג און ענדערונג.

די לעצטע פויגלען זיינען פערשוואונדען.

אבער פון דער יבשה זיינען מיר דאך ניט אין גאנ־צען אפגעשניטען. יעדען פריהמארגען געהט ארוים אויף דער שיף א צייטונג, און עלעקטרישע לופט־שלוחים קלייבען פאר אונז נייעסען פון אלע טהיילען פון דער וועלט, פון ים און פון יבשה.

אויסער מיין פאמיליע און ב. און זיין פרוי קען איך זיך מיט קיינעם ניט. אפנים אז אזוי וועט עס שוין בליי־בען ביז צום ענד פון דער רייזע. די פאסאזשירען זיינען צום גרעסטען טהייל אויפגעקומענע מיליאנערען, אדער כמעט־מיליאנערען, וואס פאהרען אין איטאליען אדער עגיפטען פון וואוילטאג ווענען. דער אויפפיהר איז לחלוטין ניט דעמאקראטיש און ניטא קיין קאמישערע און פער־

עכטערליכערע זאך ווי אז אויפגעקומענער אַמעריקאַנער וואָס נעהמט ווערען — ווי היינע זאָגט — אריסטאָ־קרעציג.

איך קלער, אז אפשר קומט דער סנאָביזם דערפון וואָס מיר פאָהרען אויף אן ענגלישער שיף. מיר דאַכט זיך אַלץ, אז אן אמעריקאַנער איז צופיעל הומאָריסט צו קענען זיין א סנאָב און זיך דערביי אַליין נים פאַנאַנדערלאַכען.

א סך פּאַסאַזשירען זיינען שטאַרק פערטיעפט אין זייערע „בעדעקערס”, און חזר׳ען איבער צום צעהנטען מאָל אז „פילעטאַ אל בורא” מיינט ביפשטעק, און אַזא אונשולדיגע זאך ווי א קאָטלעט פון קאַלב־פלייש, רופט מען „בראַטשיאָלאַ דע וויטעלאַ”.

דער קאַפע איז שעהן און בעקוועם איינגעריכטעט. זיצען דאָרט די אינגערע און די עלטערע ספּאָרטס און מע טרינקט און מע רויכערט און מע שפּיעלט אין פערשיעדענע שפּיעלען. אַלע אין דער פריה איידער עס קומט ארויס דער בעריכט פון דער שיף, וועט מען זיך אין געלד וויפיעל מיילען די שיף האָט אַן ערך דורכגעמאַכט די לעצטע פיער־און־צוואַנציג שטונדען. מען זוכט צו הרג׳ען צייט אויף אַלערליי אופנים.

פאַראַן מעהרערע פּאַסאַזשירען וואָס איך דערקען אז

זיי זיינען מזרע אברהם. אבער זיי ווילען עס בשום אופן ניט ארויסווייזען, הגם זיי ווייסען גאנץ גוט אז מיר זיינען אידען. אויב ניט מיין נאז, האט זיי שוין אונזער אידיש — מיט ב. רייד איך נאר אידיש — געזאלט אויסזאגען דעם סוד. צייטענווייז ווען מיר ווילען עפעס זאגען איי־נער דעם אנדערן אז קיינער זאל ניט פערשטעהן, ריידען מיר העברעאיש.

אונזער העברעאיש האט אונז איינגעבראכט די בע־קאנטשאפט פון איינעם וואס האט אזוי ווייניג צו טהאן מיט די איבעריגע פאסאזשירען ווי מיר. דאס איז א פראטעסטאנטישער מיסיאנער, א הויכער, א דארער, מיט שווארצע באקענבערד און מיט גרויסע, בלאע ברילען. ער האט געכאפט פון אונזערען א געשפרעך א ווארט אדער צוויי און האט געקראגען שטארקע התפעלות. איהם איז קענטיג נאך גוט געלעגען אין זכרון, ווי ער האט זיך בע־גאסען מיט שוויים ביים עקזאמען אין סעמינאריום אויף די צוויי פסוקים פון תהלים וואס מע האט איהם אויפגע־געבען, און ער האט זיך ניט געקענט אפוואונדערען פון דער לייכטקייט מיט וועלכער איך האב גערעדט אזא שווע־רען לשון.

ווען איך בין אנגעקומען נאכהער אין „תל אביב”, האב איך אויסגעפונען, צו מיין גרויסען שברות־הלב, אז ניט אלע זיינען אזעלכע עהרליכע קריטיקער ווי דער דאזי־גער גלח. געווען אזעלכע וואס ניט נאר זיי האבען ניט געכאפט קיין התפעלות פון מיין ריידען, נאר געהאט די חוצפה צו זאגען אז איך רעד שלעכט.

דער מיסיאנער האט אונז דערצעהלט אז ער פאהרט

ביז אַלעקסאַנדריא און פון דאָרט ערגעץ אין אַפריקא — צו פרעדיגען גאָט'ס וואָרט פאַר קרויז־קעפּיגע נעגראָס.

ער האָט געקוקט אויף די פערגעניגען־זוכערס מיט גרויס אונצופריעדענהיים. איך האָב געקענט זעהן ווי ער שטעכט זיי דורך מיט זיינע בעברילטע אויגען, און איטליך מאָל וואָס איך פלעג איהם זעהן אין קאָפּע אָדער אין איינעם פון די אנדערע סאַלאָנען — און געלאָזט זעהן האָט ער זיך דוקא אומעטום — האָט זיך מיר געדאַכט אַז אַט וועט ער אַרויפשפּרינגען אויף אַ שטוהל און נעהמען שיטען פעך און שוועבעל אויף די רשעים און די בעלי תאוות.

IV.

אין מיטען ים

איך בין ארונטער אין דער צווייטער קאיוטע זעהן צי איך וועל דארט ניט געפינען א א י ד י ש ע ן אי־דען, און א קשיה אויף א מעשה, אפשר טאקי איינעם, וואס פאהרט, ווי איך, קיין ארץ ישראל.

האב איך דארט געטראפען בלויז א הייפעל פאסא־זשירען — א פאאר איטאליענישע און סיריצנישע פא־מיליען. קיין אידיש פנים האב איך צווישען זיי ניט בעמערקט.

ערשט מיט צוויי יאהר שפעטער, ווען איך בין גע־ווען אין מאנטרעאל, איז מיך געקומען זעהן א יונגער מאן, א געבירטיגער פון ירושלים און איצט א תושב אין קאנאדא, און האט מיך געפרעגט, אויב איך האב אויף דער „לאקאניא" זיך ניט בעגעגענט מיט אן אלטען אי־דען, וואס איז געפאהרען אין דער צווייטער קלאס. ער האט זיך שטארק פערוואונדערט, ווען איך האב איהם געזאגט, אז „ניין", און ער האט מיר דערצעהלט, אז דארט איז יא געפאהרען אן אלטער איד, און דער אלטער איד דאס איז געוועזן זיין פאטער.

מיט יאהרען צוריק איז דער אלטער געקומען בע־זוכען זיינע קינדער אין קאנאדא. זיין כונה איז געווען צו בלייבען בלויז א קורצע צייט אין חוץ לארץ, און דאן זיך אומקעהרען צוריק אין דעם לאנד פון די אבות, וואוהין זיין הארץ האט נאכאנאנד געצויגען.

אבער די נסיעה איז תמיד אפגעלעגט געווארען פון מאנאט צו מאנאט און פון יאהר צו יאהר, און דערווייל איז דער ירושלים'ער איד געווארען קראנק און די קינ־דער האבען איהם בשום אופן ניט געוואלט לאזען פאה־רען קראנקערהייד.

מיט א יאהר צוויי צוריק, ארום די זעלבינע צייט ווען איך האב בעשלאסען צו פערלאזען אמעריקא, האט דער אלטער דערשפירט, אז די כחות געהען איהם אוים און ער שטארבט. האט ער בגזרת כבוד אב פערלאנגט פון זיינע קינדער, זיי זאלען איהם אפשיקען קיין ארץ ישראל. זאלען זיי איהם נאר אויפ'ן שיף ארויפזעצען. ער וועט זיך שוין אהין דערשלאגען.

דער דאקטאר האט געזאגט, אז ער קען שטארבען איטליכע רגע. האבען זיך די קינדער געבעטען מיט טרעהרען ביי זייער טאטען, ער זאל בלייבען אין מאנט־רעאל און ניט מקצר זיין זיינע טעג. אבער דער גוסס האט זיך בשום אופן ניט געלאזט איבעררעדען.

ער האט געהאלטען אין איין טענה'ן:

— אין דעם זכות פון וואס איך האב אמאל גע־לעבט אין ירושלים, וועט מיך גאט ברוך הוא ברענגען אין ארץ ישראל, כאטש איין מינוט פאר מיין טויט.

וועל איך ניט מוזען בעגראבען ווערען אין טמא'דיר־
גער ערד.

האבען די זיהן איהם געבראכט אויף דער „לאר־
קאניא".

די תפלה פון דעם אלטען איז ניט מקוים געווארען.
ער איז נ י ט דערפאהרען. איידער די שיף איז אנ־
געקומען קיין גיבראלטאר, האט דער ארעמער איד אויס־
געהויכט זיין נשמה, ניט געווען צומאל ווער עס זאל
מיט איהם ווידוי זאגען.

די שיף־קאמפאניע האט דעם בר־מנן איבערגעגעבען
צו דער קליינער אידישער קהלה פון גיבראלטאר און
דארט איז ער געקומען צו קבר ישראל...

און די גאנצע צייט, וואס איך האב זיך צוגעהערט צו
דער טרויריגער געשיכטע פון דעם ירושלים'ער אידען,
האט זיך מיר אין געדאנקען געשפונען די וואונדערליכע
מעשה, וואס איך האב געלייענט אין א הייליגען ספר,
געדרוקט אין ירושלים. די מעשה דערצעהלט, אז:

אמאל האט געלעבט אין חוץ לארץ א גרויסער עושר,
וואס איז געווען מורא'דיג קארג און שלעכט. ער איז
געווען זעהר פרום צו גאט, אבער צו לייטען איז ער גע־
ווען א רשע מרושע. ער האט נאר געוואוסט פון איין
זאך: קלייבען וואס מעהר געלד. פאר דאס געלד
פלעגט ער איינקויפען אבנים טובות ומרגליות און ער
פלעגט זיי טראגען איינגענעהט אין א לעדערנעם בייד־
טעל ארום זיין לייב.

זיין ווייב און זיינע קינדער זיינען צוליעב זיין קארגשאפט איינציגווייז פון דער וועלט געגאנגען. זיי זיינען פשוט פון הונגער אויסגעגאנגען, ווארום ער האט זיי קיינמאל ניט געגעבען גענוג ברויט צו זאט. ווער שמועסט שוין פרעמדע מענשען, האט ער אין זיין לע־בען א לעפעל וואסער ניט געגעבען.

אויף דער עלטער, אז ער איז געבליבען אליין, האט ער בעשלאסען צו געהן אין ארץ ישראל. איז ער אוועק און האט זיך בעזעצט אין ירושלים. ער איז געווארען נאך פרימער ווי פריהער, פלעגט דאווענען און לערנען גאנצענע טעג און אלע פרייטאג פלעגט ער פערגיסען טייכען טרעהרען אויפ'ן כותל מערבי. אבער צו מענ־שען איז ער געבליבען דערזעלביגער אכזר ווי געווען. זיין גרעסטע הנאה איז געווען אנצוטאפען דאס לעדערנע בייטעל אנגעפילט מיט אבנים טובות, וואס ער האט געטראגען נאהענט צום הארצען. ער האט געמעגט זעהן ווי מענשען שטארבען פאר זיינע אויגען, האט ער קיינ־מאל ניט געשאנקען א פרוטה. ער האט פיינט געהאט בטבע מענשען און וואס א טאג האט זיך זיין שנאה פער־גרעסערט, ער האט קיינעם דאס לעבען ניט פערגונען.

ווען ער האט דערשפירט, אז ער שטארבט, האט ער מיט די לעצטע כחות אפגעקאכט א זופ. אין דער זופ האט ער אריינגעווארפען אלע טייערע שטיינער און פערל, וואס ער האט געטראגען אין זיין בייטעל. דער־נאך האט ער לעפעלווייז געגומען זופען דאס געקעכטס צוזאמען מיט די עדעלשטיינער, כדי קיין מענש זאל פון

איהם נאך זיין טויט, אזוי ווי ביי זיין לעבען, קיין הנאה ניט האבען.

אזוי גיך ווי ער האט ארונטערגעשלונגען דעם לעצטען דימענט, האט ער גענומען גוסס'ען און אין א פאאר מינוט ארום איז ער געשטארבען.

זיינען געקומען די שכנים און האבען איהם גע־טהאן זיין רעכט, און האבען איהם מקבר געווען אויף דעם אידישען בית עולם, וואס געפינט זיך אויפ'ן הר הזיתים, וואו עס ליעגען די צדיקים וקדושים פון צעהנד־ליגער דורות.

אין דעמזעלביגען טאג איז אין א קליין־שטעדטעל, ווייט־ווייט אין חוץ לארץ, געשטארבען אן אלטער רב, א גאון עולם, און א צדיק וטהור, וואס האט ניט אויס־געלאזען קיין מצוה אוואו ער האט זי ניט מקים געווען מיט אלע מינדעסטע פרטים. האט ער זיך כל ימיו מצטער געווען פאר וואס ער קען ניט געהן קיין ארץ ישראל. ער איז אבער געווען צו ארעם זיין בעגעהר צו ערפילען. און אז ער איז נפטר געווארען איז זיין לעצט ווארט געווען: „ירושלים".

נאך דער קבורה פון דעם צדיק איז געווארען א רעש ביי פמליא של מעלה: איז דאס די גערעכטיגקייט פון כביכול, אז אזא צדיק זאל דארפען ליעגען אין חוץ לארץ צוליעב זיין ארעמקייט, און אזא רשע זאל ליעגען אויפ'ן הר־הזיתים?...

איז ארונטערגעשיקט געווארען א שליח מיוחד פון הימעל, און נאך אין דערזעלביגער נאכט איז דער אל־

טער רב אריבערגעטראגען געווארען אויפ'ן הייליגען בארג און דער קארגער האט פערנומען זיין קבר אין חוץ לארץ.

— — — — — — — — — — — — — — — —

זונטאג אין דער פריה איז אפגעהאלטען געווארען א גאטעס־דיענסט אין דעם גרויסען סאלאן. פון איין זייט זיינען געזעסען די פאסאזשירען און פון דער אנ־דערער זייט זיינען געווען אויסגעזעצט אין רייהען די מאטראזען מיט געבעט־ביכער אין די הענד.

אנגעפיהרט די גאטעס־דיענסט האבען צוויי — דער קאפיטאן, א הויכער ברייט־ביינינער מאן פון א יאהר פופציג, וואס ווייזט זיך געוועהנליך זעהר ווענינ אויפ'ן שיף און וואס ווערט פערגעטערט פון אלע בעאמטע און אנגעשטעלטע, און איינער פון זיינע געהילפען.

דער קאפיטאן האט נאכאנאנד געהאלטען אן אויג אויף די יונגע מאטראזען צו זעהן אויב זיי דאווענען... האט ער בעמערקט, אז עמיצער פון זיי פעלשעוועט, פלעגט ער געבען אויף דעם בעל־דבר א קרומען בליק, אקוראט ווי דער קיידאנער מלמד פלעגט געבען א קוק אויף מיר קליינערהייד, ווען איך פלעג אויסגעהן צו ניך שמונה עשרה... עס זאל נאך פעהלען א האר.

אונזער סטיוארדעס, א ריהרעוודיגע עפעלבאקיגע ענגלישע מיידעל, בעמערקט מיר דערגאך, אז די מאט־ראזען וואלטען פיעל מעהר געווען צופריעדען, ווען שטאט די סדורים וואלט מען איטליכען פון זיי גענעבען צו פלעשעל „סקאטש וויסקי".

קענטיג, אז די „קונארד קאמפאני" האלט גאטעס־

דיענסט אום זונטאג פאר איינע פון יענע בעקוועמליכקיי־
טען, וואס זי דארף צושטעלען איהרע קונדען, גראד אזוי
ווי עלעקטרישע בעלייכטונג, הייסע און קאלטע וואסער
א. ז. וו.

אויף די געבעט־ביכער איז אויפגעדרוקט מיט גרוי־
סע אותיות דער נאמען פון דער „קונארד שיף געזעל־
שאפט", אזוי ווי אויף אלע אנדערע חפצים, וואס געפי־
נען זיך אויפ'ן שיף. דאס איז בלויז פון געוואוינהייט
וועגען. צו פערהיטען פון גנבה איז לחלוטין ניט נויטיג.
יעדענפאלס איז זיכער, אז די מאטראזען וועלען זייערע
געבעט־ביכער ניט צו'גנב'ען.

א טריט פון דעם סאלאן, וואו מע האט הייליגע
הימנען געזונגען. זיינען אלטע בעל־עבירה'ניקעס געזעסען
אין רויכזאאל איבער סאדא־און־ברענדי און האבען זיך
דערצעהלט זעהר ניט קיין פרומע מעשות...

און אונטען האט עמיצער גע'גוסס'ט...
א וועלט בזעיר אנפין...

פאראן אויפ'ן שיף א צימער פאר גימנאסטיק און
פאר אלערליי ספארטס.

איז איינער פון דער היים געוואוינט צו פאהרען
רייטען יעדען טאג. האט שוין די געזעלשאפט געזארגט,
אז ער זאל, צוליעב דער דאזיגער געוואוינהייט זיינער,
זיך ניט פערבענקען נאך דער יבשה. מען זעצט איהם
ארויף אויף אזא מין געשטעל, א זארט כלומרשט־פערד,
מען גיט א דריק אז עלעקטריש קנעפעל, און ער רייט

אויף וואס די וועלט שטעהט. דערביי הויבט ער זיך אפילו ניט אן צו ריהרען פון ארט.

פאר די וואס זיינען צוגעוואוינט צו פאהרען אויף א וועלאסיפעד, אדער זיך צו שיפען אויף א לאדקע, איז נעזארגט געווארען אויף אן עהנליכען אופן.

ב... האט בטבע מורא פאר פערד און האט אויף זיין לעבען ניט פערזוכט דעם טעם פון זיצען אויף א זאטעל. זיין הארץ אבער האט, קענטיג, א גאנץ לעבען געלעכצט נאך דעמדאזיגען תענוג.

אזוי שנעל ווי ער האט דערזעהן דעם כלומרשט־פערד, האבען זיך זיינע אויגען אנגעצונדען. צום ערשטען מאל אין זיין לעבען האט ער געקריגען די מעגליכקייט צופריעדען צושטעלען זיין פערבארגענעם וואונש.

ער איז געווארען א לײדענשאפטליכער „רייטער", און לויט דעם אימפעט, מיט וועלכען ער פלעגט זיך ארויפזעצען אויף דער במקום־שקאפע, האט דער בעדיענטער פון דעם צימער געדרונגען, אז ער האט דא צוטהאן מיט אן אמת'ען „קאו־באי"...

שפעטער איז ער שוין געווארען אזא ספארט, אז רייטען אליין האט איהם שוין מעהר ניט צופרידען געשטעלט. איז ער געווארען א פייערדיגער וועלאסיפעדיסט. אזוי ווי דער וועלאסיפעד האט זיך נאך אלעמען ניט געריהרט פון ארט, איז געווען שווער צו זאגען ווי שנעל ב... פאהרט. אבער איך בין משער, אז וועניגער ווי זעכציג מיילען א שטונדע איז ער קיינמאל ניט געפאהרען.

נעכמען אבענד איז אין דעם גרויסען סאלאן גע־
ווען א קאנצערט און אונטערהאלטונג.

מ'האט געזונגען, פארגעלעזען און דערצעהלט הר־
מאריסטישע אנעקדאטען און וויצען, וואס זיינען געווען
א קנאפער כבוד פאר די אינטעליגענץ און געשמאק פון
די פאסאזשירען. אויף א ליאדע ארעמער אונטערהאל־
טונג אויף דער איסט סייד אין ניו־יארק האט מען גע־
קענט הערען פיעל בעסערע דעקלאמאציאנען און פיעל
קליגערע חכמות.

נאכ'ן קאנצערט האט מען פון די געסט געקליבען
נדבות פאר די יתומים און אלמנות פון מאטראזען, וואס
זיינען דערטרונקען געווארען אויפ'ן ים.

איינער פון די פאסאזשירען, א בכבוד'דער עלטע־
רער מאן, קענטיג א סקאטשמען, האט דערמאנט די
פערזאמעלטע אן דער געפאהר, אין וועלכער מע איז תמיד
ווען מע פאהרט אויפ'ן ים, און אז אפילו דאס שטארקסטע
שיף איז קיינמאל נים אבסאלוט זיכער קעגען די אומ־
גליקען פון ים. דער איינציגער אמת'ער בעשיצער איז
גאט דער דערבארעמדיגער, אין וועמעס הענד מיר אלע
זיינען, און פון וועמענס מאכט מיר קענען אין ערגיץ
נים אנטרינען. דערום דארפען מיר תמיד אין זינען
האלטען די ארעמע יתומים און אלמנות פון די יעניגע,
וואס זיינען, ווי מיר, געפאהרען אויפ'ן ים און האבען
אין איהם זייער קבר געפונען...

עס איז געווען א פינסטערע און שטורעמדיגע נאכט
און ארום די רונדע פענסטערלעך פון דעם סאלאן זיינען

טויזענדער דערטרונקענע געשטאנענען קעפ אויף שעפ און האבען געצעהלט די נדבות און געקלאגט...

איך בין ארויס אויפ'ן דעק. די אייזערנע קאנאטען האבען געקרעכצט און געקנאקט און די שיף האט זיך מורא'דיג געווארפען און געצאפעלט. זי איז געווען אזוי הילפלאז.

האט זיך געדאכט ווי זי זאגט־איבער דעם רעדנער'ס ווערטער:

— גאט דערבארעמדיגער, איך בין אין דיינע הענד...

היינט איז געווען פראבע אויף די רעטונגשיפלעך.

זיינען געקומען פון אלע טיילען פון שיף סטאליא־רעס, שמידען, קויהלענשיטערס, קוכארעס, איטליכער אין זיינע מלבושים, עקודים נקודים וברודים, און האבען זיך אויסגעשטעלט אין א רייה.

אויף א סיגנאל האט מען די רעטונג־שיפלעך אראפ־געלאזען ביז זיי זיינען געווען גלייך מיט'ן פערדעק. דער־נאך האט מען כלומרשט בודק געווען די שיפלעך — מעהר ווי כלומרשט איז עס ניט געווען. איינס פון זיי וואלט איך אויפ'ן ערשטען קוק גע'פסל'ט.

לסוף, אויף א געגעבענעם צייכען, האבען די וואס זיינען געווען אויסגעשטעלט אין דער רייה, זיך צוזעצט אין די שיפלעך אויף די אנגעוויזענע ערטער. אז ערב־רב, וואס האט לחלוטין ניט אויסגעזעהן ווי מאטראזען.

ווי איך האב שפעטער אויסגעפונען, איז די מעשה אזוי: לויט'ן געזעץ מוז די קאמפאניע האבען אזוי פיעל

און אזוי פיעל מאנשאפט אויף יעדען שיפעל, און אזוי ווי די געגנויע ערפילונג פון דעם געזעץ וואלט געמיינט א סך מעהר מאטראזען ווי די קאמפאניע בעשעפטיגט גע־וועהנליך, איז מען יוצא מיט דעם וואס מען רעכענט צו צום מנין די בעקערס און די קויהלענשיטערס און די הייצערס, און אלץ וואס שטעהט און געהט אויפ'ן שיף...

אבי אבגע'פטר'ט דאס געזעץ...

אויסער ארום פיער הונדערט פאסאזשירען פון דער ערשטער קלאס, וואס זיינען, פערשטעהט זיך, „דאס אויבערשטע פון שטייסעל", און אויסער די פאר פאמיליעס וואס פאהרען אין דער צווייטער קאיוטע, געפינען זיך אין צווישענדעק עטליכע הונדערט איטאליענער. זיי פאהרען אהיים, און מיט יעדען טאג וואקסט זייער אויפגעראמט־קייט.

אחוץ זיי געפינט זיך אן איינציגער אראבער, א סיריאנער. ער פאהרט אויך אהיים, און האט שוין בע־צייטענס אנגעטהאן זיין רויטען פעץ מיט א שווארצען ארונטערגעהענגדען טראלדעל.

מיט די איטאליענער האלט ער זיך פון דער ווייט. אין אמעריקא האט מען זיך געמוזט חבר'ן מיט אלע־מען. איצט איז ניט מעהר נויטיג...

ווען מען קלינגט צום עסען ווערט א לוסטיגער גע־לאף פון אלע זייטען. איך וואונדער זיך פאר וואס ביי אונז אויבען איז ניטא אזא מין אפעטיט צום עסען. און

איך האב אויסגע'שכל'ט, אז דאס איז צוליעב דעם טרו־
מיית וואס ווארפט אן א מרה שחורה...

מען וואלט געדארפט ביי אונז אויך קלינגען, וואלט
עס געווען מעהר יבשה'דיג.

מיר דערנעהנטערען זיך צו אונזער ערשטער סטאנציע

נאך א טאג און מיר וועלען זיין אין דער שעהנער
מאדערא. שוין בעוויזען זיך די ערשטע אנזאגערס פון
לאנד. ווייסע, גראציעזע פויגלען קרייזען זיך איבער די
וועלען.

צוגלייך מיט די הייסע קאווע, ווערט די פאסאזשי־
רען סערווירט קאלטע לעמאנאד — אן אמת'ער סימן פון
זומער.

אין הארצען ווערט געראמער, זומערדינגער... עס
שפראצען גרויסע האפנונגען...

V.

„דער וואַלד־אינזעל"

נִיט געקאַרגט און ניט געדונגען —
זון-בעפליִיצט אַרויסגעשפּרונגען
איז דער פריהלינג אונז אַנטקעגען,
לאַכענדיג אויף אַלע וועגען,
זינגענדיג מיט טויזענד צונגען...

אין מיטען נאַכט האָב איך זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט. אכט טאָג נאַכאַנאַנד האָט זיך די שיף געהאַלטען אין איין וואַרפען ווי א חולה נופלים. דער סדר פלעגט אַזוי זיין: צוערשט אהין און צוריק, דערנאָך פון איין זייט אויף דער צווייטער, און ליתר בטחון, גלאַט א משוגע'נעם טרייסעל פון וועלכען די אינגעווייד פלעגען אזש וועה טהאָן.

אכט מעת לעת האָבען די דאָזיגע נענועים אָנגעהאַלטען, סאַי ביי טאָג סאַי ביי נאַכט, האָב איך זיך צו זיי אַזוי צוגעוועהנט, אַז ווען די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָב איך זיך תיכף אויפגעכאַפּט.

— מאַדערא!

איך האָב אויפגעדרעהט די עלעקטרישע ליכט אין דער קאַיוטע, האָב זיך האַסטיג אָנגעטהאָן און בין ארויס אויפ׳ן דעק.

עס איז נאָך געווען גוט פינסטער. דער ים האָט זיך נאָך געקאַרטשעט אין זיין נאַכט־כאַלאַט און האָט געסאָפּעט פון שלאָף. דער הימעל איז געווען אָנגעשאָטען מיט שטערען גרויסע און קליינע, און צווישען זיי האָבען זיך געצויגען ברייטע מילך־שטרייפען.

סאַמע אונז אַנטקעגען, אַן ערך א מייל פון דער שיף, האָט זיך געשאָטענט דער סילועט פון א באַרג־אינזעל דורכגעקעסטעלט פון רייהען און רייהען בלישטשענדיגע פינטעלעך.

דאָס איז געווען פונטשאַל, די הויפּט־שטאָדט פון דעם פּאָרטוגעזישען אינזעל מאַדעראַ. די פינטעלעך — די עלעקטרישע גאַס־לאָמפּען.

ארום דער שיף איז געווען א ווילדע שרייעריי און קרעכצעריי. דאָס האָבען די ווייסע מעוועס זיך געפעדערט מקבל פּנים זיין די אורח׳טע און דרך אגב אָפּנעהמען זייער רחש — די שפּייז וואָס ווערט געוועהנליך ארויסגעוואָרפען פון דער קיך.

דרעהענדיג זיך ארום שיף אין דער פינסטער, האָבען זיי אויסגעזעהן ווי גרויסע שטיקער שנעע געטריבען אין א שטורעם...

ביסלעכווייז איז די פינסטערניס געוואָרען שיטערער, א גראָער פּאַס האָט זיך ערגעץ וואו בעוויזען און האָט זיך

געשפריים און געצויגען אין אלע זייטען. די שטערען האבען זיך אנגעהויבען אויסלעשען. צוערשט מיושב׳דיג, לאנגזאם, מיט דרך ארץ, דערנאך אלץ שנעלער און שטיפערישער אזוי ווי אויף געוועט ווער פון זיי עס וועט מאכען דעם קונץ גיכער.

אונטען אויפ׳ן בארג האבען די גאלדענע פינטלעך גענומען נאכטהאן די שטערען און האבען זיך האסטיג געמעקט, רייה נאך רייה, און באלד איז מעהר פון זיי קיין זכר ניט געווען....

איך האב זיך איינגעטוליעט אין מיין אויבערמאנטעל און בין געשטאנען אנגעשפארט אויף דעם געלענדער אין דער שארפער בעגינען־לופט, און האב צוגעקוקט די געבורט פון דעם מאדערא׳ער טאג...

אויפ׳ן זינען איז געקומען די לעגענדע פון דער ענטדעקונג פון מאדערא, וואס מיינט אויף פארטוגעזיש „דער וואלדינגער פלאץ”, ווייל אמאל איז דער גאנצער אינזעל געווען געדיכט בעדעקט מיט וואלד.

דער ראמאנטישער אינזעל האט געפאדערט א ראמאנטישע התחלה. האט די לעגענדע אויסגעשפונען די פאלגענדע געשיכטע :

מיט אן ערך פינף הונדערט יאהר צוריק זיינען צוויי געליעבטע אנטלאפען אין א שיפעל פון ענגלאנד קיין פראנקרייך. אין דער צייט אבער וואס זיי האבען זיך געהאלטען אין איין האלזען און קושען און חלומ׳ען פון דער גאלדענער צוקונפט וואס זיי שטעהט פאר, האט זיך צעיושעט א ווילדער שטורעם און האט דאס ארעמע שיפעל

פערטראָגען ניט קיין פראַנקרייך נאָר אַזש צו די ברעגעס פון מאַדערא.

זייער קויש־וואָך איז נעבעך געווען פערשטערט און אַזוי ווי גרויסע שלימזל׳ניקעס זיינען זיי געווען, וואָס צו עסען האָבען זיי ניט געהאַט, און טאַטע־מאַמע זיינען געווען ווייט, האָבען זיי געטהאָן דאָס וואָס אַנשטענדיגע געליעבטע טהוען געוועהנליך אין אַזעלכע פאַלען — זיי זיינען געשטאָרבען איינער אין דעם אַנדערען׳ס אָרעמס.

אייניגע אָבער פון די שיפּלייט איז געלונגען צו אַנט־לויפען פון דאָרט, אין איינעם פון די באַרבאַרישע לענדער, וואו מע האָט זיי געפאַנגען פאַר שקלאַפען. איינער פון זיי איז דערנאָך אויסגעלייזט געוואָרען און ער האָט עס גע־בראַכט די ידיעה פון מאַדערא קיין פּאָרטוגאַל.

באַלד האָט דער טאָג אויסגעבראָכען אויף אַן אמת, עס איז געוואָרען ליכטיג אין אַלע זייטען, און עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונז אַ בילד וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַרויסגענומען פון אַ חלום.

פאַר אונז איז געלעגען אַ גרויסער אַמפיטעאַטער גע־דיכט בעגרינט און זומערדיג, מיט גאַלערעען און גאַלערעען פון ווייסע הייזער און ווילאַס, איין גאַלערי העכער פון דער אַנדערער. דער הימעל איז געווען בלאָ פון זוים צו זוים, און אָהן אַ שום רמז פון אַ וואָלקען, און דער ים אַזוי ווי צו־שמאָלצענער לאַזורשטיין...

לכבוד מאַדערא האָט מען אונז פריהשטיק סערווירט מיט אַ שטונדע פריהער ווי געוועהנליך. די פּאַסאַזשירען,

אויפגעראמט און יום־טוב'דיג, זיינען געווען אונגעדולדיג ארונטערצוגעהן וואס גיכער אויף דעם שעהנעם אינזעל.

ארום דער שיף איז געווארען א טומעל און א געפיל־דער און א מחנה קליינע פלינקע שיפלעך מיט האלב־נאקע־טע ברוין־הויטיגע פארטוגעזען האבען ווי א באנדע פי־ראטען ארומגערינגעלט אונזער דאמפפער.

זיי האבען אלע געשריען מיט בענומענע קולות. איי־נער האט געוואלט אריבערשטייגען דעם צווייטען און איט־ליכער האט געבעטען מע זאל ארונטערווארפען אין וואסער א זילבערנע מטבע און זעהן ווי ער וועט זיך אונטערטונקען און זי אויפכאפען.

איך אזוי ווי אנדערע פאסאזשירען, ביז געווען טשיקאווע צו זעהן דעם קונץ. האבען מיר ערפילט זייער בקשה, און די פלינקע חברה איז אין א וואונק פון אויג אראפגעשפרונגען פון די שיפלעך אין דעם קריסטאל־קלא־רען דוו'כזיכטיגען ים. מע האט געקענט זעהן זייערע ליי־בער זיך בעוועגענדיג אין וואסער אזוי ווי פיש אין א גלע־זערנע וואזע.

אין א סעקונדע זיינען זיי געווען צוריק טרייסלענדיג דאס וואסער פון די אויגען און די אויערען און האלטענדיג די זילבער־מטבעות צווישען זייערע ווייסע געזונדע צייה־נער... די מוסקולען זיינען ביי זיי אלעמען געווען זעהר שטארק ענטוויקעלט, און מע האט געקענט זעהן אז דער ים איז זייער נאטירליכער עלעמענט און אז זיי לעבען דעם גרעסטען טייל פון טאג אין וואסער.

פאַר אַ האַלבען דאָלאַר האָט איינער פון זיי אַראָפּגע־
שפּרונגען פון דעם אויבערשטען דעק פון דער „לאַקאָניאַ“
אין ים אַריין. אַ צווייטער האָט זיך אָנגעבאָטען פאַר אַ
דאָלאַר אַרונטערשווימען אונטער דער שיף פון איין זייט
און אַרויסשווימען פון דער אַנדער זייט. אָבער עס האָבען
זיך ניט געפונען קיין בעלנים.

אפשר האָט קאַליע געמאַכט דעם עסק איינער פון די
פּאַסאַזשירען וואָס האָט די נסיעה דורכגעמאַכט צום צווייַ־
טען מאָל. ער האָט דערצעהלט דעם עולם ווי ער האָט
געזעהן איינעם בעוויזענדיג דעמדאָזיגען קונץ פאַר אַ
קוואָדער...

בעזונדערס צוגעצויגען אונזער אַלעמענ'ס אויפמערק־
זאַמקייט האָט אַ מאַן פון אַ יאָהר דרייסיג וואָס האָט בלויז
געהאַט איין האַנד — די לינקע. ער איז געווען דער גרעס־
טער מזיק פון אַלעמען און פיש האָבען געמעגט קומען זיך
לערנען שווימען פון איהם.

אַן אַנדערער איז געקומען מיט זיין גאַנצער משפחה.
דער איינגסטער איז געווען, לויט זיין אויסזעהן, ניט עלטער
ווי 5—6 יאָהר. אַז ער האָט צעשפּרייט די קליינע הענדט־
לעך און איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, האָט ער אויס־
געזעהן ווי אַ קליינע זשאַבקע.

צו דערזעלביגער צייט וואָס די ברוינע פונטשאַלער
האָבען געבעטעלט קוואָדערס, צעהן־סענטיגע און — צום
סוף, ווען דער מקח איז אַרונטער — ניקעלס, האָבען די
ווייסע ים־פויגלען זיך אַרומגעריסען איבער די אַלטע ברויט

וואָס די קוכערס האָבען אַרויסגעשאָטען דורך די פּאָרטקעס פון דער שיף... זיי האָבען געריסען איינער פון דעם אַנ־דערן'ס מויל און געמאַכט גוואַלדען עד לשמים.

העכער ווי אַ שטיקעל פערדאַרטע ברויט איז די השגה פון דידאָזיגע געפליגעלטע קבצנים ניט געגאַנגען. און אפשר אַז מע וואָלט מיט זיי גערעדט, וואָלטען זיי געזאָגט אַז זייער פרנסה איז מעהר בכבוד ווי די פרנסה פון די פונטשאָלער נאָך אַלעמען האָבען זיי דאָך ניט געשנאָרט און ניט געמאַכט קיין קונצען...

עס איז געוואָרען היים. מיין מאַנטעל האָב איך נאָך פריהער פון זיך געהאַט אַראָפּגעוואָרפען, איצט איז מיין ראָק געוואָרען צו שווער. נישט פאַר ד ע ם קלימאַט געמאַכט.

די סוב־טראָפּישע זון האָט גענומען אַרויסוואַרעמען די עראַינערונגען פון פראָסט און שנעע וואָס איך האָב פערשלעפּט פון ניו יאָרק.

קיין האַפען איז אין מאַדעראַ ניטאָ. איז אונזער שיף געבליבען שטעהן ווייט אין ים אַרויס און אַ קליין דאַמפּף־שיפעל האָט אונז געבראַכט צופיהרען צום ברעג.

מיר זיינען אַריין אין דער שטאָדט. זי איז געלעגען איינגעבאָדען אין זונענשיין.

וואו מיר זיינען געגאַנגען, זיינען מיר געווען אַרומגע־רינגעלט פון קליינע קינדער, און אָפט אויך פון דערוואַק־סענע, וואָס האָבען געבעטען אַ נדבה...

אין דער טהיר פון אַ הויז וואָס מיר זיינען פאַרבייגע־

גאנגעז, איז געשטאַנען אַ יונגע פרוי און האָט זיך גע־שפּיעלט מיט אַ קינד וואָס זי האָט געהאַלטען אויף די הענד. אַזוי שנעל ווי זי האָט אונז בעמערקט, האָט זי אינ־סטינקטיוו אויפגעהערט שפּיעלען און האָט אויסגעשטרעקט צו אונז איהר האַנד.

זי האָט אויסגעזעהן ניט צו זיין אָרעם. פּשוט אַ שאָד געוועז פּאַרבייצולאָזען אַזאַ גאָלדענע געלעגענהייט... ניט אַלע טאָג קומען טוריסטען.

אין אַ פענסטער איז געשטאַנען אַ פּאַפּוגאַי און האָט געשריען אויף פּאָרטוגעזיש. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס בעט ער אַ נדבה...

מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן עק גאָס פרעגען דעם פּאָליסמאַן, וואוהין מיר דאַרפען געהן. האָב איך בע־מערקט, אַז דער „היטער פון דער אָרדנונג" געהט נעבאַך אין תחתונים וואָס זיינען ערטערווייז געווען זעהר שטאַרק פערלאַטעט.

ער האָט אונז זעהר העפליך אָנגעוויזען וואוהין מיר דאַרפען געהן, אָבער איך האָב געקענט זעהן אַז ער פער־שילט אי זיך אי דעם גאַנצען פונטשאַלער פּאָליציי־דע־פּאַרטמענט פאַר וואָס ער קען אויך ניט טהאָן ווי לייט טהוען און בעטען אַ שטיקעל נדבה...

פונטשאַל, וואָס מיינט אויף דעם פּאָרטוגעזישען לשון „דער פּלאַץ וואו עס וואַקסט קימעל" — איז אַ שטאָדט פון אַן ערך 25 טויזענד איינוואוינער. די גאַסען זיינען שמאָל און ברוקירט מיט קליינע שטיינער אויסגעלעגט אין לענג־

ליכע דריי־עקיגע פיגורען. זיי ווערען זעהר ריין געהאלטען.

אויפ'ן גאנצען אינזעל געפינט זיך ניט קיין סימן פון א וואגען. מע וויים ניט פון קיין צורת ראד.

איבעריגענס וואלט א וואגען אין פונטשאל געווען א גוצלאזע זאך. די גאנצע שטאדט געהט שארף בארג־ארויף און די הייזער ליגען שטאפעל־ווייז איינס איבער'ן צווייטען.

איז מען געפאלען אויף אן המצאה און מע געברויכט א זארט שליטענס וואס מע רופט „קאררעס”. דער איינציגער פלאץ אין דער גאנצער וועלט וואו מע האט קיינמאל קיין שנעע אין די אויגען ניט אנגעזעהן און דאך קען מען האבען דעם תענוג פון שליטלען זיך אלע טעג פון יאהר.

די שליטענס ווערען געפיהרט פון אקסען. צוויי אין יעדען שליטען. אחוץ דעם טרייבער געהט מיט ביי יעדען געשפאן איינער וואס זיין עובדה איז צו טראגען א גרויסע שמאטע איינגעטונקט אין אויל. דידאזיגע פעטע שמאטעווארפט ער אלע ווייל ארונטער, אונטער די הילצערנע שיענעס פון דעם שליטען כדי זיי זאלען זיך לייכטער גליטשען.

פאהרענדיג אין איינעם פון דידאזיגע שליטענס, מיט אן אפריקאנישער זון איבער'ן קאפ, און הערענדיג ווי דער טרייבער שרייט אויף די אקסען, שפירט מען עפעס אזוי ווי מע וואלט זיין אין קאפויר־לאנד וואו אלצדינג איז אומיסנע פערקעהרט און אנדערש ווי געוועהנליך...

אלץ צו פערדאנקען דעם פערליעבטען פאאר'ל וואס האט ניט געוואלט פאלגען טאטע און מאמע און איז אנטלאפען פון דער היים.

VI.

„ווילדע בלומען"

מיר האבען זיך אריינגעזעצט אין איינעם פון די אקס־שליטלעך און זיינען געפאהרען גאס־איין גאס־אויס. ביז מיר זיינען געקומען צו א קליינער צאהן־ראד־באהן, וואס קלעטערט בארג־ארויף, ביז אן ערך צוויי טויזענד פוס איבער דער פלעך פון ים.

די נסיעה מיט דער באהן איז געווען אין אפענע וואגאנעס, און דער דייטשער לאקאמאטיוו האט אונז לאנגזאם און געמיטהליך געצויגען דורך גערטנער און סע־דער, געפלאנצט טעראסען־פארמיג. אומעטום האט עס געגרינט און געבליהט. קליינע רויטע אפעלסינען האבען זיך געדרייצט מיט אונז פון צווישען זייערע דונקעל־גרינע בעהעלטניסען און אלערליי־פארביגע טראפישע צמחים האבען געשריען צום אויג און געבעטעלט — א קוק...

אומעטום איז געווען א פערשייטע פרוכפערקייט, וואס האט זיך געריסען צו דער זון מיט ווילד־צולאזטע בלעטער און בליהונגען. ערטערווייז האט זיך געשפירט אין דער לופט א גערוך פון איבערגעוואקסענקייט...

די גאַנצע צייט פון אונזער פאָהרען, זיינען פון ביידע זייטען פון די קריכענדע וואַגאָנעס, נאָכגעלאָפען אינגע־לעך און מיידעלעך און האָבען צו אונז אין וואַגאָן אריינ־געוואָרפען גרויסע ווייסע ליליען און רויטע בלומען פון אַלערליי מינים. דאָס איז נים געטהאָן געוואָרען פון גרויס בעוואונדערונג פאַר אונז חלילה, אָדער כדי אונז צו געבען אַ שעהנעם ברוך הבא. ס'איז פשוט געווען אַן איידעלע אַנצוהערענעס אז מיר זאָלען עפּעס שענקען... האָט מען די אַנצוהערענעס נים גלייך פערשטאַנען, איז געקומען אַ מענה לשון וואָס איז אפילו געווען אונפערשטענדליך אָבער די כונה איז געווען קלאָר ווי דער טאָג.

האַלב־וועגס זיינען מיר אַרונטערגעשטיגען פון די וואַגאָנעס און האָבען זיך געלאָזט געהן צופוס אַרויף באַרג. עס איז אונז נים גאַנץ לייכט אָנגעקומען זיך צו בעפרייען פון די טרעגער וועלכע האָבען פון אַלע זייטען זיך אָנגעבאָטען אונז אַרויפצוטראָגען אָהין אויף אַ סאָרט טראַג־וויעג געטראָגען פון צווייען.

די באַרג־לופט האָט פערשאַרפט אונזער אַפּעטיט, און מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויפ'ן וועג אין אַ מין גאַרטען־רעסטאָראַן וואו מען האָט אונז סערווירט אַ זעהר געשמאַקען פרישען מאָהלצייט, און וואו מיר האָבען פער־זוכט דאָס בעריהמטע מאַדעראַ'ער וויין.

עס איז שוין לאַנג ידוע, אַז די בעסטע „באָסטאָן בעבלעך" קריגט מען דוקא אין קאַליפאָרניא. אָבער איך וואָלט געקריוודעט דעם אָרימען אינזעל ווען איך זאָל נים

מעיד זיין אַט דאַ גלייך אויפ׳ן אָרט, אַז דער וויין וואָס מיר האָבען געטרונקען איז געווען עכט מאַדעראַ׳ער, נ י ט קוקענדיג דאַרויף וואָס מיר זיינען געווען אין מאַדעראַ גופא.

די גאַנצע צייט וואָס מיר האָבען געגעסען, האָט לכבוד אונז געשפּיעלט אַ וואונדערבאַרער אָרקעסטער. די מיט־גליעדער פון דעם אָרקעסטער זיינען געווען אויסגעזעצט אויף די אַרומיגע בוימער און קוים זיך געלאָזט זעהן. זיי האָבען געטרילעט מיט אַן אמת׳ער מתיקות און האָבען זיך געמיהט אונז צו אונטערהאַלטען ווי ווייט זיי האָבען גע־קענט. די איינציגע אמת׳ע מכניסי אורחים אין מאַדעראַ. צומאָל קיין טרינק־געלד ניט פערלאַנגט.

נאָכ׳ן עסען זיינען מיר אַרויף אויבען אויפ׳ן באַרג וואו מיר האָבען געטראָפען אַן אַלטען קאַטוילישען קלויס־טער. די טהירען זיינע געווען נאַסטעזש אָפען, און אַ יונ־גער גלח אין זיין שווארצען קיטעל מיט אַ צלם אָנגעהאָנ־גען אויף דער ברוסט איז געשטאַנען גרייט די טוריסטען מקבל פנים זיין און זיי ווייזען די וואונדער פון דעם קלויסטער. אגב אורחא איז געווען אָנגעקלאַפּט אַ גרויסע אייזערנע פּושקע וואָס האָט געגעבען צו פערשטעהן, אַז אויף נסים קען אפילו אַ קאַטוילישער קלויסטער אויך ניט לעבען...

איך האָב אַריינגעוואָרפען אַ האַלבען דאָלאַר אין דער צדקה־פּושקע, און דער יונגער גלח האָט עס געהאַלטען פאַר ווין חוב מיר צו ווייזען אַז איך האָב זיך ניט אָפּגענאַרט און די קירך איז עס ווערטה לכל הדעות. האָט ער מיר

דערצעהלט, אז זי איז ניט וועניגער ווי צוויי־הונדערט־און־פופציג יאהר אלט. איך אליין, דעם אמת זאגענדיג, האב געהאט א שטארקען חשד אז די זקנה פון דעם קלויסטער איז ווערליג נאכ'ן געבער. ווען איך וואלט אריין אין פושקע א דאלער וואלט דער יחוס אנגעשפארט ביז דעם 10טען יאהרהונדערט.

ווערטה געווען אבער כל הגעלטען איז די פאנאראמא וואס האט זיך פאנאנדערגעוויקעלט פאר אונזערע אויגען פונ'ם שפיץ טהורעם פון דעמדאזיגען קלויסטער. עס האט זיך געלוינט צוליעב דעם אליין מאכען די נסיעה איבער'ן אוקינוס.

דער גרין־בעוואקסענער אינזעל דורכגעפלעקט מיט ווייסע הייזער, האט שטיל און צופרידען געזויגען אין זיך די מיטאג־שטראהלען. אין א האלבען ענגל האבען פון ווייטען גע'חלומ'ט די בערג, און דער רוהיגער ים האט זיך געצויגען ווייט ווייט אוועק אין דער זון, ביז ער האט זיך פערלארען אין א לייכטען נעבעל...

איך וואלט דארט לענגער געבליבען, אבער די צייט איז געווען קורץ. זיינען מיר ארונטער פונ'ם טהורעם אין דעם דונקעלען קלויסטער און פון דארט צוריק ארויס אין זונענשיין...

צוריק איז דער וועג געגאנגען אין א מין שטויס־שליטעלע. געגויער גערעדט, האט מען אייגענטליך דאס שליטעל ניט גערארפט שטויסען נאר צוריקהאלטען עס זאל זיך צוזאמען מיט אונז ניט אראפגליטשען בארג אראפ.

אויפ'ן וועג האָבען אונזערע פיהרערס — איטליך שלימעל האָט געהאָט צוויי — זיך אָפּגעשטעלט נעבען א סאָרט שענק, און האָבען ערקלערט, אז זיי זיינען שרעקליך דאָרשטיג, און אויב עפּעס וועט ניט געטהאָן ווערען צו שטילען זייער דאָרשט, קענען זיי נאָך חלילה אוועקפאַלען פאָר אונזערע אויגען.

דער עלטסטער האָט אָפּגעשאַצט די גרויס פון זיין דאָרשט אין ניט וועניגער ווי א האַלבען שילינג אָדער צוועלף סענט.

אז ער האָט געקראָגען דאָס געלט, איז ער שנעל אריינגעלאָפען אין דער טראַקטיר און תוך כדי דבור איז ער שוין געווען צוריק. איך האָב געזעהן אז זיינע שווארצע וואָנצעס און זיינע ליפּען זיינען געווען טרוקען.

מיר האָבען ווידער געמאַכט א שפּאַציר דורך די הויפּט גאַסען. עס האָט זיך בעזונדערס געוואָרפען אין די אויגען די גרויסע צאָהל פון דייטשע מאַגאַזינען.

אויסער וויינען און פרוכטען ווערען אויפ'ן אינזעל פּראָדוצירט שטיקערייען, געפלאָכטענע קערב און אנדערע האַנד־ארבייט, וואָס ווערען פערקויפט פאָר זעהר א בי־ליגען פּרייז.

איך האָב געקויפט א קונציג אויסגעארבייט בייטעלע אויפגעשניטען פון די ברוינע קערלעך פון אַזא מין קירבים. דער מקח איז געווען הונדערט „רעים", וואָס דאָס מיינט אויף אונזער אמעריקאַנישען געלד א קימא לן פון צעהן סענט.

ביסלעכווייז האָבען די פיער הונדערט טוריסטען וואָס האָבען זיך אוועקגעלאָזט בעקוקען דעם אינזעל, גענומען זיך אומקעהרען צו דער שיף.

אסך האָבען ארויסגעוויזען שטאַרקע סמנים אויף זייער געזיכט און מעהר נאָך אין זייער געהן, אז זיי האָבען ניט פערשעמט די מאַדעראַ'ער געטראַנקען...

איינער א יונגער מאַן האָט בשום אופן ניט געוועלט ארויף צוריק אויפ'ן שיף. עס האָט ניט געהאָלפען קיין טענה'ן און קיין ריידען, און גוטע פריינד האָבען איהם געמוזט ארויפטראָגען אויף די אָרעמס מיט געוואַלט. די אויגען זיינע האָבען געגליהט און די צונג האָט בלויז מיט מאַטערנים געקענט ארויסזאָגען:

— לאָזט מיך אין מאַדערא!...

ניט ווייט פון אונז זיינען געוועזן פעראַנקערט נאָך אַנדערע שיפען. איינע א דייטשע וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען, איז געוועזן ארומגערינגעלט מיט דיזעלביגע האַלב־נאַקעטע פּאָרטוגעזען, ווי אונזער „לאַקאָניא".

דאָרט האָט מען געוואָרפען אין ים מאַרקען און זילבערגראָשען. אָבער די פונטשאַלער זיינען אינטערנאַציאָנאַל... נאַטירליך אַז דער אַמעריקאַנער איז א נדבן, דאָס ווייסען זיי. אַזעלכע קונצען ווי פאַר אונז וועלען זיי שוין, מאַלט איך, פאַר די דייטשען נ י ט ווייזען. זיי ווייסען, אַז אַזעלכע מטבעות ווי פון אונזער שיף וועלען זיי אין ערגעץ ניט קריגען.

פון זייער לאַנגער ערפאַהרונג האָבען זיי זיך אויסגע־

לערענט אפצושאצען יעדער פאלק, לויט זיין ווערטה. גע־
נויער גערעדט, לויט דעם וואס מע קען ערוואַרטען פון
דעמדראזיגען פאלק אין מטבעות. פון דעם מאדערא'ער
שטאנדפונקט איז דער אמעריקאנער דער אמת'ער בחיר
היצורים.

דיראזיגע אויסצייכענונג — ווי איך האב שפעטער
אויסגעפונען — האט דער אמעריקאנער ברוך השם אומע־
טום. קעלנער האלטען פון איהם אז עולם ומלואו, ער
ווערט בעוואונדערט פון האטעליערס און בעטלער גלויבען
אז עס איז צו איהם קיין גלייכען ניטא.

דאס אומגליק איז אבער וואס ניט אלע זיינען קעל־
נער... פאראן צייטען און פאלען וואו דער אייראפעער
מיט זיינע „פעניגער" אדער מיט זיינע „רעים" קען אויפ־
טהאן מעהר, און אויף א מעהר בכבוד'ען אופן, ווי דער
אמעריקאנער מיט זיינע דאלארס.

די זוניגקייט פון דעם טאג איז מיר פערבליבען אין
הארצען דעם גאנצען אבענד.

עס איז שוין געווען טיעפע נאכט און די שיף איז
שוין געווען א רעכט שטיק אפגעגאנגען אויף איהר וועג
צו גיבראלטאר, און איך האב נאך אלץ געטראכט פון דעם
שעהנעם אינזעל.

זיסע בילדער פון א זוניגען רוהיגען רייכען לעבען האַ־
בען זיך גענומען ארויסמאלען פון דער צוקונפט...

איך האב געשפירט ווי די קנייטשען פון דער נשמה
— קנייטשען וואס האבען זיך יאהרען און יאהרען ניט

אויסגעגלייכט — גלעטען זיך איצט אויס. איך בין גע־שטאנען אין א ווינקעל שיף און האב אין דער דונקעלהייט געזעהן דעם לאנגען צאפ פון שוים וואס דער רודער לאזט הינטער זיך... איך האב אזוי גוט פערשטאנען אי דעם ים, אי דעם הימעל און איך האב זיי אלע אזוי אמת ליעב געהאט... איך האב זיך געפיהלט זיכער צווישען זיי.

מיט אמאל איז דאס הארץ פערפלייצט געווארען מיט א ווארעמען שטראם פון דאנקבארקייט, פאר וואס מיר פון אזוי פיעל טויזענדער און צעהנדליג טויזענדער, איז בע־שערט געווארען דאס גרויסע גליק, דעם אלטען טרוים צו פערווירקליכען און פאהרען קיין ארץ ישראל...

די ווילען האבען געשעפטשעט די דאנק־תפלה וואס איך האב ניט געקענט און ניט געוואוסט ווי צו זאגען. איך האב זיך געפיהלט געלייטערט און גליקליך...

געפאלען איז פון הימעל
א שטילע גרויסע גאב...
געניידערט ווי א טהוי האט
א בענשונג אויף מיין קאפ...

א ליכט האט זיך געצונדען
און האט מיין וועג בעהעלט...
איז גרויס דאס הארץ געווארען,
צי קליין די גאנצע וועלט? —

איך האב אי ים אי הימעל
געוויגט ביי מיר אין ברוסט...

איך האָב פון תהום און שטערען
דעם טיעפסטען סוד געוואוסט.

איך האָב פון גרויסע בעכערס,
געזופט אַ הייל׳גען טראַנק...
איז ס׳הארץ מיר איבערקוואַלען
פון גליק און פרייד און דאַנק...

VII.

די ווייַלען פון הערקולעס

אייז ים גיסט זיך אין א צווייטען,
פריי דער ווינד און פריי די וועלען —
איבער דעם אוקינוס' שוועלען
ווער האט אויפגעהאנגען קייטען?

דעם ערשטען טאג אין דעם מאנאט פעברואר אין דעם יאהר נייינצעהן הונדערט און פערצעהן, צוויי טעג נאך דעם ווי מיר האבען פערלאזען דעם אינזעל מאדערא, איז אונזער שיף „לאקאניא" אריין אין דעם שמאלען האלז, דורך וועלכען די בלאהע וואסערען פון דעם מיטעללענדישען מעער גיסען זיך אריין אין דעם אטלאנטישען אוקינוס.

אנטקעגען אונז האט זיך אויפגעהויבען א ריזיגער דונקעלער פעלז, דורכגעפענסטערט פון אונטען ביז'ן סאמע שפיץ, מיט פעסטונגען און עפענונגען פאר קאנאנען. — גיבראלטאר.

פאר די פארצייטיגע פעלקער איז דא געווען דער עק פון דער וועלט. די שיפער און די ים־פאהרער הא־

בען זעלטען ווען געוואגט אריבערצוגעהן די שוועל פון דעם מיטעללענדישען מעער. האבען זיך ווען עס א'ז געפונען מענשען, וואס זיינען געווען מוטהיג גענוג זיך ארויסצוכאפען אויפ'ן ים אוקינוס, זיינען זיי ענטוועדער ניט מעהר צוריקגעקומען, אדער אז זיי זיינען שוין יא צוריקגעקומען, האבען זיי געבראכט אזעלכע מורא'דיגע ספורים פון שטורעמס און פון משונה'דיגע וואסער־חיות, אז די צוהערערס איז אזש א שוידער אריבערגעגאנגען איבער'ן לייב.

אונזערע לייבליכע שוועסטערקינדער די „צורים" אדער פעניציער זיינען געווען צו גוטע סוחרים זיך אפצו־שרעקען פון אזעלכע מעשות. האבען זיי אנגעצויגען די זאגלען אויף זייערע שיפען און האבען זיך אוועק־געלאזט זוכען גליקען פאזע די אייראפעאישע ברעגעס פון דעם אטלאנטישען מעער. זיי האבען זיך דער־שלאגען אזש קיין ענגלאנד — דיזעלביגע ענגלאנד, וואס וועכטערט איצט אויף גיבראלטאר — און האבען גע־בראכט פון דארט צין און אנדערע מעטאלען.

די אלטע גריכען, האבען די פעלזיגעביישטידלען פון דעם מיטעלמעער'ס טויערען, אנגערופען „די זיילען פון הערקולעס", און דערצעהלט האבען זיי אט־וואס :—

דער גאט צעאום אדער יופיטער האט געפיהרט א ליעבע מיט אלקמענען, דער ווייב פון דעם קעניג אמ־פיטריאן, און האט מיט איהר געהאט א זוהן, וואס מע האט איהם גערופען הערקולעס. אזוי ווי אלע ממזרים,

איז הערקולעס געווען זעהר א גרעסטענער. דאס האט געשטאכען אין הארצען הערא'ן, די ווייב פון צעאוס, און זי האט איהר מאן'ס זוהן אנגעטהאן אלערליי נגישות.

אפילו ווען הערקולעס איז שוין געווען א מטופל מיט א פאמיליע, האט זי איהם אלץ ניט אויפגעהערט צו פערפאלגען. איין מאל איז זי איהם אזוי דערגאנגען די יאהרען, אז ער איז פון פערצווייפלונג משוגע גע־ווארען און האט פון משוגעת אריינגעווארפען זיינע איי־גענע קינדער אין פייער.

אז ער איז געקומען צו זיך און האט זיך ארומגע־זעהן וואס פאר א שרעקליכען פערברעכען ער האט אפגעטהאן, איז ער אוועק אין דעלפי, וואו עס איז גע־זעסען די פריסטערין פיטהיא און פון איהר האט ער א תשובה ארויסגענומען פאר זיין גרויסען חטא. זי האט איהם געגעבען צוועלף ארבייטען צו פערריכטען אלס פארגעבונג פאר זיינע זינד. איינע פון די צוועלף אר־בייטען איז געווען, ער זאל ברענגען גאלדענע עפעל פון דעם גארטען פון די העספערידען — די טעכטער פון דער נאכט.

איז דער העלדישער זוהן פון יופיטער אוועק אויף זיין וואנדער און פיעל לענדער האט ער אויסגערייזט. און א סך גבורות האט ער בעוויזען ביז ער איז געקומען צו דער שטיק יבשה, וואס טיילט אב דעם מיטעללענדי־שען ים פון דעם אוקינוס. האט ער זי מיט די הענד פאנאנדערגעריסען און איז ארויס אין די אטלאנטישע וואסערען זוכען די עפעל פון די העספערידען.

געטער, בעזונדערס אזעלכע וואָס פיהרען ליעבעס און האָבען ממזרים, שטאַרבען פריהער־שפּעטער. אויף צעאוס'ן און זיין שעהנע משפחה איז אויך געקומען א צייט. און זייערע אָרעמע גלגולים זיינען נאָך געלעגען איינגעגנורעט צווישען פאַרמעטנע טאָוולען אויף פער־שטויבטע פּאַליצעס און האָבען געוואַרט אויף זייער גואל, ווען — אין אָנהויב פון דעם 8טען יאָהרהונדערט איז פון דעם אפריקאַנישען ברעג אריבערגעקומען דער בערבערי־שער העלד טאַריק־איבן־זיאַד און האָט איינגענומען דעם פעלזיגען באַרג צוזאַמען מיט דער ארומיגער געגענד אין דעם נאָמען פון אַללאַה און זיין שליח מוחאַמעד.

איז געבליבען דער נאָמען „געבעל־ (אָדער: דזשע־בעל) טאַריק" — דער באַרג פון טאַריק. שפּעטער איז עס פערקירצט געוואָרען אויף „גיבראַלטאַר".

אין פופצעהנטען יאָהרהונדערט, נאָך א סך מלחמות, איז דער פעלז אריבער אין דער ממשלה פון דער קאַטוי־לישער שפּאַניען, וואָס האָט איהם בעצוואונגען אין דעם נאָמען פון דער הייליגער דריי־אייניגקייט.

אָרום צוויי הונדערט און פופציג יאָהר שפּעטער איז געקומען ענגלאַנד און האָט צוגענומען דעם באַרג אין דעם נאָמען — פון גוטע קאַנאָנען.

פופציג מיליאָן ענגלישע פונטען האָט עס געקאָסט, און צעהנדליגער יאָהרען נאָכאַנאַנד האָבען אייזערנע קראַטען געבויערט און געלעכערט די האַרטע פעלז־שיכ־טען, און אין יעדער לאָך איז אריינגעשטעלט געוואָרען א גרויסער האַרמאַט. און דורך דעם רעהר פון איטליכען

הארמאט האלט בריטאניען אן אויג אויף דעם איינגאנג פון די ימים...

מיט דעם אויסזעהן פון גיבראלטאר בין איך געווען זעהר גוט בעקאנט נאך פון כמה יאהרען צוריק. ניט חלילה ווייל איך בין אזא מאדים אין געאגראפיע. נאר פשוט ווייל איך פלעג מיט דעמדאזיגען בארג זיך אפט בעגעגענען אויף די אנאנסען פון געוויסע פערזיכערונג־געזעלשאפטען און באנקען, וואס האבען מבטיח געווען דעם עולם, אז זיי זיינען אזוי שטארק און פעסט ווי דער פעלז פון גיבראלטאר, און קיין אנדער געזעלשאפט אדער באנק קען זיך ממילא מיט זיי אין זיכערהייט ניט פערגלייכען.

דעם אמת זאגענדיג האב איך טאקי צוליעב דידאזיגע אנאנסען פון די פערזיכערונג־געזעלשאפטען געהאט א בעזונדערען אינטערעס אויסצוגעפינען אויב דער פעלז פון גיבראלטאר איז באמת אזוי שטארק ווי מע טאראראמט וועגען איהם, אדער דאס איז ניט מעהר און ניט וועניגער ווי אן אויסגעטראכטער בלאף. א סך פון מיינע נאהנטע בעקאנטע האבען ארויסגענומען פאליסים אין די דערמאנטע קאמפאניעס, הויפטזעכליך אויף דעם סמך פון דעם פעלז, וואס איז על פי רוב געווען אויסגעמאלט שווארץ. אויף דעם שווארצען גרונט איז געשטאנען פאר קווער אויפגעדרוקט מיט גרויסע ווייסע אותיות דער נאמען פון דער געזעלשאפט.

דאס בילד איז מיר געווען אזוי איינגעדריקט אין זכרון, אז ווען איך האב דערזעהן דעם בארג, האב איך

ניט ווילענדיג געזוכט מיט די אויגען דעם נאמען פון דער פערזיכערונג־געזעלשאפט...

אין די וואסערען ארום האבען זיך געוויעגט אויף זייערע אנקערס א היבש ביסעל גרא־פארביגע שיפען. קיין מאטראזען האבען זיך אויף זיי ניט געזעהן, און קיין רויך איז פון די קוימענס ניט געגאנגען. קענטיג, אויסגעדיענטע אלטע שיפען, וואס מע האט געבראכט אהער אויסלעבען דעם רעשט פון זייערע יאהרען.

א בית מושב זקנים פאר געוועזענע ים־העלדען.

נאכט פאר נאכט דערצעהלען זיי דעם שווארצען אומגעלומפערטען גיבראלטאר־בארג די חדושים וואס זיי האבען זיך אביסעל אנגעזעהן אין זייער לעבען. די העלדישקייטען וואס זיי האבען בעוויזען, די לאנגע נסיעות וואס זיי האבען דורכגעמאכט. זוכט איין שיף די צווייטע אריבערשטייגען, הויבט מען זיך אן ריהמען מיט זאכען וואס זיינען ניט געשטויגען און נישט געפלויגען...

דערביי קרעכצען די רומאטישע ריפען אין וואסער און די אלטע גליעדער קנאקען און ברעכען...

הערט דער נארישער פעלז די ספורים און גלויבט, און אפשר ניט. אבער אלץ בעסער ווי צו שטעהן אויפ'ן ארט און שפירען ווי קאלטע קאנאנען גראבלען די גערדערעם...

עס איז געווען א קאלטער זוניגער טאג, ווען מיר זיינען אראפ אויפ'ן ברעג.

דער וועג איז געווען דורך דעם מאַרק, וואָס איז איינגעטיילט אין צוויי העלפט — איין העלפט פאַר מו־סולמאַנער און די צווייטע פאַר די קריסטליכע בעפעל־קערונג. דערנאָך זיינען מיר דורכגעגאַנגען אַ טויער, נעבען וועלכען עס איז געווען אַ גרויסע ענגלישע קאַזאַר־מע, און זיינען אַריין אין דער שטאָדט.

עס איז געווען זונטאָג און אויף די גאַסען זיינען ניט געווען פיעל מענשען.

ענגלאַנד האָט אַ שטאַרקע שמירה אויף איהר פעס־טונג־שטאָדט, און די ניי־אָנגעקומענע מוזען האָבען אַ ספּעציעלע ערלויבניש, אויב זיי ווילען פערבלייבען וואוינען אין גיבראַלטאַר, אפילו ווען זיי זיינען ענגלישע אונטערטהאַנען.

אַ סך טאָג־לויהנער קומען יעדען טאָג פון דעם דער־בייאיגען שפּאַנישען שטעדטעל, אָדער ווי מען רופט עס פון „דער ליניע”, אין גיבראַלטאַר אַרבייטען. גלייך אָבער נאָך זונענאונטערגאַנג ווערט אויסגעשאָסען מיט אַ קאַנאָן און אַלע פרעמדע מוזען אַרויסגעהן. די טויערען ווערען דאַן געשלאָסען ביז איבער נאַכט.

דאָ האָב איך צום ערשטען מאָל געזעהן דאָס געמיש פון פעלקער, וואָס מיר איז דערנאָך אויסגעקומען צו זעהן אין אַ פיעל גרעסערער מאָס אין כמעט אַלע שטעדט וואו איך בין געווען אין פערלויף פון מיין נסיעה. עס זיינען געווען מורינען, שפּאַניער, איטאַליענער און ענג־

לענדער, איטליכער אין זיינע בעזונדערע מלבושים.

איך האב אפט געקלערט ווי פיעל שעהנער און איג־טערעסאנטער וואלט ניו־יארק געווען ווען איין פריה־מארגען וואלטען אלע זיבעציג אומות, וואס געפינען זיך אין איהר, ארויסגעקראכען פון דעם „שמעלץ־טאפ״ און זיך אנגעטהאן צוריק אין זייערע נאציאנאלע קליידער. מיר וואלטען געהאט א פיעל פערשיידענפארביגערען אסארטמענט, ווי אפילו אזא קאסמאפאליטישע שטאדט ווי אלעקסאנדריא.

אין וואשינגטאן סטריט וואלטען מיר געקענט קוו־קען אונזערע אויגען מיט ווייסע אבאיעס, קאלירטע גא־לאביעהס און בעדוואינישע קעפיעהס, אין מעדיסאן סטריט וואלטען מיר אנגעקוואלען פון קורצע געפאלדעוועטע גריכישע טוניקען, און אויף סעקאנד עוועניו וואלט אפ־געהילכט דער ראמאנטישער קלאפ פון טיראלער הילצער־נע קלומפעס. אבער אונזער קללה איז גלייכקייט, און אין אונזער סדום־בעטעל קריכט מען פון איינענעם ווילען...

די הויפט־אנציהונג אין גיבראלטאר איז די פעס־טונג. אבער פעסטונגען האבען קיינמאל קיין גרויסען חן אין מיינע אויגען ניט געהאט. און א פשיטא ווען מע דארף צוליעב זיי קלעטערען אין דער הויך. איז ביי מיר נעבליבען, אז איך זאל די פעסטונגען לאזען אויף אן אנדערם מאל. איך האב זיך בעסער געוויילט צו כאפען באטש א קוק אויף דעם שפאנישען שטערטעל אלכעסי־

ראס, וואס איז אפגעטיילט פון גיבראלטאר דורך א בוכטע.

איך ווייס ניט אויב מיינע עלטערען זיינע געווען אין שפאניען. גאט ווייס פון וואנען דער גורל האט זיי אין ליטא פערטראגען. אבער מיין חשק צו בעטרעטען דאס לאנד פון די הידאלגאס איז געווען אין מיר אזוי שטארק, אזוי ווי איך וואלט געווען אן אפשטאם פון די אברבנאלס. גאט ווייס? אפשר איז ערגעץ אין מח געווען די קינדערשע נייגיריגקייט צו זעהן אן אינקוויזיציע און אן אויטא־דא־פע, און די אונטעראירדישע הייהלען פון דעם „עמק הארזים"?

מיר האבען זיך ארייגעזעצט אין א קליינעם דאמפשיפעל און זיינע אפגעפאהרען אהין. אויף דער שיף זיינען געווען, א חוץ מיט־פאסאזשירען פון דער „לאקאניא", א סך שפאניער. פריינדליכע מענשען וואס האבען לחלוטין ניט דערמאנט אן טארקוועמאדא'ן. איינער, קענטיג אן ארבייטער, האט מיין טאכטערעל געשאנקען א שעהן קערבעלע, און האט עס געטהאן מיט אזוי פיעל פיינקייט און גאלאנטערי, אז מע האט איהם בשום אופן ניט געקענט ענטזאגען.

ער האט ניט אנדערש געוואלט אונז פערגיטיגען פאר זיין חלק אין דער אינקוויזיציע...

די לאנדשאפט אדער, גענויער, די ים־שאפט איז געווען פון יענעם מין, וואס אז מע זעהט זיי איין מאל קען מען זיי קיינמאל ניט פערגעסען, און פיעל מע זאל

זיי ניט זעהן, קיין פּאַסיג וואָרט קען מען פאַר זיי ניט געפינען... שטאַט בעשרייבען האָט מען אַזעלכע לאַנדשאַפטען געזאָלט אויסשפּיעלען אויף עפּעס אַ אייגענע אינסטרומענט...

דער מאַט־גרינער ים, דער ווייך־בלאַהער הימעל און די זאַנפטע קאָנטורען פון די ווייטע אַרומיגע בערג פערשלייערט אין אַ וויסליכען טומאַן — זיינען אַלע צונויפגעשוואומען אין איין דעליקאַטנעם לופט־בילד, וואָס האָט אויסגעזעהן מעהר ווי אַ טרױמערונג איידער אַ ווירקליכקייט.

VIII.

סאַנטשאָ פּאַנסאַ'ס מדינה

אַלכּעסיראַס איז אַ קליינע רוהיגע פּאָרט־שטאָדט, וואָס דער שלאָף פון אַלטע דורות הענגט נאָך שווער אויף איהרע ברעמען. זי צייכענט זיך איבעריגנס מיט קיין זאַך ניט אויס, סיידען מע זאָל אַריינרעכענען אין יחוס די בעריהמטע קאָנפערענץ, וואָס איז דאָרט אָפּגע־האַלטען געוואָרען מיט אַ יאָהר צעהן צוריק צווישען ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד בנוגע צו מאַראָקאָ.

די געשיכטע־שרייבער האָבען אַלכּעסיראַס ניט גע־וואָלט פערשעמען, האָבען זיי פון רחמנות וועגען אויס־געטראַכט, אַז ווען דער קעניג פון קאַסטיליען האָט אין פערצעהנטען יאָהרהונדערט בעלאַגערט די שטאָדט, וואָס האָט דאַמאָלס געהערט צו די אַראַבער, האָבען די אַראַ־בער צום ערשטען מאָל זיך בענוצט מיט פּולווער.

איצט איז די שטעדטעל שפּאַניש, אָבער דער זכר פון די אַמאָליגע איינוואוינער איז געבליבען אין'ם נאָ־מען, וואָס בעטייט אין אַראַביש (אַל־געזיראַה) „דער אינ־

זעל״, צוליעב דעם אינזעל וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון דער שטאָדט.

מיר זיינען געגאַנגען דורך שמאָלע געסלעך דורך וועל־כע א וואָגען וואָלט קוים זיך געקענט דורכשפּאַרען. פון ביידע זייטען מעהרסטענטיילס צוויי־שטאָקיגע געל־גע־פאַרבטע הייזער, מיט קליינע אייזערנע באַלקאָנען.

איך האָב זיך געמיהט מיט אַלע כחות צו פערבינדען אין געדאַנקען די דאָזיגע באַלקאָנען מיט אויסגעשטערנטע נעכט, און דונקעל־אויגיגע סיניאָריטאַס אויסגעפּוצט מיט רויטע בלומען אין די שווארצע האָאר, און יונגע שלאַנקע טאָרעאַדערס מיט פארביגע שאַלען אַרום די לענדען, זינ־גענדיג סערענאַדען און צימבלענדיג אויף גיטאַרען. אָבער עס איז בשום אופן ניט געגאַנגען.

נעבען איין הויז איז געשטאַנען א קליינער עזעל וואָס האָט געהאַט דעם אָנבליק פון סאַנטשאָ פּאַנסאָ׳ס בהמה. לכל הפחות האָט זיך מיר אַזוי אויסגעדאַכט.

פון כעס, פון התפעלות, אדער גלאַט פון היימליכקייט וועגען, האָט דער עזעל פּלוצים צועפענט בריים די קינ־באַקען און האָט זיך צושריען מיט א משונה׳דיגען קול... מיר האָבען זיך אַלע געבראָכען די מחות צו געפינען א פערגלייך צו דעמדאָזיגען קול אָבער עס איז אונז אויף קיין פאַל ניט געלונגען.

אין ארץ ישראל, וואו איך האָב געטראָפען אסך עזלען, און וואו זייערע געשרייען פלעגען אָפט הילכען איבער דער גאַנצער קאָלאָניע, האָב איך ד״ם צוגלייך געפונען : ס׳איז

דער קול פון א פערזשאווערטען ברונעם־הענדטעל ביים פומפען וואסער. דר. זשיטלאָווסקי איז מיט מיר מחולק און זאָגט אז דער געשריי דערמאָנט איהם אָן אַן אפגע־שמיסענעם אינגעל וואס שרייט פערכליפּעטערהייד : „כ׳ל שוין מעהר ניט טהאָן...״

מיר האָבען בעגעגענט אויף דער גאס אסך שפּאנישע סאָלדאַטען. אַלע קליין געוואקסען אָבער פלינק און ריהרעוור־דיג אין זייערע בעוועגונגען.

קיין פרויען האָבען מיר כמעט ניט געזעהן, אחוץ איי־ניגע פויערטעס וואָס האָבען פּאַנאַנדערגעטראָגען מילך אין קאַנען אָנגעהאַנגען אויף נאַסטשעס אַזוי ווי מע טראָגט וואסער אין דער ליטא.

מיר זיינען געקומען צו א מין סקווער, אקעגען א גרויי־סען אַלטען קלויסטער. עס איז שוין געווען נאָך גאָטעס־דיענסט און דער סקווער איז געווען כמעט ליידיג.

עס האָט אָבער ניט גענומען לאַנג ביז מע האָט אָנ־געהויבען זיך אומקוקען אויף אונז. עס האָבען זיך געזאַ־מעלט יאַווען יונגע בחורים וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָגען פאַר פיהרערס און וועגווייזערס. צום אומגליק האָב איך זיך געדאַרפט אַרויסריידען אז איך זוך א פּלאַץ וואו צו עסען.

דאָס איז געווען א סיגנאַל פאַר איטליכען פון זיי מיר פּאַרצולעגען א רעסטאָראַן. מיין ידיעה אין שפּאניש האָט

מיר ניט געסטאיעט צו פערשטעהן אלע מעלות וואס זיי האבען מיר אריינגערעכענט אין נדן. אבער אז יעדער בע־זונדער לויבט אין טאג אריין ז י י ן רעסטאראן, דאס האט מען געקענט זעהן זיך שפיגלענדיג אין זייערע שווארצע אויגען און אויף זייערע ברוינע בעוועגליכע געזיכטער.

כדי לויז צו ווערען פון דעמדאזיגען ניט־געבעטענעם עולם, האב איך ערקלערט האלב מיט׳ן מויל און האלב מיט די הענד, אז דאס האב איך זיך בלויז ארויסגערעדט על פי טעות, אז איך בין באמת גאר ניט הונגעריג. עס האט אבער ניט געהאלפען. און וואו מיר זיינען געגאנגען איז אונז נאכגעגאנגען פוס־טריט א גאנצע פראצעסיע פון וועג־ווייזער איטליכער גרייט אונז צו ברענגען אין זיין רעס־טאראן.

מיר האבען בעשלאסען באדאי מיר זאלען וויסען אז מיר שטארבען פון הונגער וועלען מיר זיך ניט אונטערגע־בען. די טאקטיק איז געווען די אלט־בעקאנטע : אונזערע פיהרער ארער, ריכטיגער, נ א כ ג ע ה ע ר , צו פער־מאטערען.

מיר האבען אנגעהויבען שפרייזען דורך די גאסען אזוי ווי מיר וואלטען געהאט גאר וואס געטרונקען אייזען־וואסער. מיר פאראויס און דער עולם נאך אונז.

נאך אן ערך א האלבע שעה פון אזא מין געלאף האט די פראצעסיע גענומען ווערען שיטערער. קענטיג מע האט זיך גענומען בעטראכטען : אפשר זיינען מיר טאקע ניט הונגעריג ?...

מיר האבען זיך ניט אפגעשטעלט ביז דער לעצטער,

א זשוואווער איינגעל פון א יאהר פערצעהן, האט געגעבען א מאך מיט דער האנד, ווי מע זאגט: ארויסגעווארפענע ארבייט...

לויז געווארען פון אונזערע פערפאלגער, האבען מיר זיך צוגעזעצט אויף א באנק אין א פארק נאהענט דערביי און נאכדעם ווי מיר האבען אפגעווישט דעם שווייס און אפגעצויגען אביסעל דעם אטהעם, האבען מיר ערשט דער־שפירט ווי טויט הונגעריג מיר זיינען...

נאך א האסטיגער בעראטהונג איז ביי אונז געבליבען מיר זאלען זיך א לאז טהאן צו א קליינעם רעסטאראן וואס מיר האבען בעמערקט אויפ'ן וועג.

ביי דער טהיר פון דעם רעסטאראן האבען מיר גע־טראפען איינעם פון אונזערע וועגווייזער וואס האט שוין קענטיג פאראויס מוריע געווען אז מיר קומען... מע האט זיך אויף אונז געריכט.

דער רעסטאראטאר דערזעהענדיג פאר זיך אמעריקא־נער, האט תיכף בעשלאסען אז מע דארף אונז געבען „סטייק". און שטאט די שפאנישע מאכלים אויף וועלכע מיר האבען זיך אזוי שטארק געריכט, האט מען אונז דער־לאנגט א שפאנישע פארעשוועע מיט אמעריקאנישע פרע־טענסיעס.

דערפאר די פרישע אראנזשען וואס מע האט אונז סערווירט, זיינען געווען אויסגעצייכענט. זיי זיינען געווען קליין־געוויקסיג אזוי ווי די שפאנישע סאלדאטען וואס מיר האבען בעגעגענט אויף דער גאס, און אזוי ווי אלע

איינוואוינער פון אלבעסיראס בכלל. אבער זיי זיינען גע־וועזן זעהר זיס און בע׳טעמ׳ט.

ווען מיר האבען זיך אומגעקעהרט קיין גיבראלטאר צו דעם קליינעם דאמפף־שיף וואס האט אונז געזאלט ברענגען צו דער „לאקאניא", האבען מיר זי געפונען בעלאגערט פון קליינע שיפלעך און אין די שיפלעך זיינען געשטאנען שפא־נישע פעדלערס און האבען פארגעשלאגען בקולי־קולות, אלערליי שפיצען, אויסגעהעפטע טיכער, דעקען און שאלען.

דער פרייז וואס זיי האבען פערלאנגט איז געוועזן, גע־וועהנליך, פינף מאל אזוי פיעל, אדער נאך מעהר, פון דעם אמת׳ן ווערטה. מע האט בעדארפט זיין א מומחה אין הלכות דינגען צו קענען פון זיי עפעס קויפען אין גלייכען געלד.

דער „בעדעקער" הקדוש זאגט אפילו ערגעץ וואו מען זאל באטען א דריטעל פון דעם פערלאנגטען געלד. אבער ווי אן ערפאהרענער פאסאזשיר האט מיר בעמערקט, די פעדלערס ווייסען אויך פון „בעדעקער׳ס" סודות, און זיי שטעלען ממילא זייערע מקחים אזוי, אז מע קען זיך מיאוס אפנארען פאלגענדיג דידאזיגע עצה.

איך האב געזעהן א דאמע קויפענדיג א שפאנישע מאנטילא פון א פעדלער פאר צעהן דאלאר. זי איז געוועזן שטארק צופריעדען מיט איהר מציאה. דער פרייז וואס ער האט לכתחלה געבעטען איז געוועזן פופציג. נאך דעם אויסדרוק פון דעם פערקויפער׳ס אויגען האב איך

פערשטאנען אז זועלכע נאאיווע קונים מאכען זיך איהם ניט אלע טאג...

ארום אכט א זייגער ביי נאכט האט די „לאקאניא" ווידער אויפגעהויבען איהר אנקער און האט זיך געלאזט דרום־צו, צו די ברעגעס פון אלזשיר.

די פאסאזשירען זיינען ניט געווען אין אזא אויפגע־ראמטען געמיט ווי נאך דעם טאג אין מאדערא. זיינען עס געווען די מאדערא'ער ווייגען וואס האבען געפעהלט אדער האט דער פינסטערער גיבראלטאר ארויפגעווארפען אן אומעט אויף די פאסאזשירען ?

ווער ווייס ? אפשר איז עס געווען דער אלטער איד וואס מע האט איבערגעגעבען לקבר ישראל אין גיבראל־טאר, הגם מיר האבען קיינער דערפון ניט געוואוסט אין יענער נאכט ?

אויף דער שיף האט אראפגענידערט אזוי ווי א וואל־קען. אדער איז עס מיר נאר געווען אויפ'ן הארצען אזוי ?

קומען אן פון דארט, קומען אן פון דאנען,
פינסטערע געשפאנען...

שאטענס פון די וועלען, שאטענס פון די הימלען,
קנוילען זיך און ווימלען...

פון די שארפע מאסטען, פון די הויכע שטאנגען,
קריכען זיי ווי שלאנגען...

ווערען זיי אלץ גרעסער, שטרעקען זיך און שטרעקען,
פול אין אלע עקען...

שפרייטען זיי די נעצען, וועבען זיי ווי שפּינען,
קען מען ניט אנטרינען...

IX.

בערבערן־לאַנד

די זאַגלען אָנגעצויגען,
דעם אַנקער אויפגעהויבען —
און בלאָע ימים וועלען
מיר פאַנגען רייכע רויבען...

פון כאָראַסאַן און פערסיען
די טהייערסטע געוואַנדטען,
פון כינאַ זייד־בראַקאַטען,
פון הינדוסטאַן בריליאַנטען...

און ווען דער וועג בעגליקען,
דאַן וועלען מיר געפינען,
דעם שענסטען שאַץ פון אַלע —
ווייס־ליביגע שקלאַפינען...

אין דעם ביכעל פון דער קונארד ליניע וואו עס זיינען אויסגערעכענט געוועזן אַלע פיינע מעלות פון דער „לאַקאָניא“, איז בפרוש געזאַגט געוואָרען, אַז זי איז פער־

זארגט מיט „אנטי־ראלינג־טעינקס", א מאכינאציע אזא וואס וועט די שיף בשום אופן ניט לאזען זיךווארפען. אזוי ווי די שיף האט דאס ביכעל ניט געלעזען, האט זי אויף די הויכע אינדען פון דעם אוקינוס, ווי איך האב פריהער דערמאנט, זיך דוקא גאנץ היבשלעך געווארפען.

פלעגען אונז די שיף־בעאמטע טרייסטען אז דער־פאר, ווען מיר וועלען אם־ירצה־השם זיין אין מיטעללענדי־שען מעער, וועלען מיר פערגעסען אן אלע צרות.

די נחמה איז געווען אן אמת'ע, און אונזער נסיעה פון גיבראלטאר ביז דעם נארד־אפריקאנישען ברעג איז גע־ווען דורך שטילע, רוהיגע וואסערען.

די פאסאזשירען זיינען אלע געווען לייכט און זוממער־דיג אנגעטהאן. אלע זיינען געווען אויף די דעקען און הא־בען מיט פולע מיילער געצויגען אין זיך די ווארעמע דרום־לופטען און צוגעקוקט ווי א לייכטער ווינדטעל שיט גיל־דערנע רענדלעך אויף דעם ים'ס אויבערפלעך.

אכט־און־פערציג שעה נאך אונזער אפשייד פון ענג־לאנד'ס פעסטונג־בארג האט זיך די „לאקאניא" אריינגע־גליטשט אין דער האלב־רונדער בוכטע פון דעם פראנ־צויזישען אלזשיר.

הונדערטער יאהרען נאכאנאנד איז די הויפט פרנסה אין אלזשעריא, אזוי ווי אין אלע בערבערישע ברעג־לענ־דער, געווען ים־רויבעריי, און דער האפען פון אלזשיר איז געווען א בעליעבטער זאמעל־פלאץ און בעהעלטענים פון די פיראטען. פון דאנען פלעגען זיי זיך אוועקלאזען אויף

זייער געיעג נאָך די האַנדעל־שיפען וואָס פלעגען דורכ־קרייצען דאָס מיטעללענדישע מעער אין אַלע ריכטונגען, און אָהער פלעגען זיי ברענגען זייער רויב און מאַכען די חלוקה.

מיט אַן ערך אַכציג יאָהר צוריק האָט פראַנקרייך גע־מאַכט אַן ענד צו דעמדאָזיגען שעהנעם „מסחר“, האָט זיך געלאָזט קאָסטען נאָהענט צו פופציג מיליאָן פראַנק צו מאַ־כען אַ מאָדערנעם פאָרט, און האָט, סאַמע אונטער דער נאָז פון דעם אַראַבישען קוואַרטאַל, אויפגעבויט אַ שעהנע ריהד־רעוודיגע אייראָפעאישע שטאָדט, מיט אַלע לעצטע איינ־ריכטונגען.

דער גרויסער וואַסער־בעקען וואו אונזער שיף האָט אַראָפגעלאָזט איהר אַנקער, איז געווען איין שטיק טיעף־בלאָע סאַמעט וואָס האָט זיך קוים־קוים געפאָלדע־וועט דאָ און דאָרט. פון דעם האַלב־קייילעכיגען באַרגיגען ברעג האָבען אונז אַנטקעגען־געלאַכט אין דער מאָרגענדיי־גער זון, די מונטערע אייראָפעאישע בנינים, און הינטער זיי, רייהה איבער רייהה, די ווייסע אַראַבישע ווילאָס אַרומ־געזוימט מיט בוימער און גרינסען. ווען מע וואָלט זייער שטומע בעגריסונג אויסגעטייטשט אין ווערטער, וואָלט עס געווען אַ מין געמיש פון „באָן זשור“ און „סאַלאַם עלייקום“.

מיר האָבען קוים געקענט אָפרייסען אונזערע אויגען פון דעם שעהנעם אַנבליק. ניט אומזיסט האָבען די אַראַ־

בער פערגליכען אלזשיר צו א דימענטשטיין איינגעפאסט אין זמאראגד:

אזוי שנעל ווי מיר זיינען אראפ אויפ'ן ברעג, זיינען מיר איבערגעגעבען געווארען אין דעם רשות פון א טשי־טשעראנע אדער וועגווייזער, וואס האט אונז ניט געזאלט אפלאזען אויף א רגע און האט אונז געזאלט בעווייזען אלע וואונדער פון דער שטאדט אין דעם משך פון א שטונד אדער צוויי.

אזוי ווי די צאהל פון די „געפאנגענע" איז געווען א גרויסע, האט מען אונז אויסגעזעצט אין דראזשקעס — צו פיער אין א דראזשקע. אויף איטליכער דראזשקע איז געווען אנגעהאנגען א ווייסער טאקטור און אויפ'ן ווייסען טאקטור איז געווען אויפגעדרוקט מיט גרויסע שווארצע ציפערען א נומער.

דאס איז געווען כדי מיר זאלען זיך חס וחלילה ניט צומישען.

די דראזשקעס זיינען געגאנגען איינע נאך דער אנ־דערער און ווען ניט די העלע מלבושים און דער געלעכטער און די לוסטיגקייט פון די פאסאזשירען וואלט מען לייכט געקענט מיינען, אז דאס איז א לויה ארגאנזשירט פון עפעס א פעראיין פאר א בכבוד'ען מיטגליעד.

אונזער פיהרער איז געווען אן איטאליענער. ער האט מיט אלע כחות זיך געמאטערט צו ריידען ענגליש. אוואו ער פלעגט בלייבען אביסעל צו קורץ — דארט וואו איינער פון אנשי שלומנו וואלט ד ע ר מ א כ ט מיט דער

האנד — פלעגט ער אריינשטופקעווען גאנצע שטיקער פראנצויזיש אדער איטאליעניש.

ער איז געווען א מרה־שחורה׳דיגער נפש, און האט אויסגעזעהן ווי איינער וואס האט א קראנק קינד אין דער היים... ער האט געמאלען ווי א מיהל די ערקלערונגען וואס ער האט, לויט דער פראגראם, אונז געדארפט געבען וועגען אלע זאכען. מע האט געקענט זעהן בחוש אז ער האט די־דאזיגע ערקלערונגען שויז געמאכט אזוי פיעל מאל אז זיי קריכען איהם שוין פון האלז און ער קלערט די גאנצע צייט: ווען וועד איך פטור פון דער פינסטערער פרנסה...

מיר זיינען דורכגעפאהרען דעם איינראפעאישען פיער־טעל וועלכער איז אין אלע פרטים גלייך צו א פראנצויזי־שער שטאדט. פאר די קאפע־הייזער, אויפ׳ן טראטואר און אויף א טייל פון דער גאס, זיינען געווען אויסגעשטעלט קליינע טישלעך און מענשען זיינען געזעסען און געטרונ־קען קאווע, אבסינטה און אלערליי אנדערע פראנצויזישע משקאות. די פרויען, חנ׳עווודיג־פערשיים און אנגעטהאן „א־לא־פאריזיען״. די נעמען פון די גאסען: „פלאס דע לא רעפובליק״, „בולוואר דע לא וויקטואר״, „רי קארנא״, „בולוואר דע מארענגא״. פראנצויזישע מאגאזיינען, קיאסקס און טהעאטערען. אויף די טראמוועים פראנצוי־זישע אויפשריפטען א. א. וו.

און דאך בילדען די פראנצויזען קוים א דריטעל פון דער גאנצער בעפעלקערונג וועלכע איז עפעס מעהר ווי הונדערט און פופציג טויזענד.

כדי זיך צו שפירען אין גאנצען פראנצויזיש, האבען

מיר אויפ'ן וועג געגעסען אן עכט פראַנצויזישען „דעזשע־נער" און נאָכדעם ווי מיר האָבען בעצאָהלט צו צוויי פראַנ־צויזישע פראַנק, וואָס איז געווען ביליג, און געקריגען פון דער קאַסירערין אַ פראַנצויזישען שמייכעל, וואָס איז גע־ווען נאָך ביליגער, האָבען מיר זיך ווידער געאיילט „בע־קוקען".

אונזערע דראָזשקעס מיט'ן פיהרער בראש, האָבען זיך אָפּגעשטעלט נעבען דעם טויער פון דעם „זשאַרדע־ד'עסעי". מיר זיינען אַראָפּגעשטיגען און זיינען אַריין אָנ־קוקען איינע פון די רייכסטע באָטאַנישע זאַמלונגען פון דער וועלט.

אַלערליי זעלטענע פלאַנצונגען און בוימער געפינען זיך אין דעמדאָזיגען גאָרטען. פאַראַן אויך גאַנצע אַלעען פון באַמבוס, פון פאַלמען, פון מאַגנאַליעס און פון אַנדערע מינים.

מיר איז בעזונדערס פערבליבען אין זכרון אַן אַלעע פון שלאַנגען־בוימער, אַ מין שטאַרקע נידריגליכע בוימער, וואָס זיינען אַזוי צודרעהט און צופלאָכטען, אַז זיי זעהען ממש אויס ווי שלאַנגען וואָס זיינען דורך אַ קללה פון אַ מכשף לאַנג צוריק מגולגל געוואָרען אין בוימער און זיינען מיט די עקען אַריינגעוואַקסען געוואָרען אין דער ערד.

די אַלעע ציהט זיך אויף אַ לאַנגען שטח און געהענדיג צווישען די צוויי רייהען פון דידאָזיגע משונה'דיגע בוימער, דאַכט זיך אויס, אַז אַט, אַט וועט מיט אַמאָל פון זיי אָפּ־געטהאָן ווערען דער כשוף און די עקדעשען וועלען אַרויס־

שלעפּען די עקען פון דער ערד און װעלען זיך נעהמען דרעהען און קריכען איינער איבער דעם אַנדערען.

דאָרט האָב איך צוערשט געזעהן די בוגענוויליאַס, וואָס הערען ניט אויף צו בליהען אַ גאַנץ יאָהר. די בליהונגען זיינען גרויסע, פּורפּעל־רויטע, און רופען אַרויס אַ פריהלינג־ אָדער חתונה־ שטימונג. דאַמאָלס און איטליך מאָל זינט דעם ווען נאָר איך האָב געזעהן אַ בוגענוויליאַ פלעג איך עס פערבינדען מיט מענדעלסאָהן'ס חתונה מאַרש...

פון דעם גאָרטען איז די נסיעה געגאַנגען אַרום דער שטאָדט ביז אַרויף צו דער קאַסבאַ אָדער דעם געוועזענעם שלאָס פון די אַמאָליגע דעיס (נאָמען פון אַלזשירישע הערשערס) און איצט אַ קאַזאַרמע. ניט ווייט פון דאָרט האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווילע און האָבען געהאַט אַ וואונדערשעהנע אויסזיכט אויף דער שטאָדט און דער בלויער בוכטע.

איך האָב מחנך געווען דעם קאָדאַק וואָס אַ גוטער פריינד האָט מיר געמאַכט אַ מתנה פאַר מיין אָפּפאָהר, און האָב אַרונטערגענומען אַ בילד. דאָס דאָזיגע בילד איז איינס פון די זעהר ווייניגע וואָס מיר איז געלונגען גוט אַרונטערצונעהמען. על־פּי־רוב פלעג איך בלויז אומזיסט פערדאַרבען די פילמס. די זון פלעגט מיר אָפּטהאָן אַלערליי שטוקעס. דאָ איז געווען צופיעל, דאָ צו ווייניג און אויב נעבעלדיגקייט און אונדייטליכקייט איז דער אמת'ער

סימן פון גרויסער קונסט, זיינען מיינע בילדער געווען אמת'ע מייסטערווערק.

פשוט'ע מענשען האבען דאס ניט פערשטאנען און האבען ערקלערט אז איך בין בלויז עובר אויף „בל תשחית".

די דראזשקעס האבען מיר מעהר ניט בעדארפט און אונזער נעקסטער בעזוך איז געווען צופוס אין דעם אראבישען שטאדט־פיערטעל.

מיט איין שפרונג זיינען מיר אריין פון דעם צוואנציגסטען יאהר־הונדערט אין דעם מיטעל־אלטער, אדער ריכטיגער געזאגט, פון פראנקרייך אין טיעף אזיען.

מיר זיינען געווען אין א פינסטערער גהעטא. די גאסען זיינען געווען מורא'דיג שמאל און פערדרעהט, און האבען זיך געשלעפט ארויף און אראפ. פוןביידע זייטען הויכע הייזער אהן פענסטער — די פענסטער, קענטיג, הינטען, צום הויף צו. ארום, א שמוץ און ארעמקייט וואס מע דארף ערשט זעהן צו קריגען דערפון א השגה. ערטערווייז זיינען די הייזער געווען אויבען צונויפגעבויט און דער דורכגאנג איז געווען דורך א פינסטערען געוועלב.

עס האט זיך קוים געגלויבט, אז א פאאר מינוט גאנג סך הכל פון דאנען רוישט א קליין־פאריז...

די געסלעך זיינען געווען פול מיט קליינע הענדלערס, בעלי מלאכות וואס האבען געהאט זייער ארעמען ווארשטאט דערויסען, און גלאט אזוי לעדיג־געהערס, צווישען זיי אסך קאליקעס, ווי דער שטייגער איז אומעטום אין אריענט.

די קליידונג איז געווען געוועהנליך א ווייסע געפלאכ־
טענע קאפ־בעדעקונג און א שווארצער איבערדעק ארום
קערפער.

די געזיכטער זיינען געווען דונקעלע, כמעט־נעגרישע
און געקוקט האבען זיי בייז און פערשלאסען. איך האב
אין ערגעץ ניט בעמערקט א גאסטפריינדליכען אויסדרוק
דער פירסט האט נאך געלויערט אין בליק.

איך האב די גאנצע צייט געטראכט פון צוויי זאכען.
ערשטענס האב איך געטראכט פון דעם מאראקאנישען רויי־
בער רייזולי און ווי ער האט אוועקגע'גנב'עט צוויי אמערי־
קאנער און זיי אוועקגעפיהרט אין די בערג און געסטרא־
שעט אז אויב ער קריגט ניט די אויסלייז־געלד וואס ער
פערלאנגט, וועט ער די געפאנגענע טויטען. און צווייטענס
האב איך געטראכט ווי דעריאגט מען אונזער פיהרער. ער
איז געלאפען ווי א רוח פאראויס און איך האב געציטערט,
אז אט אט בלייבען מיר אליין.

איך האב איהם געוואלט פרעגען וואו איז דא די אי־
דישע שכונה, אבער איידער וואס וועז איז ער שוין מיט
אונז געווען אוועק פון דעם געגענד וואו זיי וואוינען.

די לעצטע סטאנציע איז געווען די „דזשאמי־על־קע־
ביר", אדער די אלטע מאשיי — די עלטסטע אין גאנץ
אלזשיר.

מיר זיינען אריין אין דער דונקלער דזשאמי. אין
די ווינקלען האבען פרומע מוסולמענער געדאווענט ביחידות

און פעררירכט זייער רעק'אס (קניהונגען) זיך לחלוטין ניט אומקוקענדיג אויף אונז.

אויף דעם מימבאר (אונזער „אלמעמאר" שטאמט פון דעמדאזיגען אראבישען ווארט, הפנים) איז אויפגעשריבען אז די דזשאמי איז געבויט געווארען אין דעם 11טען יאהרהונדערט.

אונזער טשיטשעראנע האט זיך אויפגעפיהרט זעהר היימיש אין דער דזשאמי, גאר ניט אזוי ווי עס וואלט געווען א מקום קדוש.

מע האט אונז אויך אריינגעלאזט אין אונזערע שיך, ניט פערלאנגט מיר זאלען זיי אויסטהאן, אזוי ווי דער מאחמעדאנישער דין פאדערט.

צוליעב אט די צוויי טעמים האט די דזשאמי ביי מיר פערלארען דעם גאנצען חן. און אפילו איהר אלטקייט האט אויך ניט געהאלפען.

איך האב זיך דערמאנט אן דעם מאדערא'ער קלויסטער וואס קוקט אוים אויף טוריסטען...

איבריגענס איז ד א ך געווען א שטיקעל אונטערשייד. קיין מ ו ס ל י ם האט אונז נ י ט בעוויזען די וואונדער פון זיין הייליגקייט, אזוי ווי דער גלח אין מאדערא.

אזוי ווייט האט נאך די פראנצויזישע קולטור אין אלזשיר ניט דערגרייכט. מיט דער צייט וועט עס מסתמא קומען...

מיר האבען אפגעאטהעמט פרייער ווען אונזער וועג־

ווייזער האָט זיך מיט אונז צוזעגענט. אונזער „ברוך שפּטרני” האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגעלט אויף זיין געזיכט. עס איז געווען קלאָר אז קיינער פון דיביידע צדדים וועט נאָך דעם צווייטען ניט בענקען.

מיר האָבען נאָך געהאַט אביסעל פרייע צייט און זיי־נען אוועק צו דער פּאָסט שרייבען בריעף. האָבען מיר דער־ווייל געקענט זיך אָנקוויקען, אָהן א שום מורה דרך, מיט דער שעהנהייט פון דעם בנין וואָס איז ניי אָבער געבויט אין מוירישען סטיל. די דעקאָראַציאָנען פון די קאַרניזען און די וועגד בעשטעהען מעהרסטענטיילס פון קאָראַן־פּסוקים און הייליגע טעקסטען קונציג אויסגעצאַצקעט און פערפלאָכטען.

אזוי ווי בילדער פון מענשען און חיות זיינען ביי די פרומע אַראַבער טריף ווי חזיר, זיינען אַלע פערציערונגען על־פּי־רוב ענטוועדער געצאַצקעטע אותיות אָדער פערפלאָכטענע ליניען, קעסטלעך און קרייזען. מיט דעם־דאָזיגען בעשרענקטען מאַטעריאַל איז זיי אָפט געלונגען ארויסצוברענגען די וואונדערבאַרסטע עפעקטען.

X.

דאָס רעדעל

דאָס רעדעל לויפט, דאָס קייקעל יאָגט,
ווינקט מעפּיסטאָפעל און ער זאָגט: —
דו מוסט פּרובירען!
ווינקט מעפּיסטאָפעל און ער טראַכט:
לאַנג מיט'ן רעדעל אָפּגעמאַכט —
דו ווערסט פערלירען...

דאָס רעדעל רוהט, דאָס קייקעל שטעהט...
„געוואונען!..." מעפּיסטאָפעל גרייט
אין אָפּט צו באָרגען...
די נעגעל שאַרף אויף זיינע הענד,
און מארך און בלוט איז זיין פּראָצענט —
ניט היינט, איז מאָרגען...

ווידער אַ נסיעה פון אכט־און־פערציג שטונד צוויי־שען צוויי בלויע ים'ען. אין איינעם האָט די „לאַקאָניא" געאַקערט אַ שווימיגען וועג, און אַ צווייטער איז געהאַנגען הויך־הויך איבער דעם מאַסט פון דער שיף.

דעם פינפטען פעברואר אין דער פריה, האָט זיך אונ־

זער שיף אפגעשטעלט אין א רוהיגען ים־ווינקעל ארומגע־
רינגעלט פון א הויכען ברעג. פרעכטיגע פאלאצען האבען
אראפגעקוקט צו אונז פון בארג, פערשייט און האפערדיג,
און האבען אונז בעטראכט אזוי ווי שעהנע קאקאטס בע־
קוקען א פרעמדען... זיינען מיר „ספארטס?"

דאס זיינען געוועזען די פאלאצען פון מאנטע קארלא,
איינע פון די דריי שטעדטלעך פון דער קליינער מדינה'לע
מאנאקא. דידאזיגע קליינע מדינה'לע פערנעהמט א שטח
פון אכט מייל אויף אכט מייל, צעהלט א בעפעלקערונג
פון פופצעהן טויזענד פארשוין און האט א חיל פון צוויי
און זיבעציג סאלדאטען.

שוין מיט א טאג פריהער איז מאנטע קארלא ניט
ארונטער ביי די פאסאזשירען פון די ליפען. איינינע הא־
בען גע'חלום'ט פון „ברעכען די באנק", אנדערע האבען
גלאט געוואלט זעהן דאס אכטע וואונדער פון דער וועלט
פון וועלכען זיי האבען זיך אזוי פיעל אנגעלייענט און אנ־
געהערט.

אזוי ווי אהן אן ערלויבניס קען מען אין דעם קאזינא
אדער שפיעל־הויז ניט אריינגעהן, האט אונזער גוטע פער־
זארגערין, די קונארד־געזעלשאפט, איטליכען פון אונז צו־
געשטעלט אזא מין ערלויבניס.

מיר זיינען ארונטער אויפ'ן ברעג.

עס איז געוועזען א שטילער זומערדיגער מארגען. אויף

די אונבעוועגליכע גלאַטע וואַסערען פון׳ם פּאַרט, אויף די ביסעל שיפען וואָס זיינען דאָרט געווען פערגאַנקערט, אויפ׳ן הימעל, און אויף די הויכע פּאַלמען וואָס האָבען זיך גע־ריסען צום הימעל, איז געווען אויסגעגאָסען אַ זיסע פערד־חלומט׳קייט... אַ טרוימער האָט זיך קיין בעסערען גן־עדן ניט געקענט ווינשען. פון אַלצדינג האָט געאָטהעמט רוהיגקייט און שעהנקייט און שבת׳דיגקייט.

איז מיט יאָהרען צוריק געקומען אַ מאַן און האָט דאָ אויפגעבויט אַ גרויסען און שעהנעם פּאַלאַץ און האָט איהם בעפּוצט מיט אַלע מיני קונסט־ווערק. און פון אַלע עקען פון דער ערד, און פון אַלע פעלקער, וואַנדערען יונג און אַלט, פרויען און מענער, אויפגעקומענע מיליאָנערען און פרימאַדאָנאַס מיט נאַכטיגאַלען אין די העלזער, שוואַרצע פּרינצען און פּאַריזער טענצערינס, רוסישע קניאַזען און אַמעריקאַנער שטאָהל־קעניגען, פּאַשאַס און מאַנדאַרינס, און זיי קומען אין דעמדאָזיגען פּאַלאַץ און זיי דיענען דעם שרעקליכען אומ׳ברחמנות׳דיגען גאָט וואָס זיין נאָמען איז „שאַנס”. און די „סאָסיעטע אַנאָנים דע בען” (די אַנאָ־נימע געזעלשאַפט פון בעדער — אַ מאָדנער נאָמען פאַר אַזאַ מין קאָמפּאַני) נעהמט פון דעם ערב־רב איהר צינז פון פופציג מיליאָן פראַנק, איטליך יאָהר.

לעקען דערוויילע אָפּ אַ ביינדעל די איינוואוינער פון דער פיצימאַנציגקער מדינה׳לע. דאַרפען זיי קיין שטייער ניט צאָהלען. פּטור פון אַלע אָפּצאָהלען. בלויז איין

תנאי : זיי אליין טארען ניט שפּיעלען. ווער עס וויל רוחים ציהען פון זינד טאר אליין ניט זינדיגען.

עס לוינט זיך בעסער צו שניידען קופּאָנעס פון פרעמדע עבירות...

דער פירסט פון מאנאקא האט זעהר ליעב דעם ים און שטודירט זיינע טיעפעניסען. האט ער גענומען א טייל פון דעם געלט וואס ער קריגט פון דער קאזינא, און האט אויפגעשטעלט א מוזעאום פאר די וואונדער פון דעם אוקינוס.

איז מאנטע קארלא גע׳כשר׳ט, און דאס רולעט־רעדעל לויפט מיט א גוטען געוויסען : פילאנטראפּיע, וויסענשאפט...

אויף דער הויפט־גאס האבען שפּאצירט, מעהרסטענטיילס אין דער ריכטונג פון דער קאזינא, מענער און פרויען אנגעטהאן לויט דעם לעצטען „געשריי פון דער מאדע״. גרויסע פּרעכטיגע לימוזינס זיינען רוישיג געלאפען היין און הער.

קיינער פון דידאזיגע שעהנע אויטאמאבילען האט ניט געהאט די גאסטפריינדליכקייט אונז ארויפצונעהמען או אונז אונטערצופיהרען. האבען מיר בעשלאסען זיך אויף זיי אפילו ניט ארומצוקוקען און נעהמען דעם טראמוויי.

אויף דעם טראמוויי איז געווען אויסגעמאלט א מאנאך אנגעטהאן אין א ברוינעם נזיר־קיטעל מיט א שטריק ארום די לענדען... קענטיג דער הערב פון דער קליינער מלוכה׳לע.

מיר זיינען צוגעפאָהרען ביז דער קאָווינאַ. אַרום דעם שעהנעם געביי, ציהט זיך אַ גרויסער פּאַרק פון אַלערליי טראָפּישע בוימער. מיר האָבען געשפּאַצירט דורך די שטע־גען און האָבען צוגעקוקט ווי די גערטנער בעשפּריצען די פרישע גראָזען און די בלומען... די לופט איז געווען — אַ קוויקענדער ווייז. עס איז נאָך געווען פריה. איבּ־ריגענס האָבען מיר זיך ניט געהאַט וואָס צו איילען.

האָבען מיר זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק, פון וואַנען מיר האָבען געקענט זעהן דעם פער'חלום'טען ים, און גע־קענט צוהערען ווי די פויגלען זינגען אין די הויכע צוויי־גען, און מאַכען חוזק פון מאַנטע קאַרלאָ און פון רולעט־טיש און פון דעם אָקעאַנאָגראַפישען מוזעאום און פון אַלצדינג צוזאַמען...

און אַז עס וועט אַרויסגעהן אַמאָל פון דער קאָזינאָ אַן עלעגאַנט־געקליידעטער העדר און וועט אַרויסנעהמען אַ שטאַהלענע זאַך פון אַ הינטער־קעשענע, און עס וועט זיך הערען אַ קנאַל און דער עלעגאַנטער העדר וועט ליעגען די אויגען אויסגעגלאָצט צו די שעהנע הימלען און זיין ווייסע העמד וועט ווערען רויט — וועלען די פויגעלעך זינגען און לאַכען פון דעם נאַר...

אַרויסגעהן פון דער קאָזינאָ איז לייכט, בעזונדערס מיט לעדיגע קעשענעס, אָבער דער אַריינטריט נעהמט צו מיט גרויסע צערעמאָניעס. דורך אַ געראַמען פאָר־צימער זיינען מיר אַריין אין אַ ביוראָ וואו עס זיינען געזעסען אַ צעהנדליג שרייבערס וואָס זייער עבודה איז אויס־

צופרעגנען די בעזוכערס זייער נאמען, זייער אדרעס, זייער בעשעפטיגונג, ווי לאנג זיי האבען בדעה צו בלייבען אין מאנאקא, א. א. וו. דאס אלץ ווערט פערשריבען אין א בוך.

נאך דעם ווי מע האט די אלע זאכען אויסגעפרעגט ביי אונז, האט מען אויסגעביטען די צעטלעך וואס מיר האבען געהאט, אויף בילעטען.

ענדליך זיינען מיר געשטאנען ביי דעם שוועל פון דעם „קדשי קדשים".

א שווייצאר האט צוגענומען אונזערע בילעטען און האט באר אונז העפליך אויפגעעפענט די טהיר און אונז אריינגעלאזען.

די זאלען זיינען געווען הויכע, גרויסע און האלב־דונקעלע אזוי ווי א קאטעדראל. די גרינע, לאנגע טישען האבען זיך ווי גארניט אנגעזעהן אין זיי.

עס זיינען געווען א סך מענשען ארום די טישען און דאך האט מען קוים געהערט א קול. אין אלע ווינקלען האט געהערשט א פייערליכקייט אזוי ווי צו א גאטעס־דיענסט.

האט זיך געדאכט איטליכע מינוט אז אט וועלען מיט אמאל זיך ארויסקייקלען טיעפע טענער פון אן ארגעל...

אין דעם ערשטען זאאל זיינען געשטאנען די „בילי־גערע" טישען, וואו דער קאן איז פון פינף פראנק ביז זעקס־טויזענד.

אויף איין זייט פון יעדער טיש, אין סאמע מיטען, נעבען דעם רולעטדרעדעל, איז געזעסען דער קרופיע אדער

אנפיהרער פון דעם שפיעל. אויף יעדער זייט האט ער געהאט א מיטהעלפער. אנטקעגען איהם אויף דער אנדער זייט טיש זיינען געזעסען צוויי אנדערע מיטהעלפער. איט־ליכער פון דידאזיגע מיטהעלפער האט געהאט פאר זיך א גרויסען הויפען מיט געלד, און זיין עובדא איז געווען צו־נעהמען די פערשפיעלטע געלטען און אויסצאהלען די גע־וואונענע. ביי איטליכען עק טיש איז געזעסען א מאן וואס האט אויפגעפאסט אויף דעם שפיעל.

ארום די טישען זיצענדיג, אדער שטעהענדיג הינטער די שטוהלען פון די וואס זיצען, זיינען געווען די שפילערס.

די געזיכטער זיינען געווען ערנסט, די שטערנס גע־קנייטשט, און די אויגען אנגעשטרענגט און צוגעקניפט צו דעם קליינעם רולעט־רעדעל. קיינער האט ניט גערעדט א ווארט, אויסער דער קרופיע:

— פעט וואַ זשע, מעסיע ! (שפיעלט, מיינע העררען !)

די שטים איז געווען נידריג און פייערליך, דערביי איז זיין פנים געווען אהן א שום אויסדרוק...

דער כהן גדול פון דעם מורא'דיגען אונ'ברחמנות'די־גען גאט וואס מע רופט איהם „שאנס"...

די הויכע קופקעלעך פון זילבערנע פינף־פראנק שטי־קער וואס זיינען געשטאנען נעבען די שפיעלערס, זיינען צושמאלצען געווארען ווי שנעע. דאס געלד איז אוועקגע־נומען געווארען מיט אזעלכע קליינע הילצערנע לאפעט־קעלעך וואס האבען געשארט און געגראבעלט אויף דעם גרינעם טוך ווי נענגעל פון א וואמפיר...

די נעווינסען זיינען געוועזן זעלטען...

— פעט וואַ זשע, מעסיע ! — אַ וואָרף מיט דעם קליינעם קייקעלע אין דעם רולעט־שיסעלע, און הערצער ציטערען, אויגען קריכען אַרויס פון די לעכער און הענד כאַפּען זיך קראַמפּפהאַפט אַן דעם טיש...

פערשפּיעלט...

די נעגעל שטרעקען זיך אויס און גראַבלען צונויף די זילבער־שטיקער... דער טיש איז לעדיג און דער אומ־ברחמנות'דיגער נאָמ וואָס מע רופט איהם „שאַנס", ווערט אונגעדולדיג און די שטים רופט ווידער:

— פעט וואַ זשע, מעסיע !

מיין בליק האָבען צוגעצויגען צוויי פּערזאָנען, וואָס זיינען געזעסען איינע נעבען דער אַנדערער, הגם זיי האָבען קענטיג קיין שום שייכות ניט געהאַט מיטאיינאַנדער.

איינע איז געוועזן אַן אַלטע פרוי מיט זילבער־ווייסע האָאַר. דער קערפּער איז געוועזן איינגעשרומפּפּט פון זקנה, דער פּנים צוקנייטשטער פּאַרמעט, נאָר די אויגען האָבען געברענט — געברענט און געקוקט באַלד אויף דעם רולעט־שיסעלע און באַלד אויף דעם קליינעם קוימענדעל פון זילבערנע פינף־פראַנק שטיקער, וואָס איז געוועזן אויפ־געשטעלט פאַר איהר אויפ'ן טיש. געוועזן ניכר, אַז זי איז דאָ אַן אַלטע תושב'טע...

די צווייטע איז געוועזן אַ מיידעל פון אַ יאָהר צוואַנ־ציג. דער פּנים איז געוועזן פריש און פריהלינג'דיג, די גליעדער זיינען געוועזן אָנגעזעפּטיגט מיט יוגענדליכער

ליידענשאפטליכקייט און די אויגען האבען געברענט — געברענט און געקוקט דא אויף דעם רולעט־שיסעלע און דא אויף דעם קוימענדעל פון זילבער, וואס איז געשטאנען נע־בען איהר. אריבערשפארענדיג זיך איבער'ן טיש האט איהר פולע ברוסט שיער ניט אנגעריהרט די קאלטע מטבעות...

ביידע אויפ'ן שוועל פון לעבען... איינע מיט איין פוס ארויס, און די צווייטע מיט דער מאמע'ס מילך נאך אין איהרע באקען. אבער ביידע טריי צו דעם דיענסט פון דעם שרעקליכען גאט...

ערגעץ וואו אין א ווייטען דארף האבען פויערים גע־אקערט און געזעעט און געשניטען, און דער שוויס איז פון זייערע שטערענס גערונען, און זיי האבען מיט גראבע פערהארטעוועטע הענד די זאנגען געזאמעלט, און אין גאר־בען געבונדען, און גאט'ס גאב אויף גרויסע וועגען געפיהרט אין די שייערען... און דערביי האבען זיי הילכיגע שעהנע ליעדער געזונגען צו דעם וואס גיט רעגען און מאכט רייף די זאנגען...

זיינען די גארבען מגולגל געווארען אין רובעלס און טאלערס און קראנען, און די רובעלס און טאלערס און קרא־נען זיינען מגולגל געווארען אין פראנקען — אין זילבערנע פינף־פראנק שטיקער.

— פעט ווא זשע, מעסיע ! — א ווארף מיט'ן קיי־קעלע אין דעם רולעט־שיסעלע — און דער גלגול פון די שעהנע גילדערנע זאנגען ליעגט אין די קאלטע הילצערנע נענעל...

איך האב ארויסגענומען א פינף־פראנק שטיק. א גלגול פון וואס? אפשר פון א שעהנעם געדאנקען געבארען אין א פערל־מוטערנעם בין־השמשות?...

איך האב זיך אריבערגעבויגען איבער דעם שפיעלער הינטער וועלכען איך בין געשטאנען, און האב אוועקגעלעגט מיין מינץ אין איינעם פון די אויסגעמאלטע קעסטעלעך אויפ'ן טיש. אין נעקסטען מאמענט איז זי אין שכנות מיט א סך אנדערע געווען אויפ'ן וועג צום קרופיע...

האב איך אויך דעם טעם פערזוכט...

איך בין אריין אין א צווייטען זאאל וואו דער קאן איז פון צוואנציג פראנק ביז צוועלף טויזענד. קיין זילבערגעלד איז אויפ'ן טיש ניט געווען. לויטער בלאנקער גאלד. די געזיכטער זיינען געווען נאך פייערליכער, ערנסטער און פערטיעפטער... דער קלונג פון די גלאנציגע לואי־ד'ארס איז פערשטיקט געווארען פון דעם שארען פון די לאפעטקעלעך איבער'ן טוך, און עס איז ארויסגעקומען א מין דומפער מרה־שחורה'דיגער קלאנג...

די טישען זיינען געווען בעזעצט מיט א גרויסען עולם. אבער איטליכער איז געווען פערנומען מיט זיינע אייגענע געדאנקען, ריכטיגער, מיט דעם איינציגען געדאנקען פון געווינען און פערשפיעלען...

געווען שעהנע, אנציהענדע פרויען, און פיין־געבויטע מענער, געווען פראנטען און קאקעטקעס, אבער קיינע האט ניט קאקעטירט און קיינער האט ניט געטריבען קיין פלירט.

דער מאמענט איז געווען היילינג צו דעם אומ'ברחמנות'דיגען גאט, וואס מען רופט איהם שאנס...

— פעט ווא זשע מעסיע! פעט ווא זשע מעסיע!

א שווער געפיהל האט מיך מיט אמאל בעדריקט. מיר איז געווארען ענג אין דעם גרויסען האלב־דונקעלען זאאל, און איך האב זיך געאיילט ארויסצוגעהן.

ב. האט ניט אנדערש געוואלט איך זאל מיט איהם צופאהרען קיין ניצא וואס איז סך הכל א שטונדע און א האלב רייזע פון מאנטע קארלא. איך האב זיך אפגעזאגט און בין אוועק צוריק צו דער שיף.

און שטעהענדיג ביים געלענדער פון דער שיף און קוקענדיג אויף דעם שעהנעם פער'חלום'טען וואסער, האב איך נאך אלץ געהערט:

— פעט ווא זשע, מעס־יע! פעט ווא זשע, מעסיע!

XI.

נאַפּאָלי

האָט איטליכער פון זיי געקוסט די ערד,
און פריידיק האָט פון די אויגען זיי געטרערט:
„ליעבהאַרציג לאַנד, מיר קעהרען אום צוריק,
„וועסט אונזער קבר זיין ווי אונזער וויעג...”

האָט מיך פערקלעמט אַ שטילער שאַרפער וועה...
די אָרעמע, פערגונען האָב איך זיי
דאָס גליק פון ווידערקעהר, דאָך ערגעץ וואו
געעגבערט האָט עס אין דער ברוסט: און דו?..

פאַרנאַכט האָט די „לאַקאָניא” אויפגעהויבען איהר אַנקער, געוואָרפען אַ לעצטען פערליעבטען קוק אויף דעם „קאַט ד'אַזיר” — דעם ברעג פון בלאָקייט — ווי די פראַנ־צויזען רופען די שעהנע ריוויערא — און זיך ווידער אַוועק־געלאָזט אויף דער וואַנדער.

איבער די גלאַטע, גלאַנציגע וואַסערען האָט זיך אויס־געשפרייט אַ טוך פון גאָלד, די הימלען אין מערב זיינען געווען אַנגעגליהט און די זון איז געהאַנגען ווי אַ גרויסע שעהנע פרוכט גרייט אַראָבצופאַלען אין דעם שוים פון ים.

ארום דער שיף זיינען פישען ארויסגעשפרונגען פון אונטער דעם גאָלדענעם טוך. זיי האָבען זיך אויפגע־הויבען הויך אין דער לופט, און זיינען מיט די קעפּ אראָפּ צוריק אריינגעשפרונגען אין וואַסער.

אויבען האָבען אונז פון אַלע זייטען ארויסבעגלייט די ים־פוינלען...

ביים עסען זיינען אסך טישלער געווען ליידיג. די צאָהל פון אונזערע פּאַסאַזשירען איז שטאַרק פערמינ־דערט געוואָרען. טייל זיינען פערבליבען אין מאַנטע קאַרלאָ פּרובירען זייער אַמעריקאַנישען מזל, און מעהר נאָך זיינען מיט דער באַהן אַפּגעפאַהרען אין פערשיעדענע טיילען פון איטאַליען.

עס איז געוואָרען אומעדינלעך. איך האָב דאַכט זיך די מענשען ניט געקענט, און קיין צו גרויסע ליעב־שאַפט האָב איך צו זיי אויך ניט געהאַט. פון דעסט־וועגען האָבען זיי מיר געפעהלט. איך בין צו זיי צוגע־וועהנט געוואָרען.

ווער ווייס? אפשר ווען איך פאָהר מיט זיי אזוי א יאָהר נאָכאַנאַנד, וואָלטען מיר סוף־כל־סוף דאָך געוואָרען אינטים נעגוט זיך צו זאָגען איינער דעם אנדערען „גוט־מאָרגען“.

א שאָד וואָס אזוי שנעל זיך צושיידט...

אין נעאפּעל וועלען מיר נאָך מעהר פון אונזערע פּאַ־סאַזשירען פערלירען.

דער עולם איז שוין בעצייטענס זעהר פערנומען.

מע זיצט זאלבע צווייט און זאלבע דריט אין די ווינקלען, מע רעדט שטיל און מע איז זיך מישב. אנדערע זיצען ביחידות און שרייבען אויף א שטיקעל פאפיער. שרייבען און מעקען. דערביי ציהען זיך די ברעמען צו־נויף, די שטערענס זיינען געראנצעלט און די פנים'ער זיינען פול מיט געהיימנים.

דאס חשבונ'ט מען די „טיפס" וואס מע דארף געבען צו די שיף־בעדיענטע. עס איז ברוך השם דא א גאנצע ליסט פון זיי, אנהויבענדיג פון דעם אויבער־סטיואַרד מיט די גילדערנע נאַליינדלעך אויף די ארבעל און דעם שמן־זית'דיגען שמייכעל אויף די ליפען, ביז דעם רואה־ואינו־נראה'דיגען „בוטס". וואס דאס מיינט שטיוועל־פוצער בלע"ז.

מביש זיין טאר מען קיינעם נים. איבריגענס וועט עמיצער פון די פאסאזשירען ליידען אויף שכחה, וועט איהם דער געקריוודעטער בעל־דבר דערמאנען, ווארום די קונארד געזעלשאפט האט א טבע צו שפארען וואו זי קען און דינגט זי אן אנגעשטעלטען, רעכענט זי איהם אריין שוין פאראויס אין נדן דאס וואס גוט־הארציגע פאסאזשירען וועלען געבען...

דער גרעסטער רחמנות איז אויף די פאסאזשירען וואס פאהרען צום ערשטען מאל. נים ווייט פון מיר זיצען צוויי רייך־געקליידעטע עלטערע אמעריקאנער. לויט מיין חכמת הפרצוף איז איינער פון זיי א באנקיער אין מאנטאנא און דער צווייטער א לאמבער־דיעלער (האלצהענדלער) פון מיר־

שינאן. אויף דער שיף זיינען זיי געוואָרען גרויסע מקורבים.

זיצען זיי איצט מיט גרויסע האָוואַנאַ־ציגאַרען אין מויל, בלאָזען בלאָע רינגעלעך און קענען זיך קיין עצה נים געפינען.

פרעגען איז עפּעס נים שעהן...

ב... פּאַקט זיך שוין אויך.

ער פאָהרט אויך נאָר ביז נעאַפּעל. דאָס וואַרפט אויף מיר אַז אַ אמת'ע מרה שחורה...

מיך פערדריסט צייטענווייז פאַר וואָס עס איז נים געוועזען מעגליך צו פאָהרען קיין ארץ ישראל דירעקט פון ניו יאָרק, זיך נים אָפּשטעלענדיג אין ערגעץ.

פאַר די לעצטע זיבען טעג האָלט איך אין איין טריג־קען פון דעם בעכער פון שעהנהייט און ווי זיס דער טראַנק זאָל נים זיין, און ווי שטאַרק דער גענוס זאָל נים זיין, ציהט דאָס הארץ די גאַנצע צייט ערגעץ אַנדערסוואו. אַט די אַלע מאַלערישע לענדער וואָלטען מיך אין אַ אַנדער צייט און אין אַ אַנדער געמיטה, צעהן מאָל מעהר ענט־ציקט און פער'שיכור'ט.

אַט די אַלע שטעדט און מענשען — זאָג איך צו זיך — זיינען פון אַ וועלט וואָס איך וויל פון זיך אָפּטרייסלען. פון וועלכער איך וויל זיך בעפרייען...

מ י י נ ע שעהנקייטען וועלען זיין ד אָ רט ע ן, ביי די בערג פון יהודה... זיי וועלען ריידען צו מיר אין

א לשון וואָס קיינער פון די מענשען וואָס איך זעה אין אָט־די אַלע שטעדט, קען ניט פערשטעהן. דאָס איז מיין געהיימשפּראַך... דאָס איז דער סוד וואָס מיר האָבען צווי־שען זיך, איך און דאָס לאַנד פון מיינע חלומות...

שטונדען־לאַנג שטעה איך און קוק אויף די איטאַליע־נער אונטען אויפ'ן צווישענדעק, און איך בין זיי מקנא.

ביי זיי איז איצט ערב יום־טוב. אַלע לוסטיג. מע זינגט און מע טאַנצט, מע ראַנגעלט זיך און מע שטויסט זיך און מע פּאַטשט זיך פאַר שמחה און מע ווייס ניט וואָס מיט זיך צו טהאָן פאַר אויפגעראַמטקייט און אומגע־דולדיגקייט.

די נאָזלעכער שפּירען אין ווינד דעם ריח פון דער נאָהנטער היימישער ערד און די אויגען צינדען זיך אָן און רוקענס אויסגעבויגען פון שיך פוצען, גלייכען זיך אויס, און די פּיס פון אַלטע לייט ווערען גרינג ווי ביי אַ אינגעל...

דער פערקריפּעלטער „נעאַפּאַליטאַנעזע" פון די אַפּגע־ריסענע לאַצאַראָני וועט קלינגען אין די אויערען פון די צוריקקעהרענדע, ווי קלאַסישע מוזיק. און די שמאָלע פּעס־טיגע גאַסען בעהאַנגען מיט צוריסענע וועש און מאַקאַראָני וואָס טריקענען זיך אין דער זון, וועלען האָבען אין זייערע אויגען אַ גרעסערן חן ווי אַלע ניו יאָרקער און שיקאַגאָ'ער בולווארען...

נאָהענט פון אַ פערטעל מיליאָן מענשען אין נעאַפּעל לעבען פון האַנר צו מויל, און ביז ניט לאַנג צוריק, פּלעגען

יעדען טאג אין א דורכשניט שטארבען פון פיער ביז פינף מענשען פון הונגער...

געהט מען אוועק איבער ימים אין א פרעמד לאנד, וואו מע קען עסען צו זאט און וואו מע קען פערדיענען גענוג צו טראגען א גאנצען בגד אויפ'ן לייב און אז גאט גיט, אנ־זאמלען א שטיקעל פערמעגען. לויפען די יאהרען אריבער, און די בענקענים פערציהט א שלייער איבער דער נויט און דעם הונגער וואס מע האט אמאל געליטען, און דער שלייער ווערט אלץ דיקער און דיקער און די ארעמע היימישע גאס ציהט און ציהט...

א שלאנג שטעקט מיט אמאל ארויס איהר גרינעם קאפ און צורייסט אלע מיינע מחשבות:

ו ו י פ י ע ל היימען האב א י ך ?...

און אט זיינען מיר אין דעם גאלף פון נעאפעל.

דער גאנצער צווישענדעק הענגט זיך אויף די פאַ־רענטשעס און פון הונדערטער העלזער מיט אמאל רייסט זיך ארויס:

— נאפאלי!

רויטע פאטשיילקעס קריכען ארויס פון די קעשענעס און ווישען פערנעבעלטע אויגען. פרויען הויבען קליינע אמעריקאנער אין דער הויך:

— נאפאלי! וואו דיין מאמע איז געבוירען...

די שיף האט זיך אפגעשטעלט אין פארט ארום פיער אזייגער נאכמיטאג, נאר צוליעב א טויטענפאל אויפ'ן צווי־

שענדעק האט מען די פאסאזשירען נים ערלויבט ארונטער־
צוגעהן ביז די פארט־בעאמטע וועלען נים אויסגעפינען
אז די קראנקהייט איז נים קיין אנשטעקענדיגע. דאס האט
גענומען ביז שפעט ביינאכט.

דערווייל האבען מיר געכאפט פון דער וויים א קוק
אויף דער שעהנער שטאדט. פאראן א ווערטעל:
"Vedi Napoli e poi muori" (זעה נעאפעל און
שטארב). אבער איך מוז זיך מודה זיין, אז נים איך און
נים קיינער פון די פאסאזשירען האט ארויסגעוויזען דעם
מינדסטען סימן פון בדעה האבען צו שטארבען.

איך האב די אויגען אויסגעקוקט אויף דעם וועזוביום
און האב ערווארט צו זעהן דעם זייל רויך וואס זעצט פון
זיין קראטער סאי טאג סאי נאכט, אבער אזוי ווי אויף
צו להכעיס איז דער וואולקאנישער בארג געווען פערצווי־
גען מיט א דיקען טומאן, די גאנצע צייט וואס מיר זיינען
געשטאנען אין נעאפעל.

אימעצער האט מיר אפילו יא אנגעוויזען מיט'ן פינ־
גער אויף אן ארט אין דעם טומאן און געזאגט אז דאס איז
ער, דער וועזוביום הייסט עס. איך אליין האב אבער
לחלוטין גארנישט געזעהן. ווען נים מיין שטארקע אמונה
אין וואס אנדערע זאגען, בעזונדערס ווען עס האנדעלט זיך
וועגען אזעלכע גלייכגילטיגע זאכען ווי געאגראפיע —
וואלט איך אפשר געקראגען א חשד אז די גאנצע מעשה
פון פייערשפייענים און קראטערס איז בלויז אויסגעטראכט
פון פינגער, כדי צו־צוציהען די טוריסטען...

XII.

„מאַנטשיאַ"

דער שטן האָט געזאָגט צו זיי: —
„ניטאָ קיין קעלט ניטאָ קיין שנעע,
„זייט פויל..."
און זעה, ווי ס'לאַכט דער הונגער שעהן,
מיט ווייסע און געזונדע צייהן
אין מויל...

מיר זיינען אַרונטער פון דער שיף צוזאַמען מיט ב... כדי איהם צו העלפען ביי דער אַבפאַרטיגונג פון זיין באַגאַזש.

מיר זיינען אַריין אין דער דואַן, וואו מיר האָבען אָהן שוועריגקייט און אָהן לאַנגע שהיות — הלואי אויף ניו יאָרקער קאַסטאָם־הויז געזאָגט געוואָרען — אַרויסגעקריגען ב...'ס קופערטען און טשעמאָדאַנעס.

פון אַ האַלב־דוצען טרעגער וואָס האָבען זיך אַנגעבאַטען איז דער גורל געפאַלען אויף איינעם אַ נידעריגען מיט דיקע שוואַרצע וואָנצעס און מיט נאָך שוואַרצערע, ביסטרע אויגען. דער אָפּמאַך איז געווען ער זאָל ברענגען אַ דראָזשקע, אַרויפלעגען אויף איהר דאָס געפעק, קריגען בעצאָהלט

און זיך געהן געזונדערהייד צו זיין ווייב און קינד. מיר צוזאמען מיט'ן געפעק האבען געזאלט צופאהרען צו דער „סטאציאנע טשענטראלע", וואו די באגאזש האט געזאלט אפגעשיקט ווערען קיין רוים.

אבער איידער מיר האבען זיך נאך ארומגעזעהן האט דער טרעגער צוזאמען מיט זיינעם א מיטהעלפער, ארויפגעווארפען די זאכען אויף א שטוים-וועגעלע און טוז, אוועק דורך א פינסטערער גאס...

מיר האבען אפגעהאלטען א שנעלע קריעג-בעראטונג און האבען זיך צוטיילט אין צוויי מחנות.

איין מחנה וואס איז בעשטאנען פון ב... האט זיך אוועקגעלאזט אויף א געיעג נאך די וואלד-גזלנים מיט דעם שטוים-וועגעלע. און א צווייטע מחנה מיט מיר בראש, האט גענומען א טאקסאמעטער-דראזשקע און איז געפאהרען צום וואגזאל כדי דעם שונא אפצואווארטען ביי זיין אנקומען, אויב ער וועט איבערהויפט אנקומען.

איך האב זיך דערמאנט אן די דיקע שווארצע וואנצעס און האב שוין בעצייטענס אנגעהויבען צוזאמענשטעלען די טרייסט-רעדע מיט וועלכער איך וועל זוכען צו בערוהיגען ב... אויף דעם פערלוסט פון זיינע זאכען.

נים קוקענדיג אויף דעם וואס די נסיעה צום וואגזאל האט סך הכל גענומען פינף מינוטען, האט דער דראזשקאר פערלאנגט פינף לירעס. איך האב זיך איינגעבויגען צו לייענען דעם טאקסאמעטער, אבער איידער איך האב נאך בעוויזען א קוק צו טהאן אויף דעם ציפערבלאט, האט ער

א דרעה געטהאן דאס הענדטעל און געבראכט דעם ווייזער אויף נול. ווי איך האב שפעטער אויסגעפונען, האט די סומע ניט געקענט זיין מעהר ווי א לירע.

איך האב איהם בעצאהלט זיין פרייז און בין אריין אין וואגזאל, וועלכער איז געווען טונקעל און כמעט אין גאנ־צען ליידיג.

איך האב געווארט מיט אונגעדולד. איך האב זיך אנגעהויבען בעאונרוהיגען מיט אן אמת ניט אזוי וועגען דעם באגאזש ווי וועגען ב... אליין. דורכ'ן געדאנקען זיי־נען דורכגעפלויגען בילדער פון דער „שווארצער האנד” און פון דער „מאפיא”...

נאך א ווארטענים פון צוואנציג מינוטען וואס האבען זיך מיר אויסגעראכט ווי א גאנצע אכטאג, איז דער קאַ־ראוואן אנגעקומען. פאראויס איז געגאנגען דער נידע־ריגער מיט די שווארצע וואנצעס און מיט די ביסטרע אוי־גען. הינטער איהם זיין שותף מיט'ן שטוים־וועגעלע און סאמע צו לעצט האט זיך בעוויזען ב... א רויטער, א פער־שוויצטער, אהן אן אטהעם.

נאכדעם ווי מיר האבען אלע איינשטימיג געפאסט א רעזאלוציע אז נעאפעל איז א צווייטע סדום און איז ניט ווערטה וואס זי שטעהט אויף דער לאנד־קארטע, האבען מיר זיך גענומען צום עיקר — זיך דינגען מיט'ן טרעגער.

זיין מקח איז געווען צעהן לירעס, און זיין מינע האט אונז געגעבען צו פערשטעהן, אז דאס האט ער בלויז איינ־זעהעניש מיט אונז. אז אנדרערן וואלט ער גערעכענט מעהר.

איז מיט אמאל אויסגעוואקסען א יונגערמאנטשיקעל מיט א שטעקעלע אין דער האנד און מיט פערדרעהטע וואנ־צעלעך, און האט מיר איינגעשושקעט אין אויער, אז ער איז מיר א גוטער פריינד און אויב איך וויל פאלגען זיין עצה טובה, זאל איך דעם טרעגער מעהר ניט געבען ווי זעקס לירעס. מיר האבען איהם געפאלגט, און ניט קוקענ־דיג אויף דעם טרעגער׳ס ליארעמדיגע טענות, איז אונזער הארץ געווען קיזעלשטיין.

זעקס לירעס, ניט א טשענטעסימא מעהר.

צוגענומען די זעקס לירעס — בלייבט דער אייגענ־טימער פון די דיקע וואנצעס שטעהן אוןווארט. האב איך לכתחלה געמיינט אז דאס וויל ער אפנעהמען ביי מיר א גערוס פון זיין שוואגער אין מאלבערי סטריט, לאזט זיך אויס אז מיר האבען פערגעסען די „מאנטשיא" (אין־ייד־אריין). געגעבען איהם „מאנטשיא", קומט מיט אמאל אויף דער סצענע דער שטויסער פונ׳ם וועגעלע און דער־מאנט אונז אז ער וואוינט אויך אין נעאפעל... אריינגע־רוקט איהם אויך זיין מטבע און זיך שעהן צוזעגענט מיט ביידע שותפים — רוקט זיך אונטער דער יונגערמאנ־טשיקעל מיט׳ן שטעקעלע און גיט אונז צו פערשטעהן אויף א פיינעם שמייכלענדיגען אופן, אז עס איז קענען זיין מטבע צו געבען עצות אומזיסט.

אז מיר האבען זיך פאנאנדערגעצאהלט מיט אלעמען, האט זיך ערשט אנגעהויבען א נייע צרה.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט נאך א שטרענגער מי־

קראַסקאָפּישער אונטערזוכונג מצד דעם מאַן וואָס איז ממונה אויף באַגאַזש, אַז איינער פון די טשעמאָדאַנעס האָט אַ דין־דין שפּעלטעלע. איז לויט די רעגלאַמענטען פון דער באַהן־געזעלשאַפט אַזאַ מין טשעמאָדאַן אַ מוחרם ומנודה און קען צווישען אַנשטענדיגע באַגאַזש ניט אַנגענומען ווערען.

— איז וואָס דאַרף מען טהאָן ?

— מע דאַרף אַ פּלאָמבע. — די בעמערקונג איז געקומען פון דעם בעל־יועץ מיט'ן שטעקעלע וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון אונז און האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף אונז. אַזוי ווי אַ שטיינער הגר האָט געקוקט פון דער ווייטען אויף דעם קליינעם ישמעאל'ן נאָך דעם ווי זי האָט איהם איבערגעלאָזען אין מדבר... ער האָט געוואוסט פאַראויס אַז מיר וועלען איהם ווידער בעדאַרפען און האָט זיך געהאַלטען גרייט...

עס איז באַלד בעשאַפען געוואָרען אַ מאַן וואָס פערקויפט פּלאָמבעס. דער מקח פאַר אַ פּלאָמבע איז געוועזען אַ האַלבע לירע. אַזוי ווי מיר האָבען ניט געהאַט קיין קליין־געלט, האָבען מיר געגעבען אַ מטבע פון פינף לירעס און געבעטען רעשט. האָט ער ארויסגענומען אַ הויפען קליינע מטבעות פון זיין הויזען קעשענע און האָט מיר אויסגעצעהלט פיער און אַ האַלב לירע. איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף די מטבעות און האָב דערזעהן אַז אַלע אָהן אויסנאַהם זיינען ענטווערער געלעכערטע, אויסגעבויגענע אָדער אָפּגעריבענע.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער וואָרנונג וואָס איך

האָב ערגעץ וואו געלעזען, אַז מע זאָל זיך היטען פון דעם געהויבענעם מנהג וואָס די נעאַפּאָליטאַנעזער האָבען אריינ־צורוקען אַ פּרעמדען אַלערליי שלעכטע געלטען.

עס איז געוואָרען אַ ויכוח. א י ך האָב געטענה'ט, אַז איך בין ניט קיין זאַמלער פון צוקאַליעטשעטע מטבעות, און נעאַפּעל האָט געשריען אין איין קול, אַז איך מוז זיך לאָזען בעשווינדלען...

אָפּגעצאָהלט דעם מאַן פון די פּלאָמבעס, און מוסיף געווען די „מאַנטשיא" אָהן וועלכער ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט פערלאָזען אונזער אנגענעהמע געזעלשאַפט, האָט דער בעל־השטעקעלע אונז געגעבען אַ וואונק, אַז מע זאָל למען השם ניט פערגעסען אָן דעם באַגאַזש־בעאַמטען, וואָס איז אויך אַ שטאַרקער אָנהענגער פון „מאַנטשיא".

די באַגאַזש איז ענדליך געווען בעזאָרגט און דער בעל־יועץ בעפרידיגט פון דעם ניי פּאָר די לעצטע צוויי עצות. איך בין געווען טויט־מיעד.

ב... איז געבליבען איבער נאַכט אין נעאַפּעל. ערשט אויף מאָרגען האָט ער געזאָלט אָפּפאָהרען קיין רוים. מיר האָבען אָפּגעמאַכט אַז ער זאָל קומען אין דער פריה אויפ'ן שיף זיך געזעגענען מיט אונז.

אין דער פריה איז די „לאַקאָניא" געוואָרען בעלע־גערט פון אַלע זייטען מיט קליינע שיפלעך. אין די שיפּ־לאַך זיינען געווען אַלערליי פּעדלערס; איינינגע האָבען געהאַט פערשיעדענע פרוכטען צו פערקויפען, אַנדערע זיי־

נען געקומען מיט גרויסע קערב בלומען, און אַנדערע האָבען געבראַכט סואוועניערס, קלייניגקייטען געמאַכט פון מויערקעפּלעך און פון פישביין, סטאַטועטקעלעך א. א. וו.

איז מען אייניג געוואָרען וועגען דעם פּרייז, האָט דער פּעדלער אריינגעלעגט די געקויפטע זאַכען אין אַ קליין קערבעל און האָט מיט אַ לאַנגען שטאַנג דערלאַנגט דאָס דאָזיגע קערבעל צו דעם קונה אויף דער שיף.

אין אייניגע שיפלעך זיינען געווען קאָמפּאַניעס פון שפּיעלערס און זינגערס. צווישען זיי האָבען זיך דורכגעמישט פרויענצימער. אויף איין שיפעל האָבען דריי יונגע, אָרעם־געקליידעטע זינגערס געזונגען אַ שמוציג גאַסען־ליעד און אַ יונגע פרויענצימער וואָס האָט נאָך געהאַט מעהר ווי אַ רעשט פון שעהנקייט, האָט זיי בעגלייט, צוטאַנצענדיג דערביי אויף אַ זעהר אונאַנשטענדיגען אופן.

די אַרונטערגעוואָרפענע מטבעות האָבען די שווימענדע קינסטלער אויפגעכאַפּט אין אַן איבערגעקעהרטער רעגענשירם...

עס זיינען אויך געווען, ווי אין מאַדערא, האַלב־נאַקעטע מענער און קינדער וואָס האָבען אויפגעקליבען אַרונטערגעוואָרפענע זילבער־שטיקער פון וואַסער.

אַבער ניט דאָס וואַסער איז געווען אַזוי דורכזיכטיג ווי דאָרט, ניט די שווימערס אַזוי געשיקט און ניט דער הינטערגרונד אַזוי ראָמאַנטיש.

אויפ'ן דאָס האָבען קליינע אינגלעך, אַנגעטהאָן אין

טראנטעס, געקוקט מיט גרויסע הונגעריגע אויגען אויף דער שיף...

איינער פון זיי, וואס זיין אליוועז־פארבינגער לייב האט זיך ארויסגעזעהן פון זיינע שמאטעס, האט געזוכט מיט אלע כחות צוציהען אונזערע בליקען. האט ער זיך אלע ווייליע געשטעלט מיט'ן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף, דערביי האט זיך די נאקעטקייט פון זיין קליינעב דארען גוף נאך מעהר ארויסגעוויזען...

מיר האבען איהם צוגעווארפען א מטבע און די גרויסע הונגעריגע אויגען האבען אויפגעבליצט...

און ארום איז געווען א פלייצונג פון זונענשיין און פון אויבען אזא שעהנער בלאער הימעל...

איז טאקי דא א שייכות צווישען זונענשיין און ארעמקייט ? איז דער מענש אזוי פיעל שעהנער און געהויבענער אויף וויפיעל די נאטור ארום איהם איז רויה און שטורעמדיג, און אזוי פיעל מיאוס'ער און שפל'ער אויף וויפיעל די נאטור ארום איהם איז גן־עדן'דיג ?...

פיעל מאל האב איך זייענדיג אין אריענט זיך געשטעלט אט די פראגע.

איך האב זיך געזעגענט מיט ב... און האב ווידער פערזוכט א זעכציגסטעל פון דעם טעם פון טויט.

אבער איך מוז זיך בישלעכווייז צוגעוואוינען צו קענען לעבען אויף זיך אליין...

פריהער שפעטער מוז מען מאכען א רונד־רייז ארום

דער אייגענער נשמה און אויסגעפינען ווי שטארק און ווי רייך מע איז, אָדער ווי שוואך און ווי אָרעם מע איז...

. . . .

פארנאכט **איז** די „לאקאניא” געוועזן אויפ'ן וועג צו איהר לעצטער **סטאנציע** — אלעקסאנדריא.

XIII.

סצילאַ און כאַריבדיס

אין נעאַפּעל האָט זיך די „לאַקאָניא" כמעט אין גאַנ־צען אויסגעליידיגט פון איהרע פּאַסאַזשירען. אין דער ערשטער קלאַס איז בלויז פערבליבען אַ קליין הייפעל. דאָס זיינען געווען אַזעלכע וואָס זיינען געפאָהרען קיין עגיפּטען פאַר אַ לוסט־רייזע איבער'ן אויבערשטען ניל.

נאָך דעם קאָך און דעם טומעל וואָס זיינען פון פריה ביז שפּעט אָנגעגאַנגען אויף דער שיף פאַר די לעצטע צוויי וואָכען, איז מיט אַמאָל געוואָרען שטיל, רוהיג אַזוי ווי נאָך אַ חתונה. די סאַלאָנען זיינען געווען פּוסט, יונגוואַרג האָט אין גאַנצען געפעהלט. די וואָס זיינען פערבליבען זיינען געווען עלטערע מענשען אָדער וויים־האָאריגע זקנים.

אונטען, אין צווישענדעק, איז דער אומעט געווען נאָך גרעסער. ס'איז סך הכל געבליבען דער סיריאַנער מיט'ן רויטען פעץ.

זיין איינזאַמקייט האָט איהם קענטיג שטאַרק פּאַליור־בעט. ער האָט אַרומגעשפּאַצירט מיט גרויס רחבות, מעשה בעל־הבית, פון איין ווינקעל שיף צום צווייטען. די אי־טאַליענער האָבען איהם, ווייזט אויס, געשטערט. איצט אַז

ער איז פון זיי פטור געווארען, האט ער זיך גענומען פּיהלען היימישער, פרייער.

אחוץ דעם האט ער געשפּירט אז ער איז ד ע ר צווישענדעק. צו פּריהשטיק אדער ווארעמעס, ווען דער מאן מיט דער גלאק איז ארויסגעקומען און האט גערופען די פּ א ס א ז ש י ר ע ן געהן עסען, איז ער מיט לאנג־זאמע, געמאסטענע טריט אריין אין עס־צימער. די גאנצע קלינגעריי, האט ער געוואוסט, איז נאר פון ז י י ן כבוד וועגען.

מיר זיינען געווען אויף ביז שפּעט אין דער נאכט כדי צו זעהן ווי די שיף וועט דורכגעהן דעם שמאלען ים־האלז פון מעסינא.

די ברייט פון דעם דורכגאנג איז ערטערווייז ניט מעהר ווי דריי און א האלב מייל. פון איין זייט איז דער ברעג פון איטאליען און פון דער אנדערער זיינען די אינזלען פון סיציליען, און די שטאדט וואס איז אזוי שרעקליך חרוב געווארען אין דער ערד־ציטערניש פון 1908 — מע־סינא.

ביי טאג, זאגט מען, איז די אויסזיכט איינע פון די שעהנסטע אין דער וועלט. די ברעגעס פוןביידע זייטען שעמערירען פון גרינקייט און זיינען בעוואקסען מיט אלער־ליי פּאלמען, און מילגרוים און אראנזש־בוימער.

עס איז איצט געווען שטאק־פינסטער און אלץ וואס מיר האבען געזעהן איז געווען א נעץ פון פייערלעך אויף איטליכער זייט פון דעם וואסער.

לויט דער גריכישער לעגענדע, געפינען זיך דאָ די צוויי געפעהרליכע ים־פּערזעהעניסען — סצילאַ און כאַ־ריבדיס.

סצילאַ איז אַמאָל, אין איהרע יונגע יאָהרען, געווען אַ וואונדער־שעהנע וואַסער־מיידעל. האָט אַמפיטריטע, די געטין פון דעם ים, און די ווייב פון דעם פינסטערען פּאַ־סיידאָן, זיך מתקנא געווען אויף דער שעהנקייט פון דער נימפע און האָט זי פערוואַנדעלט אין אַ העסליכע ים־בריאה מיט צוועלף אומגעלומפּערטע פיס, און מיט זעקס קעפּ וואָס זעהען אויס און האַווקען הינטיש. זי ליעגט בעהאַלטען אין אַ הייהל און ווען עס פאָהרט פערביי אַ שיף, שטעקט זי אַרויס די הינטישע קעפּ און כאַפּט אַראָפּ מאַט־ראָזען.

אַנטקעגען איהר, אין אַ צווייטער הייהל, האָט געלויערט כאַריבדיס. זי איז אַמאָל געווען אַ מענש מיט מענ־שען גלייך, נאָר ווייל זי איז געווען אַ גרויסע פרעסערקע און האָט גע'גנב'עט אַ סטאַדע שעפּסען פון הערקולעס'ן, האָט דער גאָט צעאוס, וואָס איז געווען דער לינקער טאַטע פון דעמדאָזיגען הערקולעס'ן, זי פערוואַנדעלט אין אַ פער־זעהענים וואָס איז אויבען אַ פרויענצימער און אונטען אַ פיש, און איז אַרומגעוואַקסען מיט אַ גאַרטעל פון וועל־פישע קעפּ. אַ זולל־וסובא'טע איז זי געבליבען אפילו נאָך איהר גלגול און דריי מאָל אַ טאָג זופּט זי אַריין אין זיך די וואַסערען פון ים און דריי מאָל אַ טאָג שפּייט זי זיי אויס צוריק.

אַז דער פיעל־אַפּגעקומענער אָדיסעאוס האָט זיך אומ־

געקעהרט פון מראיא און איהם איז אויסגעקומען דורכ־צופאהרען צווישען די דאזיגע צוויי נ׳יאום׳קייטען, האט מצילא ארויסגעשטעקט איהרע הינטישע קעפ און האט ארונטערגעכאפט זעקס פון זיינע העלדישע בעגלייטער.

דער טאג ציהט זיך לאנג ווי דער אידישער גלות. די נסיעה האט ביי מיר דעם גאנצען חן פערלארען.

הונדערט מאל האב איך שוין געמאכט דיזעלביגע הקפות ארום דער שיף, איך בין שוין אויסגעזעסען אויף אלע בענק און אלע שטוהלען, שוין ארייגעקוקט אין איט־ליכער ווינקעלע. איך ווייס אויפ׳ן געזיכט איטליכען וואס געפינט זיך אויף דער שיף, סאי פאסאזשירען סאי מאטרא־זען, און זיי זיינען מיר אלע נמאס און מאוס געווארען.

קומט דער טרומייטערער ארויס אויסצושפיעלען זיין טרויעריגען אויפרוף צום עסען, בעפאלט מיר א חשק מיט געוואלט פון איהם ארויסצורייסען דעם טרומייטער און ארייננווארפען אין ים.

. . . .

אונזער לעצטע נאכט אויף דער לאקאניא.

א שטילע לבנה־נאכט...

ווי ווייט דאס אויג האט געקענט גרייכען, האבען די ווערען געצאפעלט אונטער א ווייסער שעמערירענדיגער נעץ...

צוזאַמען מיט דער העלקייט האָט אַראָפּגענידערט אַ גרויסער פאַרשלאָסענער סוד...

איך און די שיף און אַלע מיינע חלומות וועגען פאָלק און לאַנד און די גאַנצע וועלט זיינען אַזוי ווי אין אַ מעל־שטראָם אַריינגעזויגען געוואָרען אין דעמראַזיגען סוד, און זיינען צוגאַנגען אין דער געהיימניספולער ווייסקייט וואָס האָט איינגעוויקעלט דעם ים פון הימעל־ראַנד צו הימעל־ראַנד...

איך האָב נים געטראַכט און נים געטרוימט פון קיין זאַך.

דער גאַנצער ליכטיגער ים־שטח האָט געפּלייצט דורך מיר, האָט געטראַכט פאַר מיר און געטרוימט פאַר מיר. איך האָב ברייט די ברוסט אויפגעריסען:

— זאָל עס פּלייצען...

עס פּלייצען וואַסער־פּאַלען
פון קאַלטען שיין...
שלינגט אַלצדינג איין
די וואַל פון אַלע וואַלען,
די קוואַל פון אַלע קוואַלען...

צעפּליסען טויזענד זונען,
ווי נים געוועזען...
ווערט זיין און זעהן
ווי טהוי אין זון צערונען,
ווי טהוי וואָס פאַלט אין ברונען...

XIV.

צווישען פריינד

די פייל פערשליידערט ווייט — געבענקט האט נאכ'ן בויגען...
און אומגעזעהנע פעדים האבען זיך געצויגען,
פון ווייטען מוטער־פעלד צום קליינעם הייפעל זאנגען —
מיט זאפטען פון דעם פרעמדען באדען אנגעזויגען,
דאך אויביג טראגענדיג געהיימע היים־פערלאנגען...

בעגינען דעם צעהנטען פעברואר, אין דעם יאהר נייני־צעהן הונדערט און פערצעהן, צוואנציג טעג נאכדעם ווי איך האב צום לעצטען מאל געזעהן די „סטאטיו אוו ליבערטי", איז די „לאקאניא" אריינגעשוואומען אין דעם געראמען פאדער־פארט פון אלעקסאנדריא.

אזוי שנעל ווי די שיף האט בעפעסטיגט איהר אנקער, איז זי געווען ארומגערינגעלט פון א מחנה שיפלעך. אין די שיפלעך זיינען געווען פאקטארען פון האטעלס און טוריסטען־געזעלשאפטען, אראבישע טרעגערס און מענשען וואס זיינען געקומען אפנעהמען בעקאנטע.

ב... האט טעלעגראפירט פון נעאפעל צו הערר י... אז איך קום. איך האב י... קיין מאל ניט געזעהן. און נע־

וואוסט האב איך פון איהם ניט קיין אנדער סימן ווי אז ער איז א פייערדיגער ציוניסט.

איך האב ארומגעקוקט אויף די שיפלעך און גע־זוכט א ציוניסטיש געזיכט, אבער איך האב בשום אופן אזא געזיכט ניט געקענט געפינען.

איך בין געווארען אומרוהיג. די פאסאזשירען זיינען ביסלעכווייז צוגאנגען און איך קוק אהין און קוק אהער און קלער: „מאין יבא עזרי". מיט אמאל קומט־צו צו מיר א יונגערמאן פון א יאהר פינף־און־צוואנציג, א הויכער, מיט א סימפאטישען פנים, מיט שווארצע אמת־אידישע אויגען און מיט א נאז נאך אידישער, און טהוט מיך א פרעג בדרך פראבע:

— זייט איהר יהואש?

— אט ווי איהר זעהט...

טהוט דער יונגערמאן א נעהם מיין האנד און דריקט מאקע גאר אויפ'ן עגיפטישען שטיינער. זיין פנים שטראהלט, און איך זעה אז ער פרעהט זיך מיט מיר ווי מיט אן אבן־טוב.

איז ער הערר י...?

חלילה וחס, אזא זאך פאלט איהם גאר ניט איין. זיין נאמען איז פ... זיין שוואגער כ... פון ניו יארק האט איהם געשריבען אז איך קום און ער האט מיך שוין מיט אונגע־דולד ערווארט.

און איידער וואס־ווען וואקסט אויס נעבען אונז א שעהנער בכבוד'ער מאן פון א יאהר פינף־און־פערציג, מיט העלע האאר און העלע אויגען און א העלען אנצוג און בע־

גריסט מיך אזוי הארציג אזוי ווי ער וואלט געווארט אויף מיר פאר די לעצטע צעהן יאהר.

איז ער הערר י... ?

ניין. זיין נאמען איז ר... און אזוי ווי ער האט זיך דערוואוסט אז איך קום, האט ער זיך געאיילט מיך מקבל פנים צו זיין.

אבער אט קומט אויך י... א איד פון א יאהר פופציג מיט אומעטיגע, חבת־ציון׳דיגע אויגען, און שטעקט מיר אריין א ווארעמען שלום עליכם.

איינס־צוויי־דריי זיצען מיר שוין אין א קליינעם שיף וואס פיהרט אונז צו דער דואן, וואו מען דארף ערשט בודק זיין אונזערע זאכען.

דערווייל צורעדט מען זיך און איך געפין אויס, אז מיינע דריי נייע בעקאנטע שטעלען מיט זיך פאר צוויי פארטייען וואס זיינען „טהעארעטיש" איינע מיט דער אנ־דערער אויף שטעך־מעסערס, הגם אין לעבען איז מען זיך גאנץ גוטע פריינד.

פ... און ר... בילדען דעם ראדיקאלען פליגעל און י... דעם קאנסערוואטיווען.

בעזונדערס אינטערעסירט מיך ר... ער איז געבארען און אויפגעצויגען געווארען אין צפת און האט יונגערהייד גע׳חלומ׳ט צו בעזעצען די אידען פון ארץ ישראל, אין אר־גענטינא. אבער ווייטער ווי אלעקסאנדריע איז ער ניט דערפאהרען. ער איז א פייערדיגער אנארכיסט און א הייי־סער חסיד פון דער „פרייע ארבייטער שטימע" פון ניו יארק, און האט ליעב ווי דאס לעבען די אידישע ליטערא־

טור. דרך אגב האט ער א שעהן געשעפט פון שמוק־זאכען.

אויף אזוי ווייט האט ער ליעב די אידישע ליטעראַטור, אז ער האט בעוואויגען א געוויסען איטאליענישען אי־דישען שריפטשטעלער, א סיניאר פארפארא, ער זאל מאַכען איבערזעצונגען פון אידיש אין דעם לשון פון פעט־ראַרקא. אי סיניאר פארפארא קען דאך ניט א וואָרט פון „העברעא־טעדעסקא", איז ר... ניט פויל און קנעלט מיט איהם וואָרט פאר וואָרט. אזוי ווי די מעהרסטע אידען אין אלעקסאנדריא קען ר... אלע לשונות און א פשיטא שוין איטאליעניש.

און גאט'ס נסים! איך האב געזעהן די געדרוקטע זאמלונג פון די איבערזעצונגען און ווי ווייט איך קען אור־טיילען זיינען זיי העכסט געלונגענע. פאראן אן איטאליע־ניש ווערטעל: "Traditore Traduttore" — „אן אי־בערזעצער איז א פעררעטהער". סיניאר פארפארא, ניט קוקענדיג דארויף וואס ער איז אן איטאליענער און ווייס מסתמא פון דעם ווערטעל, איז דוקא געווען טריי צו דעם טעקסט, אויב מען זאל ניט רעכענען פאר א חטא וואס אין פיעל פאלען האט ער איבערגעלייריגט שלעכטע אידיש אי־גוטע איטאליעניש.

מיט ר...'ן און מיט פ...'ן בין איך פון דער ערשטער מינוט זעהר נאהנט געווארען. שפעטער ווען דער גורל האט מיך ווידער געבראכט אין אלעקסאנדריע, האט זיך די אויבערפלעכליכע בעקאנטשאפט צובליהט אין אמת'ער פריינדשאפט.

בעזונדערס בין איך צוגעבונדען געוואָרען צו פ...'ן, וועלכער איז איינער פון יענע מענשען אָהן שום פּרעטענ־זיעס און אָהן שום אָנשטעלען, וואָס איז אַ תענוג צו בעגע־גענען און אז מע בעגעגענט זיי מוז מען זיי ליעב קריגען.

הערר י... איז אַ געוועזענער קאָלאָניסט פון „ראשון לציון", איינער פון די סאַמע ערשטע פּיאָנערען. הגם ער וואוינט שוין אין אַלעקסאַנדריען זייט יאָהרען, איז ער צו־געבונדען צו ארץ ישראל מיט לייב און זעעל. ער אַזוי ווי זיינע קינדער ריידען העברעאיש און זיין האָפנונג איז אַז פריהער־שפּעטער וועט ער זיך קענען אומקעהרען אין „ראשון לציון".

ער האָט זיך דערפרעהט מיט מיר, ווי אַ פרומער מאַמין ווען ער דערזעהט אַ נייעם אָנהענגער פון זיין אמונה...

דיזאָזיגע פרייד האָב איך דערנאָך געזעהן אויף אַ סך געזיכטער אין ארץ ישראל, און זי פלעגט מיך ריהרען ביז די טיעפעניסען פון דער נשמה.

מיינע נייע בעקאַנטע האָבען ניט אַנדערש געוואָלט איך זאָל בלייבען אין אַלעקסאַנדריא אַ פּאָאר טעג, אָדער לכל הפחות איבער נאַכט.

אָבער איך האָב בעשלאָסען אָפּצופאָהרען נאָך דעם־זעלביגען טאָג. מיין אומגעדולד אָנצוקומען צו מיין ציעל איז געוואַקסען פון מינוט.

האָבען זיי מיר דערצעהלט אַז מענדעל ביילים איז איצט אין אַלעקסאַנדריא און אַז ער איז אויפגענומען גע־

וואָרען מיט גרויס פּאַראַד, אי פון די אשכנזים אי פון די ספרדים. נאָכמיטאָג פאָהרט ער אָפּ קיין יאַפאַ.

אויב איך בעשטעה אָפּצורייזען היינט, וועט מיר אויס־קומען פאָהרען מיט איהם צוזאַמען.

• • • • • • • • • • • • • • •

גענוועבט האָט יאָהרען נאָכאַנאַנד,
אַ פּאָדעם צו אַ פּאָדעם איהר געוואַנד,
די רוהיגע גערולד, און דאַן —
ווען צו דעם ענד איז בלויז אַ שפּאַן
געווען, האָט ווי אַ ווילדע גלוט
זיך אָנגעצונדען אינ׳ם בלוט,
דער אומגעדולדיגער פערלאַנג...
און יעדער אויגענבליק וואָס שיידט
די זעעל, פון איהר געגאַהרטער פרייד,
געוואָרען איז יאָהרהונדערט־לאַנג...

דער לעצטער שפּאַן

די ליפּען האָבען זיך געשלאָסען פעסט,
און טויזענד פויגלען האָבען אין דעם נעסט
פון הארצען, זיך געוואָרגען מיט אַ ליעד...
און אָנגעלאָדען שווער איז דאָס געמיטה
געוועזען, ווי אַ רייכער בוים וואָס שטעהט
בעלאָדען מיט זיין שפע — שטומערהייד...

ארום דריי אזיינער נאָכמיטאָג האבען מיר זיך געזע־נענט מיט אונזערע נייע בעקאַנטע און זיינען ארויף אויף דער שיף „עלעקטרא".

אויב איך זאָג „שיף", איז דאָס נאָר פון מליצה ווע־גען. וואָלט איך געוואָלט זיין רעאליסטיש גענוי, וואָלט איך געזאָגט „מולטער". איך מוז זיך מודה זיין, אז יעדעס מאָל וואָס איך לייען אז ערגעץ אָן עסטערריייכיש שיף איז אונטערגעגאַנגען, טרייסט איך זיך שטילערהייד, מיט דער האָפנונג, אז דאָס איז די „עלעקטרא".

איך האָב מיט יאהרען צוריק געלייענט אַ רייזע־בע־שרייבונג פון אַ בעריהמטען העברעאישען שריפטשטעלער. דערצעהלט ער דאָרטען די שעהנע געדאַנקען וואָס זיינען איהם איינגעפאַלען פאָהרענדיג אויף דער „עלעקטרא" פון אַלעקסאַנדריא קיין יאפא.

די גערעדקעזן זיינען באַמת שעהנע. אבער אַרויפגע־הענדיג אויף דער שיף האב איך בשום אופן ניט גע־קענט פערשטעהן ווי עס קענען מענשען קריכען אין זיינע אַזעלכע געדאַנקען פאַהרענדיג אויף דער „עלעקטראַ". מיר האַט זיך געדאַכט, אַז די איינציגע זאַך פון וואָס מע קען אויף דעמדאָזיגען אָקרענט טראַכטען, איז: ווי מען זאָל ניט איבערפאַלען איבער די אַנקרייטיגע פאַרענטשעס אין וואַסער אריין.

די שיף איז געווען אַן אַלטע און אַ וואַקעלדיגע. דער דעק — אַ שמאַלער, קוים זיך אויסצודרעהען, די קאַיוטען קליין, ענג און טונקלע, אַזוי ווי אומיסנע געמאַכט צו שטע־לען אויף פּראָבע די וואָס פאַהרען קיין ארץ ישראל.

אַ גרויסער עולם, צווישען זיי דער ספרדישער חכם איז געקומען בעגלייטען ביילים'ן. ביילים אַליין, אַ גרוי־סער שוואַרץ־בערדיגער האַרעפּאַשנער איד, האָט קענטיג ניט קלאָר געוואוסט וואָס ער דאַרף טהאָן.

די אויגען זיינע זיינען געווען צושראָקען און אונ־זיכער, אַזוי ווי ער וואָלט זוכען אימעצען אַ בעקאַנטען פון דער ציגעלניע אָדער אַזוי אַן אייגענעם מענשען וואָס ער זאָל איהם קענען אַרויפפאַלען אויפ'ן האַלז און זאָגען:

— וואָס ווייסטו, ברודערקע, וואָס זיי צומוטשען מיך...

ערשט אַז די שיף איז שוין געווען אַ שטיק וועג אַפּגע־גאַנגען קיין פּאָרט־סאַאיד בין איך צוגעגאַנגען צו איהם און מיר האָבען זיך פאַנאַנדערגעשמועסט.

ער האט זיך אנגעכאפט אן מיר ווי אן אלטען בע־קאנטען און ער האט גענומען פאר מיר אויסריידען דאס הארץ.

איידער איך בין אפגעפאהרען פון אמעריקא האב איך זיך אסך אנגעהערט פון די שווערע געלטען וואס זיינען צו־נויפגעזאמעלט געווארען פאר דעם אונגליקליכען עלילת־דם'ניק. אימעצער האט מיר דערצעהלט, אז די „דזשואיש קאמיטע” פון אמעריקא האט מיט איהר געוועהנליכער שרע־קעדיגקייט, מורא געקריגען אז ביילים זאל חס ושלום ניט אריינפאלען אין די הענד פון א „מענערדזשער” אין ניו יארק, און אונז פערשווארצען די אויגען... האט זי בעצייטענס אוועקגעשיקט א שלל מיט געלט, בתנאי ער זאל נאר געהן קיין ארץ ישראל.

לאזט זיך אויס, אז ביילים אליין וויים לחלוטין פון די אלע גליקען נארנישט צו זאגען. דאס איינציגע געלט, וואס ער האט, איז די פאאר טויזענד רובעל וואס ער האט געקריגען פון דעם גוי'אישען וויליאם ראנדאלף הורסט, דעם אייגענטימער פון דער ענגלישער „איוונינג דזשאיר־נאל”, פאר לאזען דרוקען די מעשה ביילים אין זיין נאמען.

איך בין בלויז א דרייצעהן־מיליאנט חלק פון דעם כלל ישראל, אבער איך האב זיך געשעהמט מעהר ווי עס מאכט אוים אויף מיין חלק, ווען ער האט מיר דערצעהלט אז ביז טריעסט האט מען איהם געשיקט אין ד ר י ט ע ר קלאס.

אנקומענדיג אין טריעסט איז ער געווען טויט־הונגע־

ריג. אבער שטאט איהם מיט זיין פאמיליע צו בעזארגען מיט א מאהלצייט, האבען איהם די פני פון דער קהלה צו־גענומען מיט גרויס פאראד און איהם געפייניגט מיט אלערליי שבחים און גוטע ווערטער, ביז ער האט געמיינט אז ער וועט פאלען אונטער זייערע הענד.

אין אלעקסאנדריא האט מען איהם געקויפט בילעטען אין דער צווייטער קלאס. ביז אויף דער ערשטער האט די נדבנות ניט געקלעקט.

וויסענדיג גאנץ גוט פון אייגענער ערפאהרונג ווי צרה'דיג די קאבינען פון ערשטער קלאס זיינען אויף דער „עלעקטרא", האב איך אפגעלערענט מיט א קל וחומר ווי וואויל און בעקוועם די צווייטע איז.

ניט ווילענדיג האב איך א קלער געטהאן בשעת מעשה, וויפיעל אשטייגער וואלטען די מענעדזשערם פון די אידי־שע טהעאטערען, אט דיזעלביגע פאר וועלכע די כלל־פער־זארגעריין, די „דזשואיש קאמיטע", האט זיך אזוי געשראָ־קען — וויפיעל אשטייגער וואלטען זיי אצינד געגעבען צו האבען דעם הארעפאשנעם שווארצבערדיגען אידען אין סעקאנד עווענין אדער האוסטאן סטריט...

אזוי ווי נאט האט מיך בעשערט מיט א קאמערא, איז ביי מיר געבליבען, איך זאל קאליע מאכען א פאאר פילמס אויף דעם ארעמען ביילים'ן. ער האט זיך גערן אנגעבא־טען צו פאזירען פאר מיר און נאך זיין אוועקשטעל איז גע־ווען צו זעהן, אז ער איז שוין א „רגיל".

אויף דער „עלעקטרא" זיינען אויך געווען א רעכט

ביסעל קריסטען און אלע האבען זיך שטארק פעראינטער־
רעסירט מיט דעם אונשולדיגען קרבן פון דער שווארצער
מאת. פיעל זיינען צוגעקומען און האבען גערעדט צו איהם.

די שפראך איז על פי רוב געווען דייטש און ביילים
פלעגט „אילעמען געבען צו אטוויעט" אויף א מין דייטשען
דיאלעקט וואס איז בעשטאנען פון פינף־און־צוואנציג פראצ־
צענט רוסיש. די איבעריגע פינף פראצענט האט ער דער־
מאכט מיט דער האנד.

אבער מאדנע קלוגע נויים געווען. זיי האבען אלץ
פערשטאנען.

אויסער ביילים'ן זיינען געווען אסך אנדערע אידישע
פאסאזשירען. געווען א יונגער דאקטאר וואס האט גע־
טראגען א פאלערינע און האט גערעדט רוסיש, א נידעריגער
אידעל מיט רויטע האאר און ברילען, וואס האט דערצעהלט
די גאלדענע גליקען וואס אידען קענען מאכען ווען מע לאזט
זיי וואוינען אין „טיעף ראסעי", א יונגערמאנטשיק
האלב־משכיל האלב־חסיד וואס איז געפאהרען זעהן
צי מע קען קויפען לאנד, און א יונגע מיידעל און א יונגער
בחור וואס האבען אנגעפיהרט א וכוח וועגען אמעריקא.

אחוץ דעם זיינען געווען, אין צווישענדעק, פיעל יונגע
לייט וואס זיינען געפאהרען ארבייטען אין די קאלאניעס,
און אלטע אידען וואס זיינען געפאהרען אויסצולעבען זייע־
ערע לעצטע יאהרען אין ירושלים.

אויף מארגען אין דער פריה זיינען מיר אנגעקומען

ביי דעם שליסעל פון דעם זועץ־קאנאל — אין פארט סאאיד, וואו מיר זיינען געשטאנען דעם גאנצען טאג.

קעגען אבענד האט די „עלעקטרא" ארויפגעצויגע; איהר פערראסטען אנקער און איז אפגעפאהרען קיין יאפא.

פון שלאפען איז געווען אפגעערדט. איך האב גע־וואוסט אז איך וועל אן אויג ניט צומאכען און האב בעשלא־סען צו בלייבען אויפ'ן דעק אזוי שפעט ווי מעגליך.

ביסלעכווייז זיינען אלע ארונטערגעגאנגען אין די קאיוטען און איך בין געבליבען איינער אליין.

ביים סאמע ברעג פון הימעל פון צווישען צוויי שווארצע וואלקען האט זיך ארויסגערוקט א געלע לבנה אזוי ווי א גייסט פון יענער וועלט... א ווייל איז זי פערשוואונ־דען און ווען זי איז ווידער ארויס, איז זי געווען ווייס און האט פערגאסען די וואסערען מיט ליכט...

וויפיעל פאר מיר זיינען געפאהרען דעמזעל־בינען וועג?...

בין איך טאקי בלויז א פאאר שעה ווייט פון ארץ ישראל?...

די שארפע מיטערנאכט־לופט האט מיך ארונטערגע־טריבען אין אונזער קאבין, האב איך זיך צוגעשפארט און בין געלעגען און געקוקט דורך דער פארטקע.

דער ערשטער גראער שפראץ וועט זיין דער אנהויב פון דעם ערשטען טאג אין ארץ ישראל, דער אנהויב פון א נייעם לעבען...

איך האב געהערט ווי די וועלען וואשען די ווענד פון

דער שיף און ווי די שטאפלען פון דעם רודער־ראד פליוש־קען זיך אין וואסער...

לאנג האט זיך די נאכט געצויגען און ווען די ערשטע גראקייט האט זיך בעוויזען, בין איך אויפגעשפרונגען פון געלעגער און בין ארויפגעלאפען אויפ׳ן דעק.

איז געקומען אן ערשטער אנדייט פון דער וייט... דאן האבען זיך בעוויזען קלערער און קלערער די ברעגעס פון יאפא, און מיט דעם אויפגאנג פון דער זון האבען מיר דער־זעהן די געל־גרעע פלאכ־דאכיגע מויערען, ווי אנגעווארפען איינער איבער׳ן אנדערן...

און אט דארט זיינען די ווייסע הייזער פון תל־אביב אזוי ווי פריש־אויסגעבאדענע...

די שיף האט זיך אפגעשטעלט.

פון אלע זייטען זיינען אונז בעפאלען שיפלער און די קולות פון די אראבער אין די שיפלער זיינען געווען טויב צו ווערען.

דאס זיינען געווען די באחאריעה, וואס האבען די פאסאזשירען געזאלט ברענגען פון דער „עלעקטרא" צו דעם ברעג.

אויב זיי האבען ניט געשריען צו די פאסאזשירען, האבען זיי זיך איבערגעשריען איינער מיט׳ן צווייטען און עס איז געווארען א מהומה און א געפילדער אזוי ווי ביי א שיף אונטערגאנג.

א טייל פון די געשרייען זיינען לחלוטין ניט געווען

נויטיג, נאר גלאט ווייל דאס איז שוין אזוי די טבע פון די אראבער צו שרייען.

דערזעלבינגער אראבער וואס איז געוועהנליך אזוי קארג אין ריידען און קען אפזיצען שטונדען נאכאנאנד מיט צוגעמאכטע ליפען, האט שטארק הנאה ווען איהם מאכט זיך א געלעגענהייט אויסצולופטערען זיינע לונגען.

יא מאחמוד ! יא סאאיד ! יא אלי ! מיט קולי קולות, הגם מאחמוד און סאאיד און אלי זיינען געווען נלייך אונטער דער האנד, און שושקענדיג וואלטען זיי אויך דער הערט.

אונז אפנעהמען פון שיף איז געקומען ה' גראזאווסקי פון דער אנגלא פאלעסטינא באנק, א הויכער א דארער, מיט אן אויסגעסטארטשעטען גרגרת, א שפיציג האלב־גראה בערדעל, און די גוטע שווארץ־גלאנציגע אויגען פון דעם אי־דישען פקח. ער האט זיך מיט אונז ארומגעכאפט אזוי ווי מיר וואלטען געווען אלטע פריינד און האט זיך תיכף גע־נומען עסק'ן ארום אונזער באגאזש, מיט דער פלינקקייט און ריהרעוודינקייט פון א יונגען בחור'ל.

עס האט ניט גענומען לאנג, האבען מיר מיט אונזער געפעק זיך שוין געטראגען אין א שיפעל אויף די אומ־רוהיגע ווערען צו דעם גומרוק (צאלל־אמט).

דער ברעג פון יאפא איז פול מיט פעלזען און די שי־פען מוזען זיך פעראנקערען ווייט ארויס אין ים. עס פא־דערט גרויס געשיקטקייט פון די אראבער אז די שיפלעך אין וועלכע זיי פיהרען איבער די פאסאזשירען, זאלען זיך

ניט אנגשטויסען אן די פעלזען. אין א שטורעם איז אונ־
מעגליך צו צוקומען צום ברעג, און עס טרעפט אפט אז א
שיף זאל מוזען אפפאהרען צום נעקסטען פארט מיט אלע
פאסאזשירען צוליעב דעם שלעכטען וועטער.

עס האט שוין פאסירט, אז שיפען זיינען אוועק צום
נעקסטען פארט, געקומען צוריק, ווידער ניט געקענט לאנ־
דען, ווייטער אפגעפאהרען, און ווידער צוריקגעקומען, און
אזוי דריי־פיער מאל ביז זיי איז ענדליך געלונגען אראפ־
צולאזען זייערע פאסאזשירען.

איך בין געזעסען צוזאמען מיט פיעל אנדערע פאסא־
זשירען און האב זיך צוגעהערט צו דעם ריטהמישען גע־
זאנג פון די באחאריעה, בעוועגענדיג היין און הער זייערע
רודערס אין וואסער.

אלצדינג איז געווען ווי פערשוואומען אין א נעבעל.
דאס הארץ איז געווען פול, צו פול...
שפעטער, שפעטער, וועט עס אפשר קלאר ווערען...
און אט האב איך מיין פוס ארויסגעשטעלט פון דעם
שיפעל אויף דער ערד — אויף דעם ערד פון ארץ ישראל...
עס גלויבט זיך ניט...

נאך דעם ווי מע האט איבערגעקוקט מיין פאספארט,
האט מען פערלאנגט פון אונז צוויי פראנק פאר יעדער פאר־
שוין — א נדבה פאר דער טערקישער פלאטע.

מיין קליין טאכטערל איז געווען צופיעל פערנומען
מיט דער גרויסער פופע וואס זי האט געטראגען אויף די

הענד, זיך צו אינטערעסירען מיט דער טערקישער פּלאַטע. אָבער דער בעאַמטער פון „גומרוק" האָט געדרונגען מיט זיין אייגענעם שכל, אַז זי וויל מנדב זיין, און האָט די נדבה איינגעמאָהנט פון מיר.

לויט דעם קוק וואָס דער בעאַמטער האָט געוואָרפען אויף דער פּופּע, האָב איך געזעהן, אַז ער איז זיך שטאַרק מישב אויב ער זאָל זי אויך ניט אַרויפשטעלען אויף דער ליסט פון מנדבים.

שפּעטער ווען איך בין געווען אין רחובות, בין איך געווען דערביי ווי דער הונדערט-און-דריי-יאָהריגער אַב-דאַללאַה איז געקומען בעטען ביי „חאַוואַדזשאַ מוסאַ" ער זאָל איהם באָרגען פינף בישליק, ווארום — האָט ער גע-זאָגט — די חאַיאַלען זיינען געקומען אין זיין דאָרף איינ-מאָהנען די „נדבות" פאַר דער פּלאַטע, און זיי שלאָגען רוק און לענד, ווער עס גיט ניט...

אויפ'ן פּאָרט האָט אַ גרויסער עולם מענשען געוואַרט מקבל פּנים צו זיין דעם גרויסען בעריהמטען גאַסט — מענ-דעל ביילים.

אַזוי שנעל ווי זיין פוס האָט בעטרעטען די יבשה, האָט ער געהאַט אַ גרויסע אָוואַציע. אַן אַלטער איד האָט זיך איינגעבויגען און האָט איהם אַ קוש געטהאָן אין דער האָרעפּאַשנער האַנד.

איך האָב געזעהן פון ווייטען ווי דער אָרעמער, הונ-געריגער, אויסגעמאַטערטער ביילים לויפט פאָראויס און

הינטער איהם א גאנצער געזעמעל, און ס'האט מיר פער־קלעמט ביים הארצען.

אויסגעזעהן האט ער אזוי ווי א פערברעכער נאך וועל־כען א צעיושעטע מחנה יאגט זיך, איהם צו לינטשען...

ארויסקומענדיג פון „גומרוק” האבען מיר געטראפען ווארטענדיג דעם ליעבען דיכטער יעקב פיכמאן, צו וועלכען איך האב זיך פון דער ערשטער רגע געפיהלט צוגעצויגען.

דער פריינדליכער גראזאווסקי האט בעזארגט אונזער באגאזש און מיר האבען זיך אלע ארייגעזעצט אין א דראזשקע.

אן ערך צוואנציג מינוטען זיינען מיר געפאהרען דורך די ענגע מיאוס'ע גאסען פון יאפא ביז מיר זיינען אנגעקו־מען אין — תל־אביב...

XVI.
תל אביב

ווי לאנג עס איז געווען צוריק —
א טויזענד יאהר? אן אויגענבליק?
צי איז עס רעכט, צי איז עס ניט —
געה פרעג, ווען דרייסט און פעסט דער טריט
זיך שטעלט, און ערד און זונענשיין
און הימעל, רופען: עס איז דיין...

די גאנצע צייט וואס מיר זיינען געפאהרען דורך די גאסען פון יאפא, האט געשפריצט אלייכטער שפריירעגען. ווען מיר זיינען אריינגעפאהרען אין „תל אביב" האט דער רעגען אויפגעהערט, דער הימעל איז געווען אין גאנצען אויסגעלייטערט און דער גאלדענער זונענשיין האט אומעטום צוריקגעפראלט פון די ווייסע ווענד און פון די שויבען, און האט זיך צושאטען איבער די ציכטיגע טראטוארען און איבער די ברוקירטע גאסען.

מע האט מיר געזאגט, אז „תל אביב" איז די פ א ח ן פון דעם נייעם ישוב. דער אויסדרוק האט זיך ארויסגעוויזען צו זיין מעהר ווי בלויז א מליצה.

פון אלע זייטען האבען זיך געווארפען אין די אויגען

די צוויי ליכטיגע פארבען פון דער ציוניסטישער פאָהן: ווייס און בלאָ... אונטען — ווייסע, בלענדענד־ווייסע חויזער, אויבען — בלאָע, בלענדענד־בלאָע הימלען, און אין הינטערגרונד, א בלאָער, טיעף־בלאָער ים.

קיין האלב־פארבען, קיין שאטירונגען, קיין שעמעוור־דיגקייט אָדער צווייפעל, נאָר קלאָרע העלע קאָלירען וואָס האָבען געווירקט אזוי ווי טרומפייטען־שאַלען...

קאָפּ און הארץ זיינען מיר מיט אמאָל געוואָרען אויס־געלייטערט אזוי ווי די הימלען פון אויבען. די זוניגקייט און די יום־טוב'דיגע ציכטיגקייט ארום זיינען געווען בע־גריסונגען צו מיר. איך האָב עס געוואוסט אזוי זיכער ווי איך האָב געוואוסט אז איך בין אנגעקומען קיין ארץ ישראל.

דער זונענשיין איז געווען אידישער זונענשיין, אזוי ווי די הייזער זיינען געווען אידישע הייזער, ארויסגע־כשופט דורך אידישען פלייס אויף א וויסטען זאמד־מדבר. אזוי ווי די מענשען אויף די גאסען זיינען געווען אידען, אזוי ווי די קלאַנגען וואָס מיין אויער האָט געכאפּט זיינען געווען אידישע קלאַנגען...

אלצדינג האָט גערעדט צו מיר, האָט געזונגען צו מיר...

מיר זיינען פאַרבייגעפאָהרען אַן אַלטען באַרוועסען אראַבער וואָס האָט געפיהרט אַן אַנגעלאָדענעם קעמעל. ז י י נ ע אבות־אבותיו פון גאָט ווייס וויפיעל דורות האָ־בען דאָ אודאי קעמלען געטריבען און שאָף געפּאַשעט, און לייוועגטענע ביידלעך אויפגעשטעלט, און פאַרנאַכט האָבען זיי פייערען אַנגעצונדען און האָבען „פיטעס" געבאַקען

און דערנאך זייענ זיי קענגע די פייערע געזעסען און האד־בען געראוויכערט און זיך דערצעהלט מעשות אין דער שטי־לער נאכט.

א י ך — בין נאך וואס געקומען, פון א ווייטען לאנד, נאך צומאל א נאכט אין ארץ ישראל ניט איבערגעשלאפען, נאך צומאל א גלאז וואסער אין איהר ניט געטרונקען, נאך צומאל קיין דליד אמות אויף איהר ניט געשפאצירט, און דאך —

האב א י ך אויף א י ה ם געקוקט ווי אויף א פרעמדען. א י ך בין געווען דער תושב און ע ר דער איינגעוואנדערטער...

דאס געפיהל פון יושר און גערעכטיגקייט האט זיך געשעמט... אבער פון מיין בלוט האט עס געשריען:

— נחלת אבות...

מיר זיינען אריינגעפאהרען אין „רחוב הרצל", פאר־ביינגעפאהרען „רחוב ליליענבלום" און געקומען צו די „שדרות רוטשילד", וואו עס איז געווען אויפגעשטעלט א טריאומף־טויער בעציערט מיט פאלמען־צווייגען און מיט בלומען. דאס האט מען זיך געריכט אויף באראן עדמאן דע ראטשילד, וואס האט געזאלט קומען היינט־מארגען.

מיר האבען זיך אפגעשטעלט נעבען א פאנסיאן אויף דעם עק פון „רחוב הרצל" און „רחוב אחד העם", גלייך אקעגען דער העברעאישער גימנאזיע — א הויכער איינ־פאר־געבויטער ווייסער בנין מיט צוויי טורעמלעך אין מיטען. די גימנאזיע איז דער מיטעלפונקט און דער שיינ־

דעל פון תל־אביב, אנקומענדיג אין שטעדטעל קריגט מען דעם ערשטען קבלת פנים פון איהר, ווי זי וואלט זאגען: „זיי וויסען, אז אלע הייזער וואס דו זעהסט ארום און אלע מענשען וואס געהען אויף די גאסען זיינען אלע נאר צוליעב מיר געשאפען געווארען. דער עיקר בין איך".

קוים זיך איבערגעטהאן און אונטערגעלעהנט דאס הארץ, געה איך ארוים אנקוקען דאס שעהנע שטעדטעל.

דאס גאנצע שטעדטעל געהט כאדאראם צוליעב די הכנות וואס מע מאכט לכבוד דעם באראן. די פאר־שטעהער פון דער גימנאזיע און פון דעם ועד העיר זיינען ווי אין א פיבער. אלע ווילע קומען אן שטאפעטען און ברענגען נייע ידיעות: די יאכט פון באראן זעהט זיך שוין פון דער ווייטען, די יאכט איז שוין פעראנקערט, א. א. וו.

ביי די אכט־הונדערט שילער פון דער גימנאזיע איז צוליעב דעם באראן'ס קומען א יומא דפגרי. איז די גאס מיט זיי פול. שעהנע געזונדע בחורים און מיידלעך, א מחיה אויף זיי צו קוקען. די שפראך העברעאיש. מע לאכט און מע פלוידערט און מע וויצעלט זיך און מע יאגט זיך איינער נאך דעם אנדערן.

אט פליהט פערביי א שעהנע אידישע מאכטער אויף א וועליסאפעד און ווערט פערשוואונדען אין א ווינקעל גאס.

דראזשקעס לויפען הין און הער און די גלעקלעך אויף די פערד קלינגען און קלינגען אהן אן אויפהער. דער דילי־

וישאַנס האָט פּירהרט פּאָר צווי „מעטעליק" פון „תל־אביב" קיין יאַפאַ קען ניט נאָססאַיען פלעצער גענוג פאר די פּאַ־סאַזשירען.

אויף די הייזער זיינען אויסגעהאַנגען פאַהנעס און דער עולם ווערט געשפּאַנטער וואָס א מינוט. . .

. . . .

היינט איז פרייטאג. דער באַראָן איז ניט געקומען און וועט ניט קומען ביז זונטאג. דערוויל נידערט אַרונ־טער אויפ'ן שטעדטעל דער ערב־שבת פאַרנאַכט. דער די־ליזשאַנס לויפט ניט מעהר, די דראָזשקעס זיינען נעלם געוואָרען, ניטאָ מעהר קיין זכר פון וואָכעדיגקייט.

די זונן איז שוין פאַרגאַנגען. ווייכע שאָטענס שפּריי־טען זיך געדיכטער און געדיכטער, דער הימעל ווערט אָנ־געשאָטען מיט שטערען און די גאַסען ווימלען מיט פּאָרלעך און קאָמפּאַניעס וואָס שפּאַצירען אין אַלע ריכטונגען. דורך די אָפענע פענסטער גיסען זיך ארויס פון די הייזער, שטראַ־מען ליכט, און דאָ און דאָרט גיסט זיך ארויס צוזאַמען מיט דעם ליכט א געזאַנג. דאָס זינגט מען זיצענדיג ארום טיש, נאָך דער שבת'דיגער סעודה... די ווערטער און די קלאַנ־גען זיינען בעקאַנטע, היימישע.

אויף די האַלב־פינסטערע וועראַנדאַס זיצט מען אין דער פרישער אַבענד־לופט און מע שמועסט, און אויף אַלצ־דינג און אויף אַלעמען איז אויסגעגאָסען די זיסע, ציכטיגע מנוחה פון שבת...

מע דערצעהלט מיר, אז נאך ניט לאנג צוריק פלעגט מען ביים אריינפאהר אין תל־אביב ארונטערלאזען דעם שלאגבאם אום שבת, און קיין וואגען אדער רייטער איז ניט ערלויבט געווען צו פערשוועכען דעם הייליגען רוה־טאג.

מאכט זיך איינמאל אז א דעפוטאט פון דעם אטאמא־נישען פארלאמענט בעזוכט יאפא אום שבת, און אזוי ווי ער האט זיך פיעל אנגעהערט פון דעם שעהנעם תל־אביב, בלייבט ביי איהם זיך אהין דורכצופאהרען אין א פאעטאן.

טרעפענדיג דעם שלאגבאם אראפגעלאזט, איז ער גע־ווארען אן אנגעצונדענער. און אויף מארגען איז ער ארויס אין אן אראבישער צייטונג מיט אן אטאקע אויף די אידי־שע בעפעלקערונג וואס וויל גרינדען א רעגיערונג אין א רעגיערונג.

איצט לאזט מען קיין שלאגבאם ניט ארונטער. אבער זעלטען־ווען אז א ניט־אידישע דראזשקע אדער א ניט־אי־דישער רייטער זאל דורכפאהרען אום שבת.

פון אידען איז אפגערעדט. אפילו דער ראדיקאלסטער יום־כפור־באלניק וועט זיך שטארק מישב זיין איידער ער וועט וואגען מחלל־שבת זיין בפרהסיא.

געווען א פרוי וואס האט געפרובט ארבייטען אין איהר גערטעל אום שבת, איז זי שיער ניט געלינטשט גע־ווארען, ניט חלילה פון אידען מיט לאנגע פאות, נאר פון די — יונגע שילער פון דער העברעאישער גימנאזיע.

דיזעלביגע בחורים האבען ביי אן אנדער געלעגענהייט בעלאגערט דאס הויז וואו עס איז איינגעשטאנען א בע־ריהמטער אידישער שריפטשטעלער און האבען איהם ניט

געלאָזען געהן אויף אַ רעפּעראַט וואָס ער האָט געזאָלט האַלטען אין אידיש. ביי אַ צווייטער געלעגענהייט האָבען זיי געטהאָן עפּעס וואָס האָט געפאָדערט וועניגער העלדיש־קייט. דערפאַר האָט עס אָבער געווירקט שנעלער און שטאַרקער.

זיי האָבען געמאַכט אַ „כעמישע אָבסטרוקציע" אין אַ טהעאַטער וואו די אידישיסטען — וועלכע האָבען אונגע־פעהר אזוי פיעל שאַנסען אין תל־אביב ווי די וואָס אגיטי־רען פאַר דעם דבור העברי, אין שיקאַגאָ — האָבען אויפ־געפיהרט אַ אידישע שטיק.

פאַר די וואָס ווייסען ניט וואָס „כעמישע אָבסטרוק־ציע" איז, וויל איך בלויז זאָגען, אַז דאָס איז אַ מעטהאָדע פון אַרגומענטירען וואָס איז מעהר איבערצייגענד פאַר'ן נאָז ווי פאַר'ן שכל, און בעשטעהט אין דעם געברויך פון אזעלכע שטאָפען, וואָס אפילו די מאַרטירער־נאָז פון אַ אידישיסט קען ניט פערטראָגען.

דער באַראָן איז ענדליך געקומען. עס האָבען זיך אָנ־געזאַמעלט אַז ערך פיער־פינף טויזענד מענשען. די אָרד־נונג האָבען געהאַלטען די מיטגליעדער פון דעם אַטלעטי־שען קלוב „המכבי". זיך האַלטענדיג האַנד־אין־האַנד, האָ־בען זיי געבילדעט אַ קייט הינטער דעם באַראָן'ס קאַרעטע און האָבען העלדיש צוריקגעהאַלטען די טויזענד־קעפּיגע מאַסע וואָס האָט זיך געשפּאַרט מיט אַלע כחות זיך דורכ־צורייסען.

די נאַכריכט פון דעם בּאַראָן'ס קומען האָט זיך אויך פערשפּרייט צווישען דער אַראַבּישער בּעפעלקערונג אין יאַפאַ.

מיט דעם פיינעם חוש וואָס אַלע אַראַבּער האָבּען פאַר פּאַסיגע צונעמעניסען, האָבּען זיי דעם בּאַראָן אַ נאָמען גע־געבּען „אַבּו'ל־מאַסאַרי" — דער פאָטער פון געלט. אַבּ־דערע האָבּען איהם מעהר מליצה'דיג גערופען „אַבּרסונ־דוק" — דער טאַטע פון דעם קעסטעל.

איך האָבּ געזעהן דעם „אַבּרסונדוק" ווי ער איז גע־שטאַנען אויף אַ בּאַלקאָן און האָט אַרונטערגעקוקט אויף דעם גרויסען עולם וואָס איז געקומען איהם אָפּצוגעבּען כבוד. ער איז געווען שטאַרק גערירט. אויף זיין אַלטען פּנים איז געווען דער אויסדרוק פון אמת'ער פרייד...

מיט פּלוצעהן יאָהר צוריק ווען ער איז געקומען קיין פּאַלעסטינאַ, האָט ער געטראָפען קאָלאָניסטען וואָס האָבּען אויסגעקוקט אויף זיין שטיצע, און אַ ישוב וואָס איז גע־האַנגען אויף זיינע חסדים, אויסגעטיילט דורך אונעהרליכע אָדער אונפעהיגע שלוחים.

איצט האָט ער געפונען זעלבּסטשטענדיגע פּיאָנערען וועלכע האָבּען איהם בּעגריסט מיט הארציגער ליעבּע און מיט בּעוואונדערונג, אָבּער אָהן שום הכנעה. זיי האָבּען קיין זאַך פון איהם ניט ערוואַרט. זיי זיינען געקומען מיט איהם צוזאַמען זיך פרעהען אויף די שעהנע פרוכטען וואָס האָבּען אַרויסגעשפּראָצט פון דעם זאָמען וואָס ער און אַנ־דערע האָבּען מיט אַזוי פיעל מיה און הארצוועה פערזעעט...

בּעזונדערס האָט ער געקליבּען נחת פון יענע אַנשטאַל־

טען און קאלאניעס אין וועלכע ער אליין האט לחלוטין קיין חלק ניט געהאט. ער, וואס דער ישוב פון פאלעסטינא איז פאר מעהר ווי דריי צעהנדליג יאהר נאכאנאנד געווען זיין איינציגער טרוים — האט מעהר ווי וועלכער עס איז אנ־דערער געוואוסט צו שעצען יענע אויפטהוען וועלכע זיינען זיך בעגאנגען אהן זיין הילף.

תל־אביב איז ביי איהם אין גאנצען געווען אן אנט־פלעקונג...

אבער דא און דארט האט זיך א שווארצער פאדעם דורכגעכאפט...

אין ראשון לציון, זאגט מען, האט דער באראן גע־פרעגט: ווי קומט עס וואס ער שטויסט זיך אן אין פאריז אויף אזוי פיעל זיהן פון ארץ־ישראל'דיגע קאלאניסטען?

אין עקרון — פיעלייכט די צוריקגעשטאנענסטע קא־לאניע פון יהודה — איז דעם באראן ארוים אנטקעגען א כאר פון קליינע קינדער זינגענדיג העברעאישע ליעדער. האט ער בעמערקט ווי אייניגע קינדער האבען שלעכטע אויגען און האט געפרעגט, אויב, שטאט צו לערנען די קינדער זינגען וואלט ניט געווען מעהר יושר זיי גוט אויס־צוואשען די אויגען...

ווען מע האט די באראנעסע איינגעלאדען אין דער העברעאישער מוזיק־שוהלע פון תל־אביב, האט זי געזאגט:
Vous commencez toujour par le dessert...

(איהר הויבט שטענדיג אן פונ'ם צימעס).

נאך די אלע גרויסע הכנות וואס מע האט לכבוד איהם געמאכט, איז דער „אכרסונדוס" אין תל־אביב אין גאנ־צען פערבליבען בלויז א פאאר שעה. ער האט זיך גע־איילט אפצופאהרען קיין ירושלים.

XVII.

הרצליה

גערעסען אויפ'ן בראָכשטוהל איז דער צאָרן,
די שאַנד, דער וועה פון פויזענד לאַנגע
יאָהרען,
און ניט געווען קיין כח צו געבערען...
און פלוצים זעה! ווען אין דער ערד דער קערן
געוואָרען איז צופוילט — אַרויסגעשאָסען
האָט אין דער זון א פעלד פון יונגען קאָרן,
און רייך און פרוכטבאַר איבער אַלע מאָסען,
אין איין פריהמאָרגען זיינען מיר געוואָרען..

נעבטען אָבענד בין איך געווען אויף א „נשף" אין דער גימנאַזיע. באַראָן ראָטהשילד, אויף וועמען מען האָט זיך לכתחלה גערעכט, איז נ י ט געקומען, אָבער עס איז מן השמים בעשערט געווען אז אָהן אָן „אבו סונדוק" זאָל דער אָבענד ניט פערגעהן. איז געקומען דער שיקאַגאָ'ער פיעלפאַכער מיליאָנער און פילאַנטראָפּ ר... מיט זיין פרוי.

דער גרויסער זאַאל פון דער גימנאַזיע איז געווען אָנ־געפּאַקט קאָפּ אויף קאָפּ מיט גימנאַזיסטען און גימנאַזיסט־קעס און מיט זייטיגע בעזוכערס.

דער „תכנית” אָדער פּראָגראַם איז בעשטאַנען פון כאָר־געזאַנגען, דעקלאַמאַציאָנען, און אָרקעסטער פון בלאָז־אינסטרומענטען צוזאַמענגעשטעלט פון תלמידים, אַ מאַנדאָלין אָרקעסטער פון תלמידות און צולעצט „התעמלות” אָדער גימנאַסטיק.

די שילער וואָס האָבען גענומען אנטייל אין דעם לעצטען נומער, האָבען דורכגעפיהרט אַלע בעוועגונגען מיט קראַפט, געשיקטקייט און זעלטענער גראַציע. זיי זיינען געווען אַלע שלאַנקע ברייט־ברוסטיגע יונגען, אָנגעטהאָן אין ווייסע הויזען און ווייס־און־בלאָ געשטרייפטע יאַקען. אויף דער ברוסט ביי איטליכען איז מיט גרויסע בלאָע בוכשטאַבען געווען אויסגעשטיקט דאָס וואָרט „הרצליה”, דער נאָמען פון דער גימנאַזיע.

צווישען די דעקלאַמאַציאָנען פונ׳ם אָבענד איז געווען שלום עליכם׳ס „ווען איך בין ראָטהשילד”, אין אַ העברעאישער איבערזעצונג. די שטיק האָט זעהר אויסגענומען ביי דעם עולם און איך האָב אויפמערקזאם געמאַכט אַ מאַן וואָס איז געשטאַנען נעבען מיר, ווי מערקווירדיג דאָס איז, אַז די בעסטע זאַך פון אַ „נשף” וואָס ווערט געגעבען אין דער ה ע ב ר ע א י ש ע ר גימנאַזיע, איז געשריבען דווקא פון אַ „ס ו פ ר ז ר ג ו נ י”.

— וואָס רעדט איהר? — ענטפערט ער מיר מיט ביטול — דאָס קריגט דאָך ערשט אַ טעם אין העברעאיש.

אַן אויסגעצייכענטער שיר פון פרישמאַנ׳ען איז פאַר־

געלעזען געוואָרען, אָבער אין דער חברה הספרדית האָבען די שורות פערלאָרען זייער אורשפרינגליכען ריטהמוס.

די פּראָבלעם ווי אַנצוהאַלטען אין דעם ספרד׳ישען אַקצענט דעם ריטהמוס פון העברעאישע ליעדער וואָס זיינען לכתחלה געדיכטעט געוואָרען אויף דעם אשכנז׳ישען אַקצענט — ווערט זיין זעהר שווער צו לייזען פאַר די אנהענגער פון די חברה־הספרדית — און אַזעלכע זיינען דאָך אַלע וואָס וואוינען אין ארץ ישראל.

די קלינגענדסטע ליעדער פון ביאַליק און שניאור מוזען נאַטירליך פערלירען דעם גרעסטען טייל פון זייער וואוילקלאַנג ווען זיי ווערען אַרויסגערעדט אין דער ספרד׳ישער אויסשפּראַך.

קיין וואונדער ניט וואָס פיעל גרויסע העברעאישע שריפטשטעלער אין די גלות־לענדער קוקען קרום אויף דער גאַנצער חברה הספרדית. איינער, אַן ערנסטער העברעאישער מיסטיקער און דענקער, וואָס האָט קיין מאָל אין זיין לעבען קיין וויץ ניט געזאָגט, האָט זיין ערשטע און איינציגע הלצה געמאַכט אויף דעם חשבון פון דער דאָזיגער „חברה“, און האָט זי אָנגערופען : די „חברה הצפרדעית“ (די אויסשפּראַך פון זשאַבעם).

און דאָך ווען מע לעבט אין ארץ ישראל אַ לענגערע צייט, הויבט מען אָן פיהלען, אַז די ספרד׳ישע אויסשפּראַך איז די ריכטיגע, די צוגעפּאַסטע, אָפּגעזעהן פון אַלע היסטאָריש־פילאָלאָגישע טעמים.

דעם שיקאגא'ער מיליאנער האט די פראבלעם פון דער „חברה" קענטיג וועניג־וואס געקימערט. ער האט אלע פארלעזונגען, אהן שום אונטערשייד, אפלאדירט, צו־ליעב ריין פילאנטראפישע מאטיווען.

אמת הארציג הנאה געהאט האט ער פון דער גימנאס־טישער טייל פון דער פראגראם. די גאנצע צייט וואס די יונגע אידישע אטלעטען האבען, צו דעם צושפיעל פון א קליינעם ארגעל, דורכגעמאכט זייערע פערשיעדענע ווענדונ־גען און פיגורען, האט ער פון זיי די אויגען ניט ארונטער־גענומען. ער האט געכאפט התפעלות פון איטליכען קעהר און ריהר, און האט געפאטשט מיט דער התלהבות פון א יונגען אינגעל.

אחוץ אפלאדיסמענטען האט ער אויך געשאנקען פינף הונדערט דאלער אויף א טעניס־פלאץ פאר די שילער.

די פארשטעהער פון דער גימנאזיע האבען נאכאנאנד ארומגעפאדעט ארום איהם, און די תלמידים האבען איהם געמאכט אן אוואציע.

דערזעלביגער מיליאנער און פילאנטראפ, אויב איך האב קיין טעות ניט, האט צו מעהר ווי איין נעגער־פעראיין פון דער „יאנג מענ'ס קריסטשען אסאסיאיישאן" געשאנ־קען די סומע פון פינף און צוואנציג טויזענד דאלאר, און איך צווייפעל שטארק אויב זיינע שווארצע פראטעזשעס האבען איהם ווען עס איז געגעבען אזא מין פעטע פארציע כבוד, ווי די שלאנקע שעהנע בחורים פון דער העברעאי־שער גימנאזיע אין תל־אביב.

ווען ער האט בעזוכט א געוויסע ערציהונגס־אנשטאלט אין ירושלים — דערצעהלט מען מיר — האט מען זיך מעהר מיט אוואציעס ניט בעגנוגענט און מע האט איהם — געטראגען אויף די הענד...

צוליעב דעם כבוד פון מיין מיליאנערסקען לאנדסמאן וויל איך גלויבען אז ער האט זיך שטארק געראנגעלט און איינינגע פון זיי כאטש א פאאר צייהנער אויסגעבריקעט.

איך טראכט: וואס פאר'ע מציאות מע קען אין ארץ ישראל איינקויפען.... אז גאט בענשט איינעם מיט אסך געלט און ער האלט ביי קויפען כבוד, זאל ער נאר פאהרען קיין פאלעסטינא. וואס אין ניו יארק אדער באסטאן אדער שיקאגא דארף קאסטען א פערמעגען, קען מען אין דעם לאנד פון די אבות איינהאנדלען פאר א שיבוש.

צוזאמען מיט דעם מיליאנער ר... איז אויך געקומען זיין פיהרער און ראטה־געבער, דער אגראנאם א... וואס האט זיך קונה שם געווען מיט דעם וואס ער האט אויסגע־פונען דעם אור־ווייץ, אדער, דעם ערשטען עלטער־זיידען פון אלע ווייצען, וועלכען די באטאניקער האבען זינט יורות געזוכט מיט ליכט. דער דאזיגער ווייץ האט די מעלה וואס ער איז ניט אזא מפונק ווי דער היינטיגער, געביל־דעטער ווייץ, און קען וואקסען אפילו אין דער מאגער־סטער, טרוקענסטער ערד.

איין מלאכה איז ביי אידען ניט גענוג, בעזונדערס אין ארץ ישראל. א... איז ניט קיין יוצא מן הכלל. און צו דערזעלביגער צייט וואס ער פארשט אין זיין עקספערי־

מענט־סטאַציאָן „אַטליט״, דעם זיידע פון די ווייצען, איז ער דער ארץ־ישראל׳דיגער בעל־יועץ פון אַן אַמעריקאַני־שען „טאַטע פון׳ם קעסטעל״.

איבערינענס איז טאַקי נויטיג צו האָבען אַן אייגענעם מענשען אין ארץ ישראל. ווען ניט, איז מען קיינמאָל ניט זיכער פון די געפעהרליכע — ארבייטער...

אַט, למשל, ווען ר... האָט בעזוכט „אַטליט״, האָט איהם אַ קאָמיטעט פון אידישע ארבייטער דערלאַנגט אַ בריעף, אין וועלכען זיי בעקלאָגען זיך אַז הערר אַ..., וואָס האַלט אויף זיין עקספּערימענט־סטאַציאָן אויף די שטיצע וואָס ער קריגט פון אידישע פילאַנטראָפּען אין אַמעריקאַ — בעשעפטיגט אויסשליסליך אַראַבער, און ניט קיינעם פון די אידישע פּועלים ניט די געלעגענהייט זיך אויסצו־לערנען אַביסעל אַגראָנאָמיע און באָטאַניק, וואָס דאָס איז ראָך פאַר׳ן ישוב אַזוי וויכטיג.

האָט דער מיליאָנער איבערגעלייענט אָדער געהערט איבערלייענענדיג דעם בר׳עף און האָט זיך אַ קעהר געטהאָן צו זיין יועץ:

— האָט איהר דאָ אַן אייזערנעם שראַנק?...

אַ... האָט ניט באַלד פערשטאַנען וואָס דער פילאַנ־טראָפּ וויל מיט דערדאָזיגער פראַגע, אָבער ר... האָט צו־געלעגט:

— אויב איהר האָט דאָ מענשען וואָס קענען שרייבען אַ ז עלכע בריעף, זייט איהר ניט זיכער קעגען אַן אָנ־פאַל...

— — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז שוין געווען שפעט ווען דער „נשף" האט זיך געענדיגט און דער עולם איז זיך צונאנגען...

לאנג נאך דעם בין איך געזעסן אנגעשפארט אויף מיין פענסטער און געהערט ווי די גימנאזיסטען מארשירען דורך די שטילע גאסען פון „תל־אביב" זינגענדיג העברע־אישע ליעדער אין דער שטערענדינער נאכט...

XVIII.

האַרינטע און שפחה

אידיש איז דאַ טריף ווי חזיר. ריידען אידיש אויף דער גאַס פאַדערט געוואַלטיגען מוטה.

גימנאַזיסטען פון דעם זיבעטען און דעם אַכטען קלאַס קומען אַפט אַריבער צו מיר. איך פרוב מיט זיי ריידען העברעאיש. איין גאַט אין הימעל וויים אַז מיין כונה איז גוט, אָבער מיין צונג איז נאָך ניט געוואוינט. הויב איך אַן ריידען אידיש. ריידען זיי אויך אידיש. געהען פערביי זייערע חברים, אָדער לעהרער פון דער גימנאַזיע אָדער גלאַט מענשען און קוקען קרום אַ אויף מיר אַ אויף זיי.

בין איך געקומען אַהער פערשפרייטען שמד ?

דער אַלטער וועטעראַן פונ׳ם ישוב, דער גרייז-גראַהער אייזענשטאַרט, בעגעגענט מיך און פרעגט מיך צי עס איז טאַקע אמת וואָס מע זאָגט אַז איך בין געקומען אַרויסגעבען אין פאַלעסטינא אַ „זשאַרגאָנישע" צייטונג ?

איך פערזיכער איהם, אַז אַזאַ שרעקליכער פערברעך האָט זיך מיר אַפילו אין חלום ניט געקענט אויסדאַכטען. כאַכט ער אַ מינע ווי ער גלויבט מיר באמונה שלמה, שמיי־

בעלט, און זאגט אז ער וואלט אין לעבען ניט געווארפען אויף מיר אזא מיאוס'ען חשד. ער האט מיר נאר דער־צעהלט וואס אנדערע ריידען. דערביי זעה איך אז זיין הארץ איז ניט גאנץ רוהיג.

מיט די וואס שרייבען „זרגונית" (זשארגאניס) קען מען קיינמאל צו זיכער ניט זיין.

א סוחר, פאר ועמען הערר גרזובסקי שטעלט מיך פאר אלס „משורר זרגוני", פרעגט מיך מיט אמת'ער רחמנות צי איך שעהם זיך ניט וואס איך שרייב אויף „זרגון". איך בין זיך מוסר נפש און זאג „ניין". זעה איך מיט אמאל ווי זיין געזיכט ווערט פערוואלקענט און זיין פריהערדיגע רחמנות געהט איבער אין פעראכטונג...

אבי ער האט געמיינט אז איך בין א בעל־תשובה.

א יונגע מיידעל, קענטיג נאר וואס אנגעקומען אין תל־אביב, שטעלט מיך אפ אויף דער גאס און פרעגט מיך אויף א זעהר צוקאליעטשעטען העברעאיש וואו א געוויסע גאס געפינט זיך. איך ענטפער ניט שנעל גענוג און זי דריגגט אז איך פערשטעה ניט איהר העברעאיש. פער־שעהמט זי זיך און פרעגט מיך אויף א צרה'דיגען רוסיש.

— אבער פאר וואס פרעגט איהר ניט אויף מאמע־לשון ? — קום איך ארויס מיט מיין ליטווישען דיאלעקט.

איך האב די מיידעל מחיה געווען, און זי האט זיך צורעדט אויף א אידיש וואס הלואי אויף פיעל פון אונ־זערע איגגערע שרייבער געזאגט געווארען.

אידיש אין „תל־אביב", היתכן ? — האט זי נעבאך געמוזט זיך פלאגען אויף רוסיש...

איך האב צוגעקוקט ווי א גרופע יונגע גימנאזיסטען האבען געשפיעלט פוס־באל. עס זיינען געווען די געוועהנ־ליכע געשרייען און רייסערייען, אבער אין דער גרעסטער היץ פון שפיעל האט זיך קיינער פון זיי ניט ארויסגעכאפט מיט א ניט־העברעאישעןווארט. דאס איז ביי מיר געווען דער בעסטער בעוויז, אז די שפראך איז זיי אריין אין דער נשמה און איז אין זיי ארגאניש אריינגעוואקסען.

א גרויסער זיעג פאר די פיאנערען פון דער שפראך־אויפלעבונג.

דערפאר אבער, די דערוואקסענע מענשען, הגם זיי ריידען העברעאיש זעהר פליסיג, ווייזען ארויס א סך גע־קינסטעלטקייט, א סך געצוואונגענהייט, עפעס אזוי ווי זיי וואלטען זאגען : מיר האבען א זאך בעשלאסען און מיר וועלען זי דורכפיהרען, ווי שווער עס זאל ניט זיין.

דאס רוב געשפרעכען אדער, לכל הפחות, די יעניגע וואס מיר איז אויסגעקומען צו הערען, זיינען פלאך און בלוטלאז און דרעהען זיך ארום א י י ן אויסגעדראשענעם אידעען־קרייז. ווענינ המצאות ווערען געזאגט און דער לעבעדיגער הומאר פעהלט אין גאנצען. איך שרייב עס צו, צו דער אוננאטירליכקייט פון זייער העברעאיש ריידען. עס דאכט זיך, אז אזוי שנעל ווי זיי וואלטען נעהמען רייד־

דען אידיש, וואָלטען זיי פרייער אויפּאָטהעמען און ריידען אינטערעסאַנטער, האַרציגער, הומאָריסטישער.

דאָן זיינען דאָ די גאָר עלטערע אידען וואָס מאַטערען זיך נעבאך צו ריידען העברעאיש. ווען זיי זאָלען זיך ניט שעהמען, וואָלטען זיי גערעדט אידיש. אָבער עס פּאַסט עפּעס ניט פאַר די יונגע. ברעכט מען די אַלטע צייהנער אבי ניט אויסגעלאַכט צו ווערען, ממש ווי די עלטערע אי־דען מוטשען זיך אין אַמעריקא מיט זייער געבראָכענעם ענגליש.

אָבער עס איז ארץ ישראל, און די מאַטערניש איז ליעב. מע קוקט אויף די אייגענע קינדער און מע הערט ווי געשמאַק און ווי נאַטירליך ז י י ריידען העברעאיש און עס צוגעהט דאָס האַרץ פון פרייד.

מיט דער שפּראַך אַליין איז נאָך אַ האַלבע צרה. אָבער די חברה הספרדית...

אַ פרומער איד האָט מיר מיט אַ זיפץ דערצעהלט, אז ער האָט שוין כמה וכמה מאָל געפּרובט דאַווענען מיט דער חברה הספרדית, האָט זיך איהם די צונג גענומען קלעפּען און ער האָט ניט אָנגעהויבען פערשטעהן דעם פּרוש המלות... איז געבליבען ביי איהם, אויף דער גאַס ווי אויף דער גאַס אָבער אין שוהל — די אַלטע שניפּישקער הברה...

איך בין אויפגעשטאַנען איין טאָג גאַנץ בעגינען. אויף דער גאַס איז נאָך כמעט קיין מענש ניט געווען צו זעהן. דער אייזעל בעלאַדען מיט פרישע בולקעס פון כע'ס

„מאפיה״ (בעקעריי) איז נאר וואס פארביינעגאנגען, וואס דאס מיינט, אז עס איז נאך געווען זעהר פריה.

זעה איך ווי אן עלטערער איד מיט א גראהליכען בארד שטעקט ארויס דעם קאפ פון א פענסטער, קוקט אריבער אויף דער צווייטער זייט גאס און גיט א זאג צו עמיצען וואס ער האט דארט מסתמא דערזעהן, א היימישען „גוט מארגען״. דערביי האט זיך דער איד פאסמאקעוועט. דאס האט מען געקענט זעהן אויף זיין געזיכט.

ארייגעכאפט א אידיש ווארט...

א רחמנות אויפ'ן דור המדבר.

נאך א גרעסערער רחמנות איז אויף די „אנוסים״ וואס האבען נעבאך צוליעב דער ביטערער פרנסה געמוזט אננעהמען די „אמונה״ פון תל אביב.

אזעלכער איז געווען דער יונגער מאן פון דער „מספרה״ (מאספעירא) וואו איך בין אריין זיך אפשערען די האאר. ער האט לכתחלה אויסגעלאזט אויף מיר די פאאר העברעאישע ווערטער און פראזען, וואס ער האט זיך, קענטיג, מיט שווערער מיה אויסגעלערענט. ווען אבער ער האט אויסגעפונען אז איך וועל איהם ניט פערראטהען, האט ער מיר אין הארציגען מאמע־לשון ענטפלעקט דעם שרעקליכען סוד...

די איינציגע אויסגעשפראכענע אידישיסטען וואס האבען דעם מוטה פון זייער איבערצייגונג, זיינען די אראבער וואס קומען פערקויפען זייערע סחורות אין תל־אביב. אט

פיהט אַ הויכער דאַרער אַראַבער אַ קליין אייזעל בעלאַדען מיט ליימענע כּלים און שרייט אונטער דעם סאַמע שאַטען פון דער גימנאַזיע, אין קלאַסישען אידיש „טע־לער־לער, טע־פּע־לער, שי־סע־לער“ און פון עק גאַס קומט אַן אַ אַראַבערקע מיט אַ קויש אויפ'ן קאָפּ און זינגט אויס, מיט אַ האַלב־טרויריגען, האַלב־ברוגז'דיגען נגון „גוטי מאַראַנ־צי, מאַראַנצי גוטי“.

און דאָך, ווי לעכערליך און ווי קליינליך עס זאָל ניט זיין די שנאה פון די היגע קנאים צו אידיש, איז זי אָבער גאַנץ נאַטירליך. מענשען האָבען יאָהרען און יאָהרען זיך געמיהט און געקעמפּפט און געאַרבייט מיט אַלע כּחות און געבראַכט אַלערליי קרבנות צו בעלעבען די אַלטע שפּראַך, געטראַכט ביי טאָג און גע'חלומ'ט ביי נאַכט פון דער דאָ־זיגער בעלעבונג און איצט, אַז זיי זעהען די ערשטע שפּראָ־צונג פון זייער זריעה — ווי קען מען ערוואַרטען זיי זאָ־לען זיין טאָלעראַנט צו דער שפּראַך וואָס זיי בעטראַכטען פאַר דעם געפעהרליכסטען קאָנקורענט פון זייער אידעאַל?

איך אַליין גלויב וואָס אַ טאָג אַלץ מעהר אין דער מעגליכקייט צו בעלעבען פון דאָס ניי דעם לשון פון אונ־זערע אבות, אין ארץ ישראל. העברעאיש איז תמיד געווען אַ נויטוועגדיגקייט אין פּאַלעסטינאַ אַלס אַ שותפות'דיגען לשון אויף וועלכע אידען וואָס קומען אהער פון אַלע פער־שיעדענע לענדער האָבען זיך געקענט צוזאַמענריידען. דער איד פון פּערסיען און דער איד פון אַפגאַניסטאַן, דער איד

פון דייטשלאנד און דער איד פון תימן, האבען געמוזט גע־ברויכען העברעאיש כדי איינער אין דעם אנדערען א ברר־דער צו געפינען.

די דאזיגע נויטהווענדיגקייט ווערט וואס א טאג אלץ שטארקער און וועט זיין א שטענדיגער אנטריב צו דעם „דבור העברי". מיט דער צייט קען העברעאיש ווערען אזוי נאטירליך פאר די איצטיגע איינוואוינער פון פאלעסטינא ווי פאר זייערע אור־אור־עלטערען מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק.

נאך אלעמען איז העברעאיש שטענדיג געווען א וויכ־טיגער עלעמענט אין אלע דיאלעקטען וואס אידען האבען אנגענומען אין די פערשיעדענע מדינות וואוהין דער גלות האט זיי פערטריבען.

אפשר וואלט מען מיט א דוחק אויך אידיש געקענט אנרופען א העברעאישער דיאלעקט.

פון דער אנדער זייט, טראכט איך אפט וואס פאר א גרויסער טייל פון גוטע פיאנער־ענערגיע געהט אוועק אויף דער ש פ ר א ך אין ארץ ישראל.

דערמאן איך זיך וואס היינע האט ערגעץ־וואו גע־זאגט:

ווען די רוימער וואלטען געדארפט זיך ערשט אויס־לערנען לאטיין, וואלטען זיי קיין צייט ניט געהאט די וועלט צו בעזיעגען...

אין אונזער פאנסיאן שטעהען איין איינינע נימנא־זיסטען פון די העכערע קלאסען. זיי קומען פון רוסלאנד,

האבען דארט געלערענט אין גימנאזיע און איצט זיינען זיי געקומען אין תל־אביב פארטזעצען זייער שטודיום.

הער איך יעדען אין־דער־פריה ווי זיי חזר'ען זייערע לעקציאנען. איינער פון זיי לערנט זיין לאטיינישע אויפ־גאבע אין העברעאיש — טויטע לאטיין אין לעבעדיגען העברעאיש.

הויבט זיך מיר שטאלץ דאס הארץ און איך טראכט:

— ירושלים האט בעזיגט רוים...

אויף וואס פאר א שפראך דעם ים רעדט אין תל־אביב, ווייס איך ניט, אבער איך וואלט ניט מיער געווארען איהם צו הערען נאכאנאנד... דער טאג איז ניט לאנג גענוג.

אין דער פריה שטעה איך אויף דעם גילדערנעם זאמד און זעה ווי די בלאע ווענען פון דעם ים הגדול שלא־גען און צוברעכען זיך אן דעם פעלזיגען ברעג, און דער שנעע־ווייסער שוים שימערט אין די שטראהלען פון דער זון.

אפט בעגלייט מיך פיכמאן, און מיר קוועלען ביידע אן פון ים און פון הימעל און קענען זיך ניט זאט אנפרעהען, און אונזערע געשפרעכען זיינען א טייל פון דער פריידיג־קייט ארום...

ער זאגט צו מיר: איהר ווייסט, עס ווילט זיך א שורה ניט שרייבען. צו וואס שאפען שעהנע זאכען, ווען ארום איז אזא שעהנע ליכטיגע וועלט?...

מיר פון צונג די ווערטער ארונטערגענומען...

מיט דעם ים פיהל איך זיך היימיש און פערגעס אז מיין שאנד וואס איך בין א „משורר זרגוני" און וואס איך פערשפרייט די כפירה רחמנא לצלן צווישען אונשולדיגע אידישע בחורים, און איך בין גליקליך, איבער־גליקליך וואס איך בין אין ארץ ישראל...

און ביי נאכט ווערט דער הימעל אנגעפערלט מיט שטערען און אין דער פינסטער הערט זיך ווי דער ים רוישט און טומעלט און איך וויים אז דאס רוישט ער און טומעלט פון דער געבורט פון א פאלק, פון א גרויסען חלום וואס ווערט פערווירקליכט...

און צוגלייך נעהמט מיך ארום א זיסער וועהטאג און א שמאכטעניס און א וואונד הויבט אן בלוטען...

די דאזיגע שמאכטעניס האט שפעטער געזוכט זיך אויסצודריקען אין דעם פאלגענדען ליעד:

עס רוישען אין דער נאכט די וועלען,
זיץ איך אליין ביים ברעג און הער,
מיר דאכט זיך: פון מיליאנען קעהלען
קומט אן אן אלט געזאנג אהער...

איך וויים ניט און איך וויל ניט וויסען,
פאר וואס די טהרערען מיינע פליסען,
און ס'הארץ איז פול און שווער...

דער הימעל גיסט א ווייסען רעגען
פון שטערען גרוים און וואונדער־העל,

געשטאַלטען נידערען און פרעגען:
ווי גיך? מיר ווארטען אויף בעפעהל...

איך ווייס ניט און איך וויל ניט וויסען,
פאַר וואָס די טהרערען מיינע פליסען,
און ס'האַרץ קלאַפּט ווילד און שנעל...

אָראַנזשען שפּרייטען צויבער־דופטען,
צום שטומען שפּיעל פון שטערען־שיין,
אַ גרויסער טרוים הענגט אין דער לופטען,
און מישט זיך אין דעם דופט אריין...

איך ווייס ניט און איך וויל ניט וויסען,
פאַר וואָס די טהרערען מיינע פליסען,
און ס'האַרץ פערגעהט פון פיין...

XIX.

זוניגקייט

דער גרונד־טאָן פון תל־אביב איז זוניגקייט, א שפע פון זוניגקייט, וואָס פליעצט איבער די דעכער, גיסט זיך אראָפּ פון די דעכער אויף די ווענד, שפּרינגט צוריק פון די ווענד אויף די יונגע בוימלעך, וואָס גראַבלען מיט זייערע שוואַכע ווארצלען נאָך אביסעל פייכטקייט אין דעם זאַמדיגען באָדען, צושפּרייט זיך אויף דער גאַס און אויף די געלע זאַמד־הויפענס, און צופּיצעלט זיך אין גילדערנע פליטערלעך אויף דעם סאַפּיר־בלאָען ים...

און זונינקייט, א שפע פון זונינקייט, איז אויך דער גרונד־טאָן פון דעם גאַנצען לעבען אין תל־אביב.

צווישען די לעהרערס פון דער גימנאַזיע, צווישען די שילער, אין די פּאַנסיאָנען, אויף די שפּאַצירגאַנגען, אין דער אנגלאָ־פּאַלעסטינא באַנק — אומעטום איז די לופט אנגעזאַפּט מיט העלע האָפנונגען, מיט פּלענער פאַר דער צוקונפט, מיט דעם גייסט פון אונטערנעהמונג, מיט זיכערהייט אין זיך און מיט אמונה אין ערפאָלג.

דער „משרד ארץ ישראל” אָדער פּאַלעסטינא־אַמט.

וואס געפינט זיך אויף דעם אויבערשטען עטאזש פון אונזער פּאנסיאן, איז בעלאגערט פון פריה ביז שפּעט פון פערמעגליכע מענשען, וואס זיינען געקומען אהער קויפען לאנד.

ק א פּ י ט א ל, וואס איז פון דער נאטור א פּחדן און איז זיך על פי רוב נוהג צו שיקען פּאראוים זיין משרת — ארבייט, אויסצושפּיאנען פאר איהם נייע טערי־טאריעס, האט זיך אנגעהויבען בעווייזען בכבודו ובעצמו, ניט נאר צו כאפּען א קוק און אנטלויפען, נאר טאקי צו פערבלייבען.

דער ישוב האט אנגעהויבען ווערען א גוט געשעפט...

דער שטעדטישער סוחר וואס איז ניט פּיאנער גענוג צו וועלען ווערען א קאלאניסט, און ניט אידעאליסט גענוג צ וועלען מקריב זיין זיין שטעדטישע בעקוועמליכקייט פאר זיין ליעבע צו ארץ ישראל — דער דאזיגער סוחר קען איצט וואוינען אין א מאדערן געבויטען־הויז, האבען אלע קאמפּארטען און אפשר נאך מעהר ווי די צו וועלכע ער איז צוגעוועהנט געווארען פון זיין שטעדטעל, שיקען זיינע זיהן און זיינע טעכטער אין דער גימנאזיע, געפינען אן איינטרעגליכע בעשעפטיגונג פאר זיין קאפּיטאל און זיין ענערגי, און צו דערזעלבינער צייט וואוינען אין דעם לאנד פון די אבות.

די פּועלים וואס זיינען אהער געקומען צו „עסען ברויט מיט זאלץ און טרינקען וואסער מיט א מאס", און צו ברענגען כל ערליי קרבנות פאר פאלק און לאנד, קוקען נאטירליך קרום אויף דידאזיגע בורגנים (בורזשוא).

עס פעהלען אויך ניט קיין פיקאנטע געשיכטעס וועגען אנזעצערס וואס זיינען געקומען אין ארץ ישראל כשר'ען זייער לינקען קאפיטאל...

מע הערט פון נייע געשעפטען וואס ווערען געגרינדעט, פון נייע אמעריקאנער „אחוזות" און פון אלערליי אונטערנעהמונגען. מע דערצעהלט פון נייע קניות פון ערד וואס זיינען געמאכט געווארען פון יחידים און פון גרופען.

אין איין טאג האב איך געהערט פון פינף איינקויפען איטליכער צו דרייסיג טויזענד דונאם. מיר איז אבער ניט בעשערט געווען זיך לאנג אנצופרעהען מיט די גוטע בשורות. עס האט זיך ארויסגעוויזען אז דאס זיינען אלץ געווען די זעלביגע דרייסיג טויזענד דונאם, נאר אין פערשיעדענע נוסחאות.

וואלט כאטש געבליבען ביי דרייסיג טויזענד, וואלט אויך ניט שלעכט געווען. איז אבער דער אמת געווען, אז מע האט מיט דעם אראבער וואס צו איהם געהערט דאס לאנד, בלויז אונטערהאנדעלט, אבער פון דעם עסק איז דערווייל נאך גארנישט געווארען.

צוויי שיקאגא'ער אידען זיינען געקומען אהער מיט א פלאן צו עפענען א קליידער־פאבריק אין ירושלים. לויט דעם חשבון וואס זיי האבען בעוויזען, וועט זיך דער עסק זעהר גוט בעצאהלען. איבערהויפט רעכענען זיי אויף דעם ביליגען ארביים־לויהן. אחוץ דעם, וועלען די וואס

לערנען זיך די מלאכה, די ערשטע צייט ניט קריגען בעצאהלט און זייער ארבייט וועט זיין כלו רוח.

די צוויי אידען האבען שוין געדונגען א הויז נעבען דעם בצלאל אינסטיטוט און דענקען גאר בקרוב אנצופאנגען בעקליידען ארץ ישראל מיט זייערע פראדוקטען.

וואס פאר א גליקליכער טאג דאס וועט זיין פאר דעם ישוב פון פאלעסטינא, ווען דער געוויש פון זינגער־מאשינען וועט אנזאגען די איינוואוינער פון ירושלים אז די „סוועט־שאפ" קומט...

סמנים פון גוטע צייטען וואו מען גיט זיך א קעהר. מען דערצעהלט שוין אפילו פון ארימע לייט, וואס זיינען געקומען אזש פון אדעם כדי צו געהן איבער די הייזער אין תל־אביב.

אין דער אנגלא־פאלעסטינא באנק, וואס געפינט זיך ניט אין תל־אביב, נאר דוקא אין מיטען פון דעם שמוציגען אראבישען מארק אין יאפא, רודעלט זיך ווי אויף א יריד. ארום יעדער פענסטערל איז א געזעמעל און געדראנג. מע קומט דעפאנירען געלט, קויפען און אויסבייטען אנווייזונגען, לייהען געלט, אפצאהלען וועקסלען, א. א. וו.

די אפיציעלע שפראך פון דער באנק איז העברעאיש. עס איז אויפגעקלעבט א מודעה אין וועלכער מע בעט דאס פובליקום צו ריידען ע ב ר י ת. די וואס קענען טהוען עס. די פארמולארען פון דער באנק זיינען העברעאיש,

די אויפשריפטען איבער די פענסטערלעך העברעאיש. די קונדען זיינען אידען אחוץ איינינע גרויסע אראבישע סוחרים, וואס האבען, דורך דער באנק, געשעפטען מיט אידען אדער האלטען דא זייער געלט פון זיכערהייט וועגען.

די באנק, געשאפען פון אידען פאר אידען, האט זיך בעזונדערס צוגעפאסט צו אידישע בעדערפניסען און אידישע מעטהאדען פון האנדעל און פינאנץ, און דער אידישער סוחר פיהלט זיך אין איהר הײמישער ווי ער וואלט זיך געקענט פיהלען אין דער פריינדליכסטער ניט־אידישער באנק אונטער די גינסטיגסטע בעדינגונגען.

פון איין זייט פליסט נאכאנאנד א שטראם פון נייע פאנדען אין דער באנק. די באנק צאהלט פינף פראצענט פאר יעהרליכע „פקדונות" אדער דעפאזיטס, און די ערבות פון דעם גאנצען אידישען פאלק, וואס איטליכער דעפאזיטאר גלויבט מעהר אדער ווייניגער צו זעהן הינטער דער באנק — ציהט צו אידיש געלט פון אלע ווינקלען.

פון דער אנדער זייט פאדערען די נייע אונטערנעה־מונגען, ערד־איינקויפען, נייע מאשינערייען א. א. וו. אסך געלט און א גאלדענער שטראם געהט ארויס פון דער אנ־גלא־פאלעסטינא באנק און בעפרוכפערט אלע אינדו־סטריען פון דעם נייעם ישוב.

איך שטעל זיך נעבען דער „קופה" אדער קאסע. איך האב אן אנווייזונג אויסצובייטען. די ליניע איז א לאנגע און דער קאסירער ניט צו פלינק. שטעה איך און ווארט מיט עכטער אמעריקאנישער אונגעדולד. אז עס קומט אן

מיין רייה, בשדייזט זיך א איד פון דער אנטקעגענדיגער זייט און שטעלט זיך אוועק נעבען פענסטערל.

פרעג איך ביי דעם קאסירער:

— הינתבן ? איך ווארט דאך שוין איבער פופצעהן מינוטען...

איך האב בדעה צו ווערען אין כעס, ערשט עס רוקט זיך ארוים אן עלטערער איד, מיט א לאנגער, אמת'ער ישעיה־בארד, און מיט מילדע אידישע אויגען, א סוחר, קענטיג, פון דעם אלטען טיפ, און נעהמט מיך אן לייכט פאר'ן ארבעל:

— יונגער מאן, וואס ערגערט איהר זיך ? נאך אלע־מען זיינען מיר דאך אין ארץ ישראל, און אלע אידען ברוך השם... פריהער שפעטער — וואס מאכט עס אוים ? איהר וועט נים פערזאמען...

ווען איך קריג אזא מין ארגומענט אין די „קעמיקאל נעשאנאל ביינק" אין ניו יארק, וואלט איך געטהאן איינס פון די ביידע: ענטוועדער איך וואלט דעם אידען דורס געווען, אדער איך וואלט זיך צולאכט.

ד א האב איך איינגעזעהן תיכף אז דער אלטער איד איז גערעכט... איך בין דאך נים געקומען מעבר לים בעשטעהן אויף מיין רעכט פון „פריהער"...

איך קום אריין אין א צייטיגען קאבינעט, און טרעף ביי א לאנגען, מיט פאפירען אנגעווארפענעם טיש ה' גרא־זאווסקי'ן, דעם פערפאסער פון העברעאישע ספרי־תנוך

און ווערטערביכער, און צוגלייך איינעם פון די טהעטיגסטע בעאַמטע פון דער אַנגלאָ־פּאַלעסטינא באַנק.

ער גיט מיר אַ שטוהל נעבען זיך און הייסט אַ משרת פון דער באַנק ברענגען צוויי שעלכלעך קאַווע.

דערווייל — דער אַריין און דער אַרויס. דער לעקסיקאָגראַף רוהט ניט אַ רגע, שרייבט אונטער טשעקס, חתמה'ט זיך אויף דאָקומענטען, מאַכט הלואות, פרעגט און ענטפערט — און ביני לביני ריידען מיר וועגען דעם נייעם „מלון" איבער וועלכען ער אַרבייט שוין זינט אַ לאַנגע צייט צוזאַמען מיט יעלינ'ען.

פאַר מיינע אויגען ווערען אָפּגעטהאָן מיט שנעלקייט און פּינקטליכקייט, געשעפטען אויף שווערע צעהנדליגער טויזענדער פראַנקען. אַ איד קומט אַריין מיט אַ קוויטאַנציע און וויל די באַנק זאָל אויסלייזען די סחורה וואָס איז איהם אָנגעקומען און האַלטען אין איהרע שפּייכלערס. אַ קאָלאָניסט פון פּתח תקוה דאַרף געלד כדי צו קויפען קעסטלעך פאַר זיינע אָראַנזשען. און דער ראש הועד פון אַ קליינער קאָלאָניע קומט באַרגען פון דער באַנק געלד אויף אַ וואַסער־לייטונג.

דער מחבר פון העברעאישע לעהר־ביכער קען איטליכען אויסגעבונדען, ער ווייס די היסטאָריע און דעם יחוס, דעם מצב און די אויסזיכטען, די פעהיגקייטען און די געוואוינהייטען פון יעדערען בעזונדער. אויף דעם סמך פון דערדאָזיגער קענטניס זיינע, בעשליסט ער וועמען יאָ צו געבען און וועמען ניט צו געבען, און בעשטימט די סומע וואָס מע קען איטליכען טרויען.

ער איז דער „בראדסטריט״ פון דער באנק.

ער בענוצט זיך מיט א פרייער מינוט אום ארויסצו־נעהמען פון א טיש־קעסטעל די קארעקטור־בויגען פון דעם „אלף״ פון זיין ווערטערבוך, וועלכער איז שוין אויפגע־זעצט.

איך קוק איבער די בויגענס, זופ לאנגזאם פון מיין שעלכעל די געדיכטע קאווע, און דער שטן ברענגט מיר ווידער אויפ׳ן געדאנקען די „קעמיקאל נעשאנאל ביינק״ פון ניו יארק.

אבער איך לאך זיך פון איהם אויס. אין ארץ ישראל האט די ליצנות פונ׳ם שטן קיין האפט נים...

אויף דער אנדער זייט פון דעם גרויסען קאבינעט, אויך ביי א לאנגען מיט פאפירען פערווארפענעם טיש, זיצט א צווייטער בעאמטער פון דער באנק, א הויכער, דארער ברוין־הויטיגער ספרדי, וואס טראגט א רויטען טארבוש מיט א שווארצען טראדעל, אויפ׳ן קאפ.

זיין עובדה איז אויפצונעהמען די אראבישע סוחרים און עפענדים וואס האבען מסחרים מיט דער באנק. קומט אריין אן אראבער אין א שווארצען לויזען איבערדעק, מיט א ווייסען געפלאכטענעם טורבאן אויפ׳ן קאפ, הויבט זיך אן א בעגריסונג.

דער ספרדי שטעלט זיך אויף און ביידע צדדים לעגען מיט גרויס צערעמאניע די רעכטע האנד צוערשט אויפ׳ן הארצען דערנאך אויפ׳ן שטערען. זאגט איינער:

— ג׳הארא סאאיד (דיין טאג זאל זיין גליקליך).

ענטפערט דער צווייטער :

— ג׳הראק סאאיד אומבאראק (דיין טאג זאל זיין גליקליך און געבענשט).

דערנאך דערלאנגט דער ספרדי מיט׳ן טארבוש פאר־פיראסען און בעשטעלט קאווע. זיצט מען ארום דעם גרוי־סען שרייב־טיש, און מע רויכערט און מע נעהמט קליינע זופעלעך פון דעם קלעפינען געטראנק, און אלע ווילע פרעגט מען זיך פון דעם ניי :

— קיף חאליאק (ווי איז דיין צושטאנד) ?

און מע ענטפערט :

— על־חאמדו לילאה (לויב צו אללאה).

שמועסט מען פון אלערליי זאכען, און ד ר ך א ג ר טהוט מען אפ די געשעפטען וואס צוליעב זיי איז מען אייגענטליך געקומען.

לפני ולפנים זיצט דער אויבער־דירעקטאר פון דער אנגלא־פאלעסטינא באנק, א גרויסער, ברייט־ביינינער איד אין שפאקולען, מיט א לאנגער גראהליך־ברוינער בארד. זיין ערשטער אויפטריט אויף דער ביהנע פון דעם „ישוב״ איז געווען מיט אן ערך פינף־און־צוואנציג—דרייסיג יאהר צוריק, אלס מחבר פון א העברעאישען ספר איבער ארץ ישראל.

איצט איז ער דער פערוואלטער פון א באנק וואס האט אויסשטעהן ארום ניין מיליאן פראנק.

ווען ער וואלט געטראגען א יארמאלקע, וואלט איך איהם געקענט נעהמען פאר א הייטישען שוחט. האט

אבער זיין אפגעדעקטער פליך דער'הרג'עט די אילוזיע.

שטאט מיך צו אדרעסירען אין העברעאיש אדער מאמע־לשון, האט ער פ ר ו ב י ר ט ריידען מיט מיר ענגליש... די פראבע איז געווען זעהר ניט קיין געלונגענע, און איך האב דערקענט דעם משכיל...

דערווייל ווערט האלב נאך צוועלף. די באנק ווערט מיט אמאל ליידיג. די אנגעשטעלטע פערלאזען די פענ־סטערלעך און איילען זיך ארויס פון דער באנק. די טהירען ווערען געשלאסען. ערשט אין צוויי שטונדען ארום וועלען זיי ווידער געעפענט ווערען.

איך צוזאמען מיט גראזאווסקי'ן קעהרען זיך אום צוריק אין תל־אביב.

אויפ'ן וועג ריידען מיר ווידער פון דעם נייעם „מלון". אזוי שנעל ווי ער האט א פרייע מינוט, ארבייט ער אויף דעמדאזיגען „מלון". דאס איז זיין אפרוה נאך דער אר־בייט אין דער באנק.

ער רעדט מיט ענטהוזיאזם פון די נייע טערמינען וואס איהם איז געלונגען אויפצופישען.

— אונזער מלון — זאגט ער — איז א פראקטישער העברעאיש־העברעאישער ווערטער־בוך, געמאכט הויפט־זעכליך מיט אן אויג אויף דעם דור וואס וואקסט אויף אין ארץ ישראל. פאר אלע בעגריפען און בעדערפעניששען פון דעם טאג־טעגליכען לעבען, וועט דערדאזיגער דור געפינען אין אונזער „מלון" העברעאישע פארמען, אויס־

געטייטשט אין דעם העברעאיש אויף וועלכען ער רעדט און טראכט.

פון דעם „מלון" שפרינגט ער ווידער אריבער אויף דער באנק און דערצעהלט מיר ווי די געשעפטען וואקסען פון טאג צו טאג און ווי די באנק האט געמוזט עפענען נייע פיליאלען אין פערשיעדענע שטעדט נאכצוקומען די בעדערפעניסען פון דעם וואקסענדען „ישוב", און דא פאלט ער אריין אין א לויב־געזאנג אויף דעם „ישוב" בכלל און זיינע אויגען ברענען און זיינע בעוועגונגען, נים קוקענדיג אויף זיינע עטליכע און פופציג יאהר, ווערען פלינק און יונג ווי ביי א פופצעהן יעהריגען בחור'ל.

ער איז געקומען אין ארץ ישראל מעהר ווי דרייסיג יאהר צוריק. אין יאפא איז דאן א איד ניט זיכער געווען אליין ארויסצוגעהן אויף דער גאס.

הויבט ער אן צו דערצעהלען זיינע ערפאהרונגען, ערנסטע און קאמישע, פון זיינע ערשטע פיאנער־טעג אין די קאלאניעס. דערמאנט ער זיך אן דער מלחמה וואס ער האט געהאט אמאל מיט שאקאלען. אויף זיין גורל איז אויסגעפאלען צו ברענגען פלייש פון יאפא פאר די קאלאניסטען. עס איז געווען שפעט ביי נאכט, דער וואגען איז געווען א צרה־דיגער און דער פערד הויט און ביינער.

דאס פלייש איז געלעגען צוגעדעקט אויפ'ן וואגען און ער אליין האט געבראדזשעט אין זאמד און האט „געוויא־קעט" זיין מאגערען געשפאן. האבען די שאקאלען דער־שמעקט דאס פלייש און האבען ארומגערינגעלט דעם וואג־

געז, און ער האָט זיך מיט א גרויסען שמעקען געמוזט וועהרען קעגען זיי.

אזוי ריידענדיג קומען מיר צו אונזער פּאנסיאָן און דער פּיאָנער־פּעדאָגאָג־באַנק־בעאַמטער צוזעגענט זיך האסטיג מיט מיר:

— איך וויל נאָך אריינכאַפּען א האַלבע שעה אויפ'ן „מלון"...

XX.

אַרום טיש

דער סעזאָן פון טוריסטען איז נאָך ניט אין פולען גאַנג. דאָס וועט ערשט זיין אַרום פסח־צייט. אָבער אין אונזער פּאַנסיאָן זיינען די טישען כמעט תמיד בעזעצט.

שלמה דער באָרוועסער תימני — שיך טהוט ער אָן בלויז לכבוד שבת — וואָס וועגט אין גאַנצען פינף־און־זיבעציג פונט שוין צוזאַמען מיט זיין הויכען רויטען פעז, און אַרבייט פאַר דרייען, קען ניט בעוויזען צו בעדיענען אַלע געסט, און די בעל־הבית'טע, די אלמנה פון אַ רחובות'ער פּיאָנער, מיט איהרע קינדער מוזען איהם צוהעלפען.

נעבען מיר זיצט די לעהרערקע פון נעהען אין דעם בית ספר לבנות, אַ חויכע מיידעל שוין אין די עלטערע יאָהרען. איך וויים ניט וואָס אַזוינס איך האָב זיך גע־קענט אַרויסריידען, זי צו ברענגען אויף אַזאַ שרעקליכע מחשבה — אָבער זי האָט זיך אַריינגענומען אין געדאַנ־קען, אַז איך לאָד פון איהר אָפּ. איך מעג ריידען מיט איהר פון די ערנסטסטע און די אונשולדיגסטע זאַכען און זיין דערביי אַזוי פריינדליך און אַזוי אָפּענהאַרציג, ווי

מען קען זיין צו אן עלטערער מיידעל — זי האט מעהר אין מיר קיין אמונה ניט.

אז איך דערצעהל איהר וואס פאר הויכע בנינים עס געפינען זיך אין ניו־יארק, פערקרימט זי די ליפען און זאגט: מע פערשטעהט וואס איהר מיינט..., און קעהרט זיך אפ פון מיר מיט א בעליידיגטער מינע. זי זעהט אויס צו זיין א וואוילע אידישע טאכטער און מיך פערדריסט מיט אן אמת פארוואס זי האט געווארפען אויף מיר אן אומ־חן.

אנטקעגען אונז זיצט דער יונגער דאקטאר, א דא־רער יונגערמאנטשיקעל מיט בלאנדע וואנצעלעך און מיט מאטע אויגען וואס קוקען מרה־שחורה'דיג אין טעלער אריין. דערביי זיין ווייבעל, א קליין־געוויקסיגע ברונעט־קע מיט זיסע סאמעטענע אויגען. זיי ריידען ניט מיט אונז און ניט צווישען זיך א ווארט די גאנצע צייט פון דעם מאהלצייט. אזוי שנעל ווי זיי ווערען פארטיג מיט די פלוימען — אונזער מאהלצייט ענדיגט זיך שטענדיג מיט פלוימען — הויבען זיי זיך אויף פון טיש און פער־שווינדען אין זייער צימער, וואס איז צונלייך דער קא־בינעט וואו דער דאקטאר נעהמט אויף, אדער דארף על פי יושר אויפנעהמען פאציענטען.

ער איז ערשט ניט לאנג געקומען אהער פון ערגיץ א שטאדט אין פוילען. ער איז א „רופא למחלות העצבים", וואס דאס מיינט א נערווען־ספעציאליסט. פון זיין מרה־שחורה דריגג איך, אז די תל־אביב'ער האבען אייזערנע נערווען.

לעבט מען דערוויי̈ל פון דעם נדן, וואָס ער האָט געקריגען אַ צוגאָב צו די סאַמעטענע אויגען.

ניט ווייט פון אונז זיצט דאָס פּאָר פֿאָלק פון דער ליטאַ. ביידע עסען אַ סך ברויט און שעמען זיך ווען שלמה פרעגט וואָס פאַר „מרק" זיי ווילען האָבען. זיי קענען ניט אַ וואָרט „לשון קדש" און פיהלען זיך דער־שלאָגען. איך וואָלט זיי וועלען טרייסטען און זאָגען, אַז גאָט'ס בארמהארציגקייט איז גרויס און אַבי די כונה איז גוט מאַכט ניט אויס אַז מע רעדט אידיש — ציטער איך פאַר די לעהרערקע פון נעהען.

שלמה אָבער, וועלכער מאַטערט זיך מיט אַלע זיינע תימנישע כחות זיך אויסצולערנען אידיש, פערכאַפּט זיך תיכף און פרעגט זיי „וואָס פאַר זופּ?", און די ליטווי־שע פּאָאַר פאָלק לעבען אויף.

נעבען זיי זיצט דער הויכער איד פון פעטערבורג, איינער פון די אַמאָליגע ארויסגעבער פון דעם רוסישען זשורנאַל „ניוואַ". ער איז האַלב־טויב און מען מוז איהם אריינשרייען אין אויער איידער מע קען זיך מיט איהם צוזאַמענריידען. ער איז לאַנג צווישען אידען ניט געווען און כאַפּט התפעלות פון אַלצדינג וואָס איז אידיש, שוין אריינגערעכענט אין כלל די אידישע געריכטען וואָס שלמה סערווירט איהם.

אַלצדינג איז ביי איהם אַ סימבאָל פון דער אידי־שער אויפלעבונג, אַפילו די געהאַקטע לעבער מיט שטיק־לעך רעטאַך, וואָס אונזער בעל־תבית'טע גיט אונז פאַר אַ פאַרשפּייז.

דער גימנאזיסט, א זוהן פון א ווארשאווער סוחר, וואס איז שוין צוויי יאהר אין דעמזעלבינגען קלאס, ניט קוקענדיג דערויף וואס ער איז א גרויסער מתמיד, קוקט אויף אונז מיט רויטע אידיאטישע אויגען. אויסער „שלום" זאגט ער צו קיינעם א ווארט ניט.

דערפאר די ווייבעל וואס האט אן אפטייק אין קאוונא און איז געקומען אהער זעהן, אויב זי קען ניט אריבערטראגען איהר אפטייק אין תל־אביב — רעדט נאכאנאנד און דוקא אין דייטש מיט אן אלעקסאטער אקצענט. זי איז א גרושה אדער אן אלמנה און זוכט, קענטיג, א שידוך.

אויף א צווייטען טיש זיצען די „אלטע קונדען".

אויבען־אן זיצט דר.... אן אלטער בחור, וואס איז אהער געקומען פון דער שווייץ, וואו ער האט געמאכט זיין דאקטאראט אויף פילאזאפיע. ער איז דער לעהרער פון תלמוד און אנדערע געגענשטאנדען אין דער גימנאזיע. ער איז אין גאנצען פערטרונקען אין זיין ארבייט. א מאדערנער גלגול פון דעם אמאליגען לערנער.

איך האב איהם ליעב פאר זיין ערנסטקייט און פאר זיין עהרליכען אידעאליזם, און בין איהם בזכות זה מוחל זיין שנאה צו אידיש און זיין בעשרענקטקייט בנוגע צו זאכען וואס ליגען אויסער דעם קרייז פון דער גימנאזיע און איהרע טהעטיגקייטען. ער אזוי ווי אלע לעהרערס פון דער גימנאזיע, קוקען אויף דעם דאזיגען אנשטאלט ווי אויף דעם עיקר און דער קווינטעסענץ פון דעם „ישוב"

און בעטראַכטעט זיך, מעהר אדער ווענינער נאַאיוו, פאַר די איינציגע אמת'ע בויערס פון דער אידישער צוקונפט.

אַט־דער קוק פון ביטול אויף אַלצדינג, וואָס איז נים גימנאַזיע, איז איבערגעגאַנגען פון די לעהרערס אויף די תלמידים. דער מינדסטער שילער קוקט אויף זיך ווי אויף אַ וויכטיגען עלעמענט און אַ עמוד־התוך פון דעם נֵייעם אידישען לעבען. דער דאָזיגער איבערטריבענער שטאָלץ איז פעראַנטוואָרטליך פאַר אַ סך חוצפה'דיגע ארויסטרעטען מצד די תלמידים.

נעבען דר.... זיצט די שעהנע בוכהאַלטערקע, זי ווייס אַז אַלע קוקען אויף איהרע רונדע אָרעמס און אויף איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען, און מאַכט זיך כלומרשט נים ווימענדיג.

די צוויי גרין־פּנים'דיגע מיידלעך, לעהרערקעס אין דעם „גן", וואָס זיצען נעבען איהר, זיינען איהר קענטיג שטאַרק מקנא, און פערדעקען זייער קנאה מיט אַן עק־סטרא דאָזע פריינדליכקייט צו זייער שעהנער מיט־עסערקע.

דאָן זיינען דאָ די צוויי מיטגליעדער פון דעם „ועד העיר" פון דער קאָלאָניע „חדרה", וואָס זיינען געקומען אַהער וועגען עפּעס אַ קהל'שען ענין. איינער פון זיי, אַ פערעלטערטער איד פון אַ יאָהר פערציג, מיט האַלב־לייי־דיגע יאָסלעס און מיט דעם זכר פון וואַכען־לאַנגע פיבערס טיעף איינגעקראַצט אין די באַקען — זאָגט אַז איך מוז

דורכאוים בעזוכען „חרדה”. אזא שעהנע און טייערע קאָ־לאָניע איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

ער איז איינער פון די ערשטע וואָס האָבען זיך בעזעצט אין דער זומפיגער געגענד. איינציגווייז און פאַמיליענווייז איז דער גרעסטער טייל פון די בראווע פיאָנערען געפאַלען קרבנות צו דעם בייזען פיבער, ביז אַ גאַנצער בית עולם איז אָנגעפילט געוואָרען מיט זייערע קברים. די וואָס זיינען געבליבען האָבען די מלחמה ניט אויפגעגעבען.

אין דעם ווייכען באָדען האָבען זיי אייקאַליפּט־בוימער געפלאַנצט און די דאָרשטיגע אייקאַליפּטען האָבען די פעסטיגע פייכטיגקייטען אין זיך אריינגעטרונקען און די לופט איז געוואָרען ריין און די פיבער־פערצעהרטע קאָלאָניסטען קענען קומען אין תל־אביב ריהמען זייער שעהנע חרדה...

איך שטעה און קוק דורכ'ן פענסטער אויף דעם שטראָם פון גימנאַזיסטען און גלאַט אַזוי דורכגעהער, וואָס ציהען זיך פערביי אונזער פאַנסיאָן.

בילדעט זיך דאָ ביסלעכווייז אַ אידישער שמעלצטאָפּ? יעדענפאַלס ניט אין אויסערליכע זאכען.

מיך שאָקירט די פערשיעדענאַרטיגקייט פון די מלבושים. עפּעס אַזוי ווי יעדער איינער וואָלט אומיסנע געוואָלט אָנהאַלטען די קליידער פון זיין היים, רוסלאַנד, גאַליציען, דייטשלאַנד א. א. וו.

די פערשיעדענארטיגקייט װארפט זיך בעזונדערס אין די אויגען ביי די שילער פון דער גימנאזיע. אויב ניט אין אוניפארם, האבען זייערע בגדים, לכל הפחות, געדארפט געהאלטען װערען אין די גרענעצען פון א געװיסען גראד פון איינהייטליכקייט.

סקאנדאליזירט האבען מיך צװיי שילער, װאס זיינען געװען אנגעטהאן אין ר ו ס י ש ע גימנאזיסטישע אוניפארמען...

איבעריגענס, אזוי װי אין א סך אנדערע פרטים, אזוי אויך אין קליידונג, לופטערט איטליכער אויס אין ארץ ישראל אלע יענע פערבארגענע ראמאנטישע פערװעלעניסען, װאס ער װאלט אנדערשװאו ענטװעדער זיך געשעמט אדער ניט געװאגט ארויסצוברייגנען מכח אל הפועל.

אנוסטען טרעף איך אן דעם אידישען סקיצען־שרייבער ה... געהט ער אנגעטהאן אין שטייפע גלאנציגע רייט־קאליאװעס. פרעג איך איהם, צי ער רייט. זאגט ער: ניין, נאר עס געהט זיך בעסער אין די דאזיגע רייט־קאליאװעס.

טייטש איך מיר אויס דעם ענין אזוי: דער דאזיגער סקיצען־שרייבער האט מסתמא פון קינדװייז אן געחלומט װעגען רייט־קאליאװעס, װאס ער האט געזעהן דעם פריץ פון שטעדטעל טראגענדיג, און דער חלום פון די קאליאװעס האט אין איהם געשלומערט יאהרען און צעהנדליגער יאהרען נאכאנאנד, ביז ער איז געקומען אין תל־אביב

און האָט בעשלאָסען זיין לעדערנעם טרזים צו פערווידקליכען...

צוליעב דעמזעלביגען טעם מסתמא טראָגט פּראָפעסאָר... אַוואַו ער געהט אַ רייט־בייטשעל אין דער האַנד.

אין די קאָלאָניעס ווידער איז דאָ אַ שטאַרקע טענדענץ אָפּצושאָפען ביסלעכווייז די אייראָפּעאישע בגדים און זיי פערבייטען אויף — **אַראַבישע.**

די פּועלים און בעזונדערס די שומרים האָבען שטאַרק ליעב זיך אָנצוטהאָן ווי בעדואינער. נאָך אַלעמען איז די בעדואינישע קליידונג ניט נאָר פול מיט חן, נאָר אויך זעהר בעקוועם. די אַרונטערהענגענדע קאָפּ־בעדעקונג איז אַ נויטיגע בעשיצונג קעגען די בראָטענדע שטראַהלען פון דער זון, און דער לויזער מאַנטעל איז אָנגענעהם צו טראָגען און לאָזט די גליעדער זיך לייכט און פריי בעוועגען.

די וואָס האָבען ניט קיין פולען בעדואינישען גאַרניטור, קריגען ערגעץ וואו אַ טישטיכעל אָדער אַ האַנדטוך און בינדען עס ארום מיט אַ שוואַרצען גאַרדין־שטריקעל אַרום קאָפּ און „שפּיעלען זיך אין בעדואינער".

XXI.

אין בויען

דער געוועזענער שותף פון דער „גיווא” האט מיך גע־בעטען איך זאל מיט איהם צוזאמען נעהן בעזוכען די גימ־נאזיע.

דר. מאסענזאהן האט אונז אויפגענומען זעהר פריינד־ליך און אונז געפרעגט, וועלכען קלאס מיר וואלטען געוואלט בייוואוינען.

אזוי ווי איך האב געוואוסט, אז דער פעטערבורגער איד איז, במחילת כבודו, אין אידישע זאכען א גרויסער עם הארץ, און א חוץ דעם איז ער האלב־טויב, און עס איז ניט איינגעפיהרט אין דער גימנא.יע ארויסצושרייען די לעק־ציאנען דורך א מעגאפאן — בין איך לכתחילה געבליבען אין א פערלעגענהייט. עס איז מיר דעראן געלעגען, אז דער בעל־תשובה זאל אוועקטראגען פון דער גימנאזיע דעם בעס־טען איינדרוק. ווי אבער ברייגגט מען עס צו שטאנד, אז דער מאן הערט ניט?

בין איך געפאלען אויף א חמצאה. איך וועל איהם פיהרען צו דעם קלאס פון גימנאסטיק. אויב ניט ה ע ר ע ן,

זאל ער כאטש זעהן, און איך לערן א קל־וחמר: מה דאך דער מיליאנער ר... האט אנגעקוואלען, וועט ער אוראי אנקוועלען.

זאג איך דר. מאסענזאהן׳ען, אז מיר ווילען זעהען דעם קלאס פון גימנאסטיק. איז, מעשה שטן, יענעם טאג קיין גימנאסטישער קלאס ניט געווען. און עס איז קיין אנ־דער ברירה ניט געבליבען ווי דעם טויבען פעטערבורגער נעהמען צו אבי וועלכען קלאס, אבי איהם ניט אוועקלאזען מיט גארנישט.

האב איך אויסגעקליבען דעם קלאס פון תנ״ך, וואו דר. מאסענזאהן האט פארגעטראגען דעם פינף־און־פער־ציגסטען קאפיטעל פון תהילים, „למנצח על שושנים״.

מען האט אונז אוועקגעזעצט צווישען די תלמידים, מיט תהילים׳ס אין די הענד, און דער אונטערריכט האט זיך אנגעהויבען.

די שעה וואס דער פארטראג האט געדויערט, איז ביי מיר אריבערגעלאפען ווי איין מינוט, איך האב פערגעסען אז מיין שכן און אז דער גאנצער גימנאזיע. אונטער דער שעהנער, זאפטיגער אויסטייטשונג פון דר. מאסענזאהן האבען די פסוקים אנגעהויבען צו צאפלען מיט פארביגען לעבען.

די תלמידים זיינען געהאנגען אויף דעם לעהרער׳ס ליפען און די אויפמערקזאמקייט איז ניט געווען קיין געצוואונגענע און על־פי חוב׳דיגע, נאר אן אויפריכטיגע און א בעגייסטערטע.

ביי אַן אַנדער געלעגענהייט האָט מיך דר. צפרוני איינגעלאַדען בייצוואוואוינען זיין קלאַס פון תלמוד.

דער טעקסט איז געווען די משנה אין דעם פרק „חזקת הבתים" אין מסכתא „בבא בתרא": „כל חזקה שאין עמה טענה אינה חזקה".

דר. צפרוני האָט אין געלויפיג־געשפּראָכענעם העב־רעאיש ערקלערט זיינע שילער און שילערינען דעם יורידישען פּרינציפּ פון „חזקה", און פאַר וואָס „חזקה", אָדער דער בלויזער פאַקט וואָס מע איז אין בעזיץ פון אַ זאַך, איז אַן און פאַר זיך ניט גענוג פעסטצושטעלען דאָס רעכט פון אייגענטום. די דאָזיגע חזקה מוז אויך בעגרינ־דעט ווערען דורך אַ געוויסער לאָגישער טענה.

מיין זכרון האָט געמאַכט אַ שפּרונג אַ פּאָאַר צעהנד־ליג יאָהר צוריק און האָט מיך געבראַכט אין אַן ענגען, נידעריגען חדר'ל. דאָס חדר'ל איז געווען אָהן אַ פּאָדלאָגע און אין מיטען איז געשטאַנען אַ לאַנגער הילצערנער טיש. אויבען־אָן אויף אַן אויסגעריבענעם בענקעל איז געזעסען אַן אַלטער, איינגעבויגענער איד מיט אַ ווייסער באָרד, און האָט זיך געשאָקעלט איבער אַן אַלטער גמרא. פוןביידע זייטען, אויף לאַנגע בענק, זיינען געזעסען אַ צעהנדליג קליינע אינגלעך און האָבען זיך געשאָקעלט צו־זאַמען מיט'ן רבי'ן, און נאָכגעזאָגט וואָס ער האָט געזאָגט. אַ קליינעם טהייל האָבען זיי פערשטאַנען און דעם גרעס־טען טהייל האָבען זיי ניט אָנגעהויבען צו פערשטעהן און אין דעם קליינעם חדר'על האָט געהילכט:

„כל חזקה שאין עמה טענה אינה חזקה".

אין איינעם פון די דאָזיגע איינגלער האָב איך דער־קענט דעם דערוואַקסענעם אירען, וואָס איז איצט געזעסען און זיך צוגעהערט, ווי דר. צפרוני, אָהן אַ היטעל, האָט פאַר אַ שטילען אויפמערקזאַמען קלאַס געלאַסען אויסגע־טייטשט דעם יורידישען פּרינציפּ פון „חזקה".

אפשר וואָלט מיין כח־הדמיון געקענט פערכשופ'ען די שילער און אפילו די שילערינען אין די קליינע איינגלער פון צעהנדליגע יאָהרען צוריק, די קליינע שוואַרצע פולטען אין אַ לאַנגען ניט־געפאַרבטען טיש, דעם ריין־געשייערטען מאָזאַאיק־פּלאַסטער אין אַ פאַרלאַנגע פון קויטיגער ערד, דעם „גלוי־ראָש" פון דר. צפרוני אין מיין רבינ'ס בעפע־דערטע יאַרמאַלקע — האָט מיך אָבער געשטערט די ספרדישע הברה. דער „פּתח" קענען וועלכען איך האָב אַ פאַראורטייל נאָך פון אַלטע צייטען אָן, האָט זיך אַזוי אפּט ווידערהאָלט אין די ווערטער „חזקה" (חאַזאַקאַ), „טענה" (טאַינאַ) א. ז. וו., אַז מיין איינבילדונג האָט בשום אופן ניט געקענט פערוואַנדלען דעם תלמוד־לעה־רער פון דער הרצליה אין דעם ק מ צ ' ד י ג ע ן גמרא־מלמד פון מיין קינדהייט.

ביי די פראַגעס וואָס דר. צפרוני האָט געשטעלט זיין קלאַס, האָט זיך מעהר פון אַלע אויסגעצייכענט אַ מיידעל פון זעכצעהן יאָהר, מיט שוואַרצע טיעף־ערנסטע אויגען...

דער אונטעררייכט אין דער גימנאַזיע איז פאַר בייד־

דע געשלעכטען צוזאמען. בחורים און מיידלעך זיצען אויף איין באנק, איינער נעבען אנדערען.

די גרינדער און לעהרער פון דער גימנאזיע האבען אלע זייערע בעגריפען וועגען ערציהונג גענומען, קענטיג, פון דער שווייץ, וואו די מעהרסטע פון זיי האבען זייערע דאקטאר־דיפלאמען געקריגען, און גלויבען אז אנהויבען מוז מען תמיד מיט דעם „לעצטען ווארט".

אין די פעראייניגטע שטאאטען, וואו דער אומגאנג צווישען מענער און פרויען אין דעם געוועהנליכען לעבען איז פרייער, מיר דאכט, ווי אין אלע לענדער פון דער וועלט, איז דאך צוזאמען־אונטערריכט (Co-Educational System) נאך אויך ניט מעהר ווי א פראבע, און עס וואלט אפשר ניט געשאדט, אויב די תל־אביב'ער גימנאזיע וואלט זיך ניט אזוי געאיילט איינצופיהרען א סיסטעם וואס קען ניכער אויסגעטייטשט ווערען ווי דער אולטרא־ראדיקאליזם פון דעם געוועזענעם ישיבה־בחור, איידער ווי א סימן פון געזונדע פארטגעשריטענקייט.

איך האב בעזוכט די לשכת העבודה (ארבייט ביורא) וואס די פועלי־ציון האלטען אויף אין יאפא.

די איינוואנדערונג האט זיך די לעצטע צייט זעהר שטארק פערגרעסערט. א היבשען חלק אין דער דאזיגער פערגרעסערונג האט די רוסישע שיף־געזעלשאפט, וואס האט ארונטערגעלאזען דעם מקח פון שיפסקארטען. די

נסיעה פון אדעס ביז יאפא קאסט איצט סך הכל פער־צעהן רובעל.

קומען אז מיט יעדער שיף א סך יונגע לייט, פאר וועלכע מען דארף געפינען ארבייט אין שטאדט אדער אין די קאלאניען און דער ענערגישער בלומענפעלד, וואס פערוואלטעט די ארבייט ביורא, האט זיינע הענד פול.

די ארבייטס־ביורא דיענט אויך אלס פאסט־אפיס פאר די ארבייטער. א גרויסע צאהל פון זיי קריגען זייערע בריעף אויף דער אדרעס פון דער ביורא.

בלומענפעלד דערצעהלט מיר, אז אויסצוגעפינען דעם אדרעסאט איז ניט תמיד א לייכטע ארבייט. זיין ערפאהרונג האט איהם שוין געמאכט פאר א מומחה אין הלכות אדרעסען. אזעלכע אדרעסען ווי „אפצוגעבען דעם סטאליער", אדער „אפצוגעבען מיין מאן", זיינען ביי איהם א קינדער־שפיעל. לעצטע וואך אבער האט ער גע־האט אן אדרעס „אפצוגעבען דעמזועלבינגען".

איך בין געווען טשיקאווע צו וויסען וויפיעל פראָ־צענט פון די פועלים, וואס קומען אין פאלעסטינא, פער־בלייבען אויף תמיד. האב איך אויסגעפונען, אז בלויז א קליינער פראצענט. זיי קומען געוועהנליך אין גרויסע מאסען פאר פסח און צושפרייטען זיך איבער די קא־לאניעס. ארבייט מען בייטאג אין די „ביארעס" און אויף די כרמים, און ביינאכט זינגט מען „יה חי לי" און מע טאנצט ביז מע פאלט פון די פיס, אדער מע שפאצירט

אויף די בערגלעך און צווישען די גערטנער, און עס איז א יום טוב.

פיבערט מען אונטער אביסעל, איז מען עס מקבל באהבה. עס איז דאך ארץ ישראל און די הימלען זיינען אזוי שעהן, און מען איז יונג און מע פייערט די בעפריי־אונג פון דער צוריסענקייט אדער דער וואכעדיגער קליינ־ליכקייט פון דעם לעבען אין דער היים...

געהען אוועק וואכען און מאנאטען. און די שוואַ־כערע, וועלכע זיינען די מעהרערע, ווערען אפהענגדיג, פערלירען דעם מוטה און איין טאג בעשליסט מען זיך און מע פאהרט אוועק, ווער אין אמעריקא, ווער אין אפריקא און ווער גאר צוריק אהיים.

ניט אויסגעהאלטען די פראבע...

בלייבען די געלייטערטע, די אויספראבירטע, די קעמפפער און פיאנערען, שלאגען זיי ווארצלען און ווע־רען די בעסטע און געזינדסטע עלעמענטען פון דעם ישוב...

XXII.

פאַרשווינען

אין מתנות זיינען זיי געקומען צו דעם טעמפעל
פון נאָהנטען און פון ווייטען איילענדיג; דער שטעמפעל
פון רייגעם גלויבען איז אויף אלעמענס געזיכטער
געווען, און אויף די הערציער ווער קען זיין
אַ ריכטער?
דאָך מעהר ווי איינער האָט אין ברוסט'ס
געהיימע פאַלטען
געבראַכט די ליבע צו דעם גאָלדנעם קאַלב בעהאַלטען...

די צאָהל פון די שילער אין דער גימנאַזיע וואַקסט. צו יעדען קלאַס האָט געמוזט געעפענט ווערען א פאַראַלעל קלאַס. אַנדערע קלאַסען האַבען צו צוויי פּאַראַלעלען. עס זיינען דאַ תלמידים פון אַלע טהיילען פון איירא‌פּאַ, פון די פעראייניגטע שטאַאטען, פון זיד־אַמעריקא, פון אַפ־ריקאַ. געווען אויך איינער פון שפּאַניען.

צו דערזעלבער צייט קומען כמעט יעדען טאָג אַז נייע מענשען, טהייל אויף א טור, טהייל זיך צו בעזעצען פון תענוג און רוהיגקייט וועגען, און טייל צו טהאָן מסחר. וואו מען קעהרט זיך ווערען געבויט נייע הייזער.

אויף אַלע גאַסען בענגענענט מען קעמלען בעלאַדען מיט בוי־שטיינער און עזלען בעהאַנגען פון ביידע זייטען מיט זעק אָנגעשאָטען מיט זשוויר.

אַזוי שנעל ווי אַ הויז ווערט פאַרטיג, איז עס פערנומען, און דירות זיינען בראַנד־טהייער.

מיר האָבען געזוכט אַ וואוינונג און האָבען בשום אופן ניט געקענט קריגען. ה׳ גראַזאָווסקי האָט אונז רעקאָמענדירט אַז אַלטען פּערטערבורגער סוחר, וואָס לעבט פון אַלעם פאַרטיגען, אַ איד וואָס האָט אַמאָל געשריבען אַ חבור מיט׳ן נאָמען ״ואו המהפך״ און האָט איהם אָפּגעדרוקט אויף אייגענע הוצאות. איצט טראָגט ער זיך אַרום מיט געוואַלדיגע פּלענער ווי אַרויסצוציהען בעמישע שטאָפּען פון מייער־קעפּלעך.

אַזוי ווי דער איד איז אינגאַנצען ״דיער דא באבא״ און האָט אַ וואוינונג ווי אַ פעלד, וועלען מיר אפשר קענען דינגען ביי איהם צוויי צימערען אין גלייכען געלד, — אַזוי זאָגט אונזער פריינד גראַזאָווסקי.

איך כאַפּ זיך אַז, אַ איד אַ בעל־חלום, וואָס דרוקט ספרים אויף זיין אייגענעם חשבון, איז פאַר אונז ווי געוואונשען. בעררייסען וועט ער ניט. מע וועט נאָך אפשר מוזען זיך שטאַרק בעטען ער זאָל אָננעהמען דירה־געלד.

לאָזט זיך אויס, אַז „ואו המהפך״ איז זיך „ואו המהפך״ און דירה־געלד פערגינט זיך דער איד בעטען פאַר צוויי צימערען אַזוי פיעל וויפיעל איהם קאָסט די גאַנצע וואוינונג. לכתחילה איז ער טאַקי נים געקומען

צוליעב רוחים, אבער אז עס איז יא אזא געיעג אויף דירות אין תל־אביב, פארוואס זאל איהם אויך ניט עפעס צופאלען ?...

פיכמאן עצה'ט מיר זאלען דינגען א וואוינונג אין ,,חברה חדשה״, א ניי־צוגעבויטענע פערטעל פון תל אביב. דאס הויז וואס ער ווייזט אונז אן איז נאך ניט אין גאנ־צען פארטיג, אבער דער אונטערשטער עטאזש איז שוין פערנומען און טאקע פון דעם איינענטהימער אליין.

מיר געפינען דעם בעל־הבית אין הויף. א קורצער, פעסט־געבויטער, ריהרעוודיגער אידעל נעהנטער צו זי־בעציג ווי צו זעכציג, די האאר וויס, אבער די אויגען פריש לעבעדיג. ער דערצעהלט מיר, אז ער קומט פון סי־ביר, איז אמאל געווען אין פילאדעלפיא, האט שוין אויס־גע'מסחר'ט א וועלט. אויף דער עלטער, אז גאט האט איהם געהאלפען און ער האט גענוג פאר זיך און זיין אל־טעטשקע צו לעבען אין נחת און אין פריעדען, איז ער גע־קומען אין תל־אביב. זיצען מיט ליידיגע הענד איז ער ניט געוואוינט, האט ער זיך פון צייט־פערטרייב וועגען אויפגעבויט א דריי־פיער הייזער און פערדינגט זיי.

און פאר איין גאנג פיהרט ער אונז אריין צו זיך און ווייזט אונז זיינע אויוועגס. ער האט ליעב אויוועגס, האט ער זיך איינגעשאפט אלע מינים. איינעם א קאכלע־אויווען פון שעהנקייט וועגען. דערנאך א אויווען צו שטע־לען טשאלענט און ביי דער זייט א פראנצויזיש אויוועלע.

— נו ווי געפעלט אייך מיינע אויוועגס?

איך ליב זיי אין טאג אריין און חשבון וויפיעל צעהנדלינגער פראנק מיינע שבחים וועלען מיר איינברייני־גען אויף דירה געלד.

לאזט זיך אויס, אז אויוועגס איז זיך אויוועגס און פאר איין ניט־מעבלירטען צימער פערגינט זיך דער איך צו בעטען פינף און זיבעציג פראנק א מאנאט.

פערדריסט מיר שוין מיין ליוב־געזאנג צו די אוי־וועגס, אבער עס איז צו שפעט.

דער מקח פון גרונד־אייגענטהום איז צעהנפאך גע־שטיגען און עס איז אן אויסכאפעניש אויף לאנד.

מע קויפט ערד אויף שפעקולאציע און מע פערקויפט מיד ליד איידער מע האט נאך א שטר מכירה ארויסגע־נומען. מע דינגט הייזער כדי זיי ווידער צו פערדינגען פאר א העכערען פרייז, און מע בויט הייזער כדי זיי צו פערקויפען איידער דער קאלך וועט נאך טרוקען ווערען. דער כלל — עס רודעלט זיך כמנהג אמעריקא.

איך האב זיך געטראפען מיט א אידען פון הארט־פארד, קאנעקטיקוט. קוים מיר דערלאנגט א שלום־עליכם, הויבט דער איך אן מיר דערצעהלען וואס פאר א גוט לאנד ארץ ישראל איז און גיסט זיך פאנאנדער וועגען „תחית האומה" און „גאולת הארץ" און „כבוש העבודה". אגב אורחא דערצעהלט ער מיר, אז ער האט די אגענטור פון א גרויסער אמעריקאנער פירמא אויף שלעסער און זא־וויעסעם און אנדערע אייזענווארג, וואס מען דארף צום

בויען. א חוץ דעם נעהמט ער אליין אן קאנטראקטען אויף בויען הייזער.

איך האב פערשטאנען, אז דער איך טהוט דא ״גוטע ביזנעס״, און איך האב ניט געקענט גענוי קלאר ווערען ביי זיך, צי זיינע שבחים זיינען דער רעזולטאט פון זיין מאנאפאל אויף זאוויעסעם, אדער זיינע רוחים זיינען דער גערעכטער לוין פון זיין ציוניזם.

שפעטער האב איך אויסגעפונען, אז דער קאנעקטי־קוטער ״בויער״ פון דעם נייעם ״ישוב״ און דער צושטע־לער פון אמעריקאנישע זאוויעסעם, בעשעפטיגט בלויז אראבער ביי זיינע בנינים... די אידישע ארבייטער זיינען צו ראדיקאל — צו ראדיקאל צו ארבייטען פאר הונגער־לוין.

פאר זיך אליין האט דער קאנעקטיקוט׳ער „קבלן״ (בוי קאנטראקטאר) אויפגעבויט א שעהנעם צוויי שטאָ־קיגען מויער, ניט ווייט פון דער גימנאזיע, איבער דער טהיר אין גרויסע, גאלדענע בוכשטאבען, איז אויפגעשרי־בען דער פסוק פון ישעיה: ו ב נ ו ב ת י ם ו י ש ב ו (און זיי וועלען בויען הייזער און וואוינען אין זיי).

מיט אמת־אמעריקאנישער עניוות האט ער אויס־געלאזט צו דערמאנען דעם נאמען פון דעם בוי־קאנטראק־טאר, וואס ישעיה האט געהאט אין זינען...

פון זיין גרויס איילעניש צו ערפילען די ע ר ש ט ע העלפט פון דעמדאזיגען פסוק, זיינען איינינגע פון די בנינים, וואס ער האט געבויט, איינגעפאלען איידער די צ ו ו י י ט ע העלפט פון פסוק איז מקוים געווארען.

אין איינעם פון זיינע הייזער האט שיער־שיער ניט פאסירט א שרעקליכער אומגליק. צוליעב דעם דוחק אין דירות, האט א האנד־ווערק שוהלע אריינגעצויגען אין דעם בנין איידער ער איז נאך געווען אין גאנצען פארטיג. א האלבע שעה נאך דעם ווי דרייסיג מיידלעך האבען פערלאזען די שוהלע איז דער בנין איינגעפאלען.

הכל כמנהג אמעריקא...

XXIII.

ווינד־מיהלען

מיין יונגער בעקאנטער, דער גימנאזיסט פון אכטען קלאס וואס איז מיין אינפארמאציאן־ביורא וועגען אלצדינג און אלעמען, זאגט אז איך מוז דורכאויס זעהן דעם אלטען מיכל האלפערן. דאס איז — זאגט ער — איינער פון די מערקווירדיגסטע טיפען וואס מע קען געפינען אין ארץ ישראל.

זיין אין תל־אביב און ניט זעהן מיכל האלפערן איז נאך א גרעסערע שאנד, ווי זיין אין רוים און ניט זעהן דעם פאבסט.

א געבירטינגער איז דערדאזיגער האלפערן פון ווילנא. זיין טאטע איז געווען א פראצענטניק, א שיילאק, וואס איז געווען בעקאנט אין דער גאנצער סביבה מיט זיין מורא־דיגער קארגשאפט. אז דער קמצן איז געשטארבען, האט ער איבערגעלאזען א פערמעגען פון מעהרערע הונדערט טויזענד רובל און אן איינציגען יורש — זיין זוהן מיכל׳ן.

און דא הויבט זיך אן מיכל׳ס בונטע און אינטערע־סאנטע קאריערע.

קודם כל, האט דעם קארנעז׳ם זוהן אנגעהויבען א לעב טהאן אויפ׳ן גרויסען פוס, געפאהרען אויף קארעטעס נאשפיץ, געהאט אסך משרתים און געוואוינט ווי א גראף.

אז ער האט זיך שוין געהאט אנגעהוליעט, האט ער גענומען פלאנעווען אלערליי גרויסע אונטערנעהמונגען, וועלכע ער האט קיינמאל ניט אויסגעפיהרט. צווישען די דאזיגע פלענער איז אויך געווען די ארויסגאבע פון א ריע־זינער תלמודישער ענציקלאפעדיע.

שפעטער פאהרט ער אפ קיין ארץ ישראל, גרינדעט א פאבריק צוזאמען מיט א שותף און פטר׳ט א גרויסע סומע געלט אין גאר א קורצער צייט. פון יענער צייט ווערט דערצעהלט, אז ער אליין האט איין מאל אנגעפיהרט א סטרייק פון די ארבייטער קעגען זיין אייגענער פאבריק.

פארטיג געווארען מיט דער פאבריק, קעהרט ער זיך אום צוריק אין רוסלאנד, און ווארפט זיך אריין מיט לייב און זעעל אין דער סאמא־אבאראנא, די ס. ס. און אנדערע רעוואלוציאנערע בעוועגונגען.

נאך א צעהן־צוועלף יאהר פערבענקט ער זיך ווידער נאך פאלעסטינא, און פאהרט צום צווייטען מאל אהין אוועק.

פון דער גאנצער ירושה זיינער איז איהם מעהר גאר־נישט געבליבען און ער מוז זיך און זיין ווייב און קינדער ערנעהרען מיט דעם וואס ער איז א שומר.

אבער אז מע קלייבט נדבות פאר די יונגע טערקען און מיכל האלפערן האט ניט קיין צובראכענעם „קאבאק" ביי זיין לייב און לעבען — טהוט מיכל האלפערן אויס

זיינע גרויסע רוסישע שטיוועל און שענקט זיי אוועק פאר דער מערקישער רעוואלוציאן, און אליין געהט ער אוועק בארוועס אהיים.

מיט א פאאר יאהר צוריק שרייבט ער אריין אין א טעגליכער אידישער צייטונג אין ניו יארק „אן אפענעם בריעף", אין וועלכען ער אפעלירט צו דעם אידישען פאלק, פאר א סומע פון פופצעהן מיליאן דאלאר. פאר דיזאזיגע סומע גאראנטירט ער אריבערצוברענגען א מיליאן אידען פון גלות און זיי בעזעצען אין ארץ ישראל.

אויב ער וועט די זאך ניט אויספיהרען, נעהמט ער אליין אויף זיך א שטראף פאראויס, און זאגט צו דעם כלל ישראל, אז ער וועט זיך שיסען.

ער שטעלט זיך איינמאל אוועק אין מיטען גאס אין יאפא מיט א שווערד אין דער האנד און טהוט א געשריי:

— מיר מוזען בעצווינגען אונזער לאנד, איין מאל פאר אלע מאל, עס מוז נעהמען א סוף!

און גלייך אויפ'ן שטעל, כדי צו בעווייזען אז ער איז גרייט צו טהאן זיין חלק און וועט זיך ניט אפשטעלען פאר קיין זאך, גיט ער זיך אליין א זעץ מיט דער שווערד און האקט זיך שיער ניט ארונטער דעם ארעם.

דאס האט איהם געקאסט שעהנע עטליכע וואכען אין האספיטאל, אבער זיין ענטהוזיאזם האט עס ניט אפגעקיהלט אויף א האאר.

הערענדיג אזעלכע ספורים, בין איך געווען טשיקאווע דעם אלטען צו זעהן און האב געבעטען מיין גימנאזיסט, מיך מיט איהם צוזאמענברענגען, אזוי שנעל ווי מעגליך.

איין טאג, ווען איך שטעה אנגעשפארט אויף דער שטיינערנער וועראנדא פון אונזער פאנסיאן, קומט ארויף א מאן פון א יאהר פינף און פופציג, מיט ווייסע האאר וואס הענגען צופאטעלט איבער די שולטערען, א ברייטער ווייסער באָרד, און קליינע שווארצע גוטמוטהיגע אויגען וואס שמייכלען קינדיש. אנגעטהאן איז ער געווען אין א ווייסער לויזער בלוזע מיט א ברייטען לעדערנעם גאר־טעל, און א גראבען פילצענעם הוט.

פון וויטען האט מען איהם געקענט נעהמען פאר טאלסטאי'ען.

ער דערנעהנטערט זיך צו מיר:

— שלום! איהר זייט אדון יהואש פון אמעריקא?

— יא.

דערלאנגט ער מיר א ברייטע ווארעמע האנד:

— איך בין מיכל האלפערן.

איך קווינקעל זיך איהם צו דערמאנען וועגען זיין ארטיקעל אין דער ניו יארקער צייטונג. איך קלער, ער האט שוין אודאי פערגעסען אן דעם, און שעהמט זיך דערמיט... רעד איך האלבע ווערטער, רונד ארום, און האב מורא צו קומען צו דעם עצם ענין.

אבער ער פערשפארט מיר די אלע דיפלאמאטישע קונ־צען. ער אליין לאזט זיך תיכף אריין מיט מיר אין א שמועס וועגען דעמדאזיגען פלאן, אין וועלכען ער גלויבט איצט אזוי פעסט ווי ער האט געגלויבט דאמאלס ווען ער האט זיך געווענדט צום כלל ישראל מיט אן אפענעם בריעף.

דער פּלאַן איז קלאָר ווי דער טאָג: „סקאַטאַ־וואַדסטוואַ"...

אידען דאַרפען זיך נעהמען צו „סקאַטאַוואַדסטוואַ".

„סקאַטאַוואַדסטוואַ" פאָדערט כמעט קיין געלד נישט.

„סקאַטאַוואַדסטוואַ" כפּל'ט זיך אַהן אַ שיער אין אַ גאַנץ שנעלער צייט, א. א. וו.

„סקאַטאַוואַדסטוואַ" וועט אויפבויען דעם אידישען פאָלק און וועט ברענגען די גאולה, מיר מוזען ווערען בע־דואינען.

איך זעה אַז דאָס וואָרט „סקאַטאַוואַדסטוואַ" איז ביי איהם אַ ליעבלינג־וואָרט.

— די „אידעאַליסטען" — היצט ער זיך פאַנאַנדער — זיינען די איינציגע וואָס האָבען עפּעס אויפגעטהאָן. משה רבינו, קריסטוס, מחמד, לאַיאָלאַ (ער האָט בפרוש געברויכט דעם לעצטען נאָמען), זיינען די איינציגע וואָס האָבען עפּעס אויפגעטהאָן. די „רעאַליסטען" (לשונו ממש) האָבען קיין זאַך אויפ'ן לעבען ניט אויפגעטהאָן.

— דאָס לאַנד מוז מען בעצווינגען מיט מאַכט. מלחמה האַלטען מוז מען. בחרבי ובקשתי, אחד העם'ס מרכז רוחני פיהרט צו קיין זאַך ניט, קעמפּפען מוז מען — און זיינע פויסטען באַלען זיך.

דערביי שמייכלען די גוטמוטהיגע קינדישע אויגען אזוי ווי זיי וואָלטען זאָגען:

— הערט איהם ניט, ער איז בטבע אַ ווייבער, מיל־דער מענש...

ער דערצעהלט מיר, אַז אין דער צייט פון דער ער־

שטער רעוואָלוציאָן פון די יונג־טערקען, האָט ער צוזאַ־מענגעשטעלט אַ אידישע ראָטע, וואָס האָט געזאָלט איבער־נעהמען אויף זיך די שמירה פון דער שטאָדט, און פערנעה־מען דעם פּלאַץ פון די סאָלדאַטען פון דעם יאַפאַ'ער גאַר־ניזאָן, וועלכע האָבען געזאָלט מאַרשירען קיין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל.

האָט זיך אָבער די רעוואָלוציאָן געענדיגט איידער עס איז דערצו געקומען. געבליבען איז איהם נאָר אַ בילד אויף וועלכען ער איז פאָטאָגראַפירט צוזאַמען מיט אַנ־דערע טערקישע אָפיציערען און אונטער זיין נאָמען שטעהט: “Capitain de la brigade Juive”

(קאַפּיטאַן פון דער אידישער בריגאַדע).

מיין קאָראַק האָט מיך גענומען רופען: פאָטאָגראַ־פיר דעם „קאַפּיטאַן פון דער אידישער בריגאַדע...” האָב איך דעם נסיון ניט געקענט ביישטעהן.

ער האָט איינגעוויליגט, נאָר בתנאי איך זאָל דאָס בילד קיינמאָל ניט געברויכען פאַר אַ צייטונג אָדער אין דער עפענטליכקייט. אָבער אין די קינדערשע אויגען פון דעם „קאַפּיטאַן” האָט זיך געפיעסטעט די פערבאָרגענע האָפנונג, אַז איך זאָל ע ו ב ר זיין אויף דעם תנאי...

האָב איך ארויסגעבראַכט מיין קאָראַק און מיר זיינען ארונטער פון דער וועראַנדאַ. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט ניט ווייט פון הויז און די זון האָט איהם תיכף אָפּגעגאָ־סען פון קאָפּ ביז די פיס. אָנגעצילעוועט דעם אַפּאַראַט, אַ קוק געטהאָן אין דעם פּרוב־שייבעל און געזעהן ווי דער אַלטער שמייכעלט גוטמוטהיג אין זיינע ווייכע וואָנצעס.

האב איך א ציה געטהאן דאס העקעל און זיך אפגעגעבען „מזל־טוב" אויף מיין געלונגענער שטיקעל ארבייט.

שפעטער מיט טעג ווען איך האב דעם פילם געלאזט ענטוויקלען, האט זיך ארויסגעוויזען, אז די השגחה האט מעהר בעשיצט דעם קאפיטאן'ס עניוות ווי ער אליין. שטאט מיכל האלפערן איז ארויסגעקומען א מין אנצוהער־רעניש אויף א רוסישען העמדעל מיט אן אונבעשטימטען פלעק וואס האט געזאלט בעדייטען א קאפ...

אין פערלויף פון דעם געגויען יאהר וואס איך האב פערבראכט אין ארץ ישראל, האב איך זיך בעגעגענט מיט נאך אנדערע מיטגליעדער פון דאן קיכאט'ס משפחה.

איינער פון זיי א קאלאניסט פון גדרה, א איד אין די זיבעציגער, איז געקומען אין רחובות אומיסנע מיך צו זעהן, וויל — זאגט ער — ער האט געהערט אז איך האב געמאכט איבערזעצונגען פון תנ"ך אין „זשארגאן". איז ער מיר געקומען זאגען, אז ער אליין האט מיט כמה יאה־רען צוריק געמאכט אן איבערזעצונג פון „שירת האזינו".

מיר שמועסען זיך פאנאנדער. דערצעהלט ער מיר אין איין אטהעם, אז ער איז אן אייניקעל פון דעם ש"ך, אז ער האט א גרויסע געמישטע ווירטהשאפט אין „גדרה", און אז ווי אלט ער איז, ארבייט ער נאך אין פעלד צו־זאמען מיט זיינע ארביימער.

ער שטרעקט אוים זיין ארעם און הייסט מיר פיהלען.

איך טהו זיין רצון : אייזען־שטארק...

שמייכעלט ער :

— הרי אני כבן שבעים שנה (איך בין א מאן פון זיבעציג), און ווי איהר זעהט מיך, קען איך נאך אויך איצט צואקערען א פעלד איינער אליין.

האט ער קינדער ?

— יא, א זוהן — און דער שמייכעל פערשווינדט...

— ער טאר אין דער קאלאניע ניט זיין. ער געפינט זיך אין גליל... געווען א געשלעג צווישען אידען און אראבער... האט זיך אן אראבער אויף איהם ארויפגעווארפען : א יונג א גבור איז זיין זוהן, האט ער דעם אראבער א קלאפ געטהאן, א צו שטארקען קלאפ, געמיינט בלויז צו פערבלוטיגען, און אויסגעלאזען האט זיך א מארד..

אראבער און אידען האבען זיך דערנאך אריינגעלעגט אין א שלום. די אראבער קענען דעם אלטען. מע האט מיט די גואלי הדם צוזאמען א שעפס געשאכטען און דאס פלייש געגעסען, אבער ווען זיין זוהן זאל זיך בעווייזען, קען מען דאך ניט זיכער זיין, עמיצער פון די גואלי הדם זאל ניט וועלען איינמאהנען דאס פערגאסענע בלוט...

ארבייט ביי איהם אן אראבער, איינער פון די גואלי הדם, איז ווען ער, דער אלטער, איז אמאל מיט איהם אין פעלד אליין, אויג אויף אויג, דערזעהט ער ווי ביי יענעם צינדט זיך אן א פייערעל און ער איילט זיך אפצוטרעטען.

און אז מיר שמועסען ווייטער, קומען מיר צום עיקר :

ער טראגט זיך שוין פון יאהרען און יאהרען ארום מיט א פלאן ווי אנצושיטען א טייל פון דעם ים־הגדול און עם פערוואנדלען אין יבשה...

אין זיין צוואה האט ער בדעה צו לאזען דערויף א גע־

וויסע סומע וואָס זאָל צוועקגעלעגט ווערען אויף פּראָצענט, און פּראָצענט ד'פּראָצענט, און ווען עס וועט זיך אָנזאַמ־לען אַ גרויסער קאַפּיטאַל, זאָל מען זיך נעהמען צו דער ארבייט...

מיין פראגע: צו וואָס אָנפּילען אַ טייל פון ים, ווען דריי־פערטעל פון דער יבשה פוסטעוועט? וויל ער אפילו גאָרנית הערען.

— מע דאַרף האָבען וואָס מעהר לאַנד...

XXIV.

אַ בריעף

טהייערער...

... דאָס צו קענען פערשטעהן, מוז מען זיין אין ארץ ישראל. און אפשר קען מען עס גאָר ניט און מע דאַרף עס גאָר ניט פערשטעהן... מע פיהלט עס היע אין דער לופט, מע פיהלט עס אין די אָדערען און אין די מוסקולען און אין יעדער הארצקלאַפּ. אַט די אַלע קשיות וואָס מע האָט אָנגעגרייט פון פריהער, און אויף וועלכע מע האָט ערוואַרט דאָ צו געפינען אַן ענטפער — זיי ווערען דאָ ניט פערענטפערט. נאָר דו כאַפּסט זיך אויף איין פריהמאָרגען און דאָס גאַנצע פינסטערע געזינדעל איז מעהר ניטאָ. איבערנאַכט זיינען זיי אַלע פערשוואונדען, ווי אַ וויסטער קאָשמאַר, און קיין זכר איז פון זיי ניט געבליבען...

דו טרויסט ניט. קלערסט אַז ערגעץ האָבען זיי זיך פערלויערט... זוכסטו זיי ווי מיט ליכט און קענסט זיך קוים דערמאָנען ווי זיי האָבען אויסגעזעהן.

דו פערלאַנגסט ניט מעהר אַ פּתרון אויף דיין צוריסענעם חלום. דו זעהסט ארום זיך די פעסטע העלע ווירקליכקייט און דו צווייפעלסט אויב דו האָסט גאָר ווען עס איז אַזאַ מין חלום געהאַט.

ארץ ישראל האָט איהר אייגענע לאָגיק, אַזוי ווי יע־דער גרויסער גלויבען האָט זיין אייגענע לאָגיק. די ביליגע וואָכעדיגע לאָגיק הויבט דאָ ניט אָן צו טויגען. מיט איהר וועסטו דאָ גאָרנישט מאַכען...

יענער שוואַרצער בלייערנער וואָלקען וואָס איז נעך־האַנגען אויפ'ן געמיטה און האָט אָפּגעשלאָפּט און אָפּהענ־דיג געמאַכט, איז פון דער העלער ארץ־ישראל'דיגער זון צוקראַכען.

איצט ערשט אַז איך בין אין ארץ ישראל און מיין נשמה פיהלט זיך זיכער מיט דער צוקונפט, הויב איך אָן צו פערשטעהן וויפיעל שווערע שטיינער עס האָבען אויף מיין הארצען געדריקט אין גלות... איצט ערשט זעה איך וואָס פאַר אַ כח איך האָב זיך געמוזט דאָרט אָנטהאָן כדי צו ג ל ו י ב ע ן, כדי ניט אַרונטערגעשלעפּט צו ווע־רען פונ'ם יאוש...

אַ בריק פון שפּינוועבס און אונטען אַזאַ תהום, און ער האָט געצויגען און געצויגען...

...ארץ ישראל איז דער עיקר און דער צענטער. אין דער העברעאישער גימנאַזיע ווערען אַלע געגענשטאַנדען געלערענט פון דעם שטאַנדפּונקט פון ארץ ישראל. אין געאָגראַפיע, ווערט פּאַלעסטינאַ אָנגענומען צו זיין דאָס היים־לאַנד פון די תלמידים, און ממילא דער מיטעל־פּונקט פון וועלכען אַרוים אַלע אַנדערע לענדער דאַרפען געשטר־דירט ווערען.

פאַראַן דאָ אויך תלמידים פון רוסלאַנד און פון אַנ־דערע לענדער, וואָס זיינען בלויז געקומען אהער צו ענדי־

געז זייער קורס, און זיך דערנאָך אומצוקעהרען אין זייער געבורטס־שטאָדט. און דאָך האָט זיך ביי זיי אויך שוין ענטוויקעלט אַ דערדאַזיגער קוק אויף ארץ ישראל, ווי אויף דעם נאָפּעל און דעם צענטער פון אַלע לענדער. אַלע דידאַזיגע לענדער זיינען חוץ־לארץ.

האָבען ניט זייערע עלטערען, לעבענדיג אין שנעע־איגע צפון־לענדער, מתפלל געווען נאָך סכות אויף „גשם", און נאָך פּסח אויף „טל", ווייל אַזוי דאַרף מען מתפלל זיין אין דעם סוב־טראָפּישען ארץ ישראל? ביי די אַלטע איז עס געווען אַן איינגע'חזרטע תפלה און אַ בענקעניש, ביי די יונגע איז עס אַ לעבעדיגע איבערצייגונג און אַ מור־טהיגער ווילען.

איך געה ארום אויף דער גאַס און קוק זיך אריין טיעף אין די אויגען פון די אידען וואָס געהען מיר פאַרביי, איך זעה זייער גאַנג, זייער אויפהויבען דעם קאָפּ, זייער ריידען, זייערע בעוועגונגען, און איך שפּיר אַז אַן ענדערונג איז אין זיי פאָרגעקומען. איך שפּיר אין זיי אַן „עפּעס" וואָס איך האָב ניט בעמערקט אין קיין אידען אין קיין לאַנד אויף דער וועלט...

דאָס איז זיי געקומען מיט דעם אויר פון ארץ ישראל וואָס זיי אָטהעמען אין זיך אריין, דאָס האָבען זיי געקריגען ווען זייער פוס־זויהל האָט די ערד פון זייערע עלטערען בעריהרט. אויף זייער פוס־זויהל האָט עס דידאַזיגע ערד הונדערטער און הונדערטער יאָהרען געוואַרט, און ווי זיי האָבען דעם באָדען בעריהרט, זיינען פערבאָרגענע זאַפטען ארויסגעקוואָלען פון די טיעפעניסען און האָבען זיך אין זיי

אריינגעגאסען, און האבען זייערע נשמות בעפרוכפערט און זייערע הערצער געשטארקט... האט זיך דער רוקען אזוי ווי מיט א כישוף אויסגעגלייכט, און די אויגען האבען אזוי ווי דורך א וואונדער זיך אנגעפילט מיט מוטהינקייט און מיט ווירדע, און די הענד און אלע אברים זיינען געווארען פרייער, זיכערער...

פאלק און לאנד האבען זיך צוזאמענגעטראפען, און די בעגעגענים פון דעם לאנג־צעשיידטען צווילינג איז געשעהן אזוי ספאנטאן, אזוי פול מיט לוסטיגען אימפעט, ווי די בעגעגענים פון א כעמישען זווג...

...דו וואוינסט א י צ ט און איך האב ביז מיט א פאאר מאנאטען צוריק געוואוינט, אין א לאנד, וואו אידען זיינען פריי, זעהר פריי, רייך, זעהר רייך. מיר האבעןביידע געזעהן ווי אונזערע ברידער האבען זיך רחבות'דיג צולעגט אין דער גרעסטער שטאדט פון אמעריקא, און אנגעקוואלען האבען מיר ווען מיר האבען געזעהן אין די טראמוויים און אין די „סאבוועיס" פון ניו יארק, אידען זיצען מיט פאנאנדערגעשפרייטע אידישע צייטונגען ווי ביי זיך אין דער היים.

אבער דעם אויסדרוק וואס די אויגען האבען אין ארץ ישראל, האבען זיי ד א ר ט ניט... אין ארץ ישראל האבען די אויגען זיך ל ח ל ו ט י ן אויפגעהערט אומצודרעהען: וואס וועלען לייט זאגען ?... ס'איז א אידישקייט וואס לעבט א ו י ף זיך און מ י ט זיך און פיהלט אז א דין וחשבון דארף זי קיינעם ניט אפגעבען אחוץ ז י ך אליין, א אידישקייט וואס ציהט פאנאנ־

דער די גליעדער און גרייט זיך צו טהאן גרויסע זאכען...

ניין, דו האסט ניט געטראפען, איך בין ניט פער־בלענדט: ניט אלע וואס קומען אין ארץ ישראל, זיינען ביי מיר העלדען און אידעאליסטען. אבער דאס איז דאך כלל ניט וויכטיג... א נ ז ע צ ע ר י י נעהט דאך ניט אי־בער בירושה און א דור המדבר מוז זיין.

זאלען זיי נאר קומען אסך, אסך. די צייט רדענגט און מע קען זיך ניט שטעלען קלייבען. די גוטע זיינען אפט שווער אויף די פיס. מיר דארפען נאר צאהל, כמות — די א י כ ו ת געהט אונז ווענינ דעראן. פון מיי־נעטוועגען פערד־גנבים, דעם פערד־גנב'ס זיידע איז א שעהנער איד געוועזען, און דעם פערד־גנב'ס זוהן אדער אייניקעל וועט זיין א געזונדער גוטער ארץ־ישראל'דינער בחור...

בענעגען איך איינעם פון יענע קליינע נפשות'לעך וואס זעהען אין דעם „ישוב" בלויז א פעלד פאר זייערע פיצימאנציקע אינטערעסען, וואס שטעלען זיך אויף דעם קארק פון פאלק כדי מע זאל מיינען אז זיי זיינען דער קאפ — אדער איך טרעף זיך מיט איינעם פון יענע שאכער־מאכערס וואס פערטהייערען די ערד און מאכען די מינע פון בויערס און פיאנערען, וואס האבען ציון אויף די לי־פען און דעם עגל הזהב אין די הערצער — ווערט מיר ארץ ישראל ניט אויף א האאר ווענינער ליעב. דיראזינע לייט וועלען ארץ ישראל ניט פעראומרייניגען אדער פערשוועכען. ניכער וועט ארץ ישראל לייטערען און רייניגען, אויב

ניט זיי, איז דיענינגע וואס וועלען ארויסגעהן פון זייערע לענדען.

דאס זיינען די פערפוילטע קערנער פון וועלכע עס וועלען ארויס געזונדע, פולע זאנגען.

הינטער יעדען פון דידאזיגע קליינע מיאוס'ע מענ־שעלעך, זעה איך א שאטען זיך שלייכען, און דער שאטען איז א גאנץ פערשיעדענער פון זיי... דאס איז דער שאטען פון איינעם וואס וועט „הארבען דאס לאנד און וואוינען אויף איהר".

אט זעה, ביי אונז זיינען אויסגעוואקסען „זעליגס" און „דזשיפ דהי בלארס", מינים וואס מיר האבען קיינמאל ניט געהאט. אזוי האט אמעריקא געלייטערט דאס אידי־שע פאלק. פאר יעדער מיליאנער — א „גיינגסטער", פאר יעדער „דזשאדזש" — א ווייסע־שקלאפען־הענדלער.

דא אין ארץ ישראל פאסירט אט־וואס:

א יונגער בחור, א זוהן פון רייכע עלטערען אין א גרויסער שטאדט אין רוסלאנד, איז ארויס לתרבות רעה. ער האט זיך אנגעהויבען חבר'ען מיט גאס־יונגען און מיט אויסוואורפען ביז ער איז אליין געווארען א גנב און א הוליגאן פון ערגסטען סארט. פערוועלט זיך איהם מיט אמאל פרובירען ארץ ישראל. דאס האלב־בעדואינישע לעבען פון די שומרים אפעלירט צו זיין ווילדער אומרוהי־גער נאטור. שיסען קען ער גוט און רייטען רייט ער ווי דער טייוועל אליין. באט ער זיך אן צו דער ארגאניזאציע פון „השומר" און ווערט אריינגענומען.

איצט איז ער איינער פון די איבערגעבענסטע און אידעאַליסטישסטע חברים פון דערדאָזיגער העלדישער גרופּע.

ארץ ישראל האָט איהם מתקן געווען...

אין ארץ ישראל וועט די גאַנצע אידישקייט געפינען איהר תקון. די פרייד און די ליכטיגקייט פון תורת משה און פון די נביאים, איז פערפינסטערט געוואָרען מיט שרעק און מיט בילדער פון טויט... פערצויגען געוואָרען מיט אַ דיקען שפּינוועבס פון מרה שחורה. אַזוי ווי די אידען האָבען אומגעוואַנדערט אין גלות, אַזוי האָט די שכינה אומגעוואַגעלט, אַזוי איז דאָס ליכט און די העלקייט פון דעם אַמאָליגען אידישען לעבען פער'מיאוס'ט געוואָרען... אַ נר־תמיד האָט געצאַנקט, און אַ קליין ווינקעלע נעבען ארון קודש, האָט עס פון דעם חושך קוים אָפּגע'גנב'עט... איצט וועט עס ווערען אַ גרויסע זון. די אידישע זוניגקייט און די אידישע פריידיגקייט וועלען געפינען זייער אויסלייזונג.

די קוואַל פון עצבות איז אונמאַכטיגקייט, די קוואַל פון פרייד איז מאַכט. מיר וועלען איצט מעכטיג ווערען און אונזער לעבען וועט זיין א י י ן פרייד.

...וויפיעל כחות וועלען אונז איצט צוקומען! דער גרעסטער טייל פלעגט דאָך אין גיוועץ געהן אויף בויען נהעטאָ־מויערען... אונזערע שטאַרקסטע האָבען געמוזט שומרים ווערען און די מויערען היטען, מע זאָל זיך צו אונז איבערנאַכט ניט אריינרייסען אָדער איבערנאַכט זאָל זיך עמיצער פון אונז ניט אַרויס'גנב'ען. אַט די אַלע כחות וועלען איצט בויען תל־אביבס, פּלאַנצען אַראַנזשען־גערטנ־

נער, עפּענען אידישע פאַבריקען און גרינדען אידישע אוּני־וועריזיטעטען...

אונזער אָנקער וועט איצט זיין ניט אין דער פערגאַנגענהייט, נאָר אין דער צוקונפט... ניט מעהר: אין דעם נאָמען און פאַר דעם כבוד פון אונזערע עלטערען, נאָר: אין דעם נאָמען פון אונזערע קינד'ס־קינדער...

דו וועסט עס קיינמאָל ניט פערשטעהן, ווייל עס איז ניט געמאַכט געוואָרען צו פערשטעהן. קום אהער און עס וועט דיר מיט אַמאָל אלץ ווערען קלאָר און ליכטיג ווי דער אוֹר הגנוז... נאָר איין זאַך זאָלסטו מיטברענגען: ליעבשאַפט אָדער, לכל הפחות, דעם ווילען צו ליעבען...

האַס פערשליסט, און דו וועסט אוועקפאָהרען אַזוי ווי דו ביזט געקומען... אפשר נאָך מיט אַנגעזאַמעלטען פראַצענט אויף דעם מיטגעבראַכטען קרן פון האַס און אונצופריעדענהייט און פעהלער־זוכעריי.

און זעה, נאָך איין זאַך וועל איך דיר זאָגען: עס איז איצט די גרויסע התחלה. מע לעגט די ערשטע שטיינער. קום, לאָמיר, ווי קליינע קינדער שטעהן און צוקוקען ווי מע בויט אַ הויז... ד אָ ר ט איז דאָך שוין אַלץ פאַרטיג, אָדער כמעט פאַרטיג.

דיין...